STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01735

# GEOYNIM UN GDOYLIM

Hayim-Haykl Lunski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# גאונים און גדולים

## פון נאָענטן עבר

ספורים און אגדות פון זייער לעבן און שאפן

(מיט פאָטאָגראַפיעס)

פון חיים־חייקל ב״ר שמואל־אשר לונסקי

## תוכן הענינים:


1) דער לעצטער ווילנער רב ר׳ שמואל . . 5

2) הרב ר׳ אברהם דאנציג, מחבר פון ספר „חיי אדם״ 15

3) הרב ר׳ שאול קאצענעלענבויגען, מו״ץ פון ווילנא 35

4) הרב ר׳ אברהם אבלי פאָסוואָלער, ראב״ד פון ווילנא 41

5) הרב ר׳ אייזעלע חריף, רב פון סלאָנים . 65

6) הרב ר׳ אברהם־צבי אייזענשטאַט,
מחבר פון ספר „פתחי תשובה״ 87


### פאָטאָגראַפיעס:


1) פון לעצטן ווילנער רב ר׳ שמואל . . 3

2) פון ווילנער ראב״ד ר׳ אבלי פאָסוואָלער מיט זיין אונטערשריפט 39

3) אונטערשריפט פון בעל „פתחי תשובה״ . 103



1931 ווילנא תרצ״א




LEON KENIGSBERG

# גאונים און גדולים

## פון נאָענטן עבר

ספורים און אגדות פון זייער לעבן און שאפן

(מיט פאָטאָגראַפיעס)

פון חיים-חייקל ב״ר שמואל-אשר לונסקי

### תוכן הענינים:

1) דער לעצטער ווילנער רב ר׳ שמואל . . 5
2) הרב ר׳ אברהם דאנציג, מחבר פון ספר „חיי אדם״ 15
3) הרב ר׳ שאול קאצענעלענבויגען, מו״ץ פון ווילנא 35
4) הרב ר׳ אברהם אבלי פאָסוואָלער, ראב״ד פון ווילנא 41
5) הרב ר׳ אייזעלע חריף, רב פון סלאָנים . 65
6) הרב ר׳ אברהם-צבי אייזענשטאַט,
מחבר פון ספר „פתחי תשובה״ 87

### פאָטאָגראַפיעס:

1) פון לעצטן ווילנער רב ר׳ שמואל . . 3
2) פון ווילנער ראב״ד ר׳ אבלי פאָסוואָלער מיט זיין אונטערשריפט 39
3) אונטערשריפט פון בעל „פתחי תשובה״ . 103

תרצ״א ווילנא 1931

PRINTED IN POLAND

Goanim un gdojlim
fun noentn owar

Drukarnia I. Notesa i S. Szwajlicha Wilno, Wileńska 16


המופלג גאון האב״ד שלשלת היוחסין הרב הגליל
האחרון הרב״ד קרית ווילנא מוהר״ר שמואל
בהג׳ מוהר״ר אביגדור בהה״ג מוהר״ר שמואל זצ״ל
נפטר כא׳ שבט בשנת התקנ״א

# דער לעצטער ווילנער רב ר׳ שמואל און זיין שווער דער יסו״ד (יהודא ספרא ודיינא) ז״ל.

## א.

### זיין יוגנט.

דער לעצטער ווילנער רב ר׳ שמואל איז געבאָרן געוואָרן לערך שנת תצ״ב ביי זיין פאָטער דעם גרויסן גאון און מיוחס ר׳ אביגדור, וועלכער איז געוועזן רב אין פרוזשאני, ראזנאי, וואָלקאָוויסק און זעלווע אין די יאָרן תע״ט—תקכ״ח. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות און זיך באַזעצט ביי זיין זון אין ווילנע, וואו ער איז אויך נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״א. זיין קבר אויפן אַלטן בית עולם אין ווילנע געפינט זיך לעבן זיין זונס קבר.

ר׳ שמואל איז געווען אַ וואונדער שיין און באַגאַבט קינד. זיין גאונות האָט זיך זייער פרי אַרויסגעוויזן און ער האָט אַזוי גע׳שמ׳ט אין דער וועלט, אַז דער באַרימטער יסו״ד האָט אים נאָך אַלס יונג קינד גענומען פאַר אַן איידעם.

זיין שווער דער יסו״ד האָט גענומען פאַר ר׳ שמואלן אַ רבי דעם גרויסן גאון ר׳ אליעזר, וועלכער איז געווען פריער רב אין קראז און איז געזעסן מיט זיין רבי טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה אין כבוד און גדולה.

זיין רבי ר׳ אליעזר איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקכ״ט און זיין מצבה אויפן אַלטן בית עולם איז פון די איינציקע, אויף וועלכע עס שטייט געשריבן מיטן נוסח: „גאון פילוסוף און בקי בשבע חכמות בנגלה ורזין״.

דער יסו״ד איז געווען זייער אַ גרויסע פערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ גרויסער גאון און מיוחס. זיין פאַמיליע איז געווען חב״ת, וואָס איז דער ראשי תיבות פון חנינא בן תרדיון, דאָס הייסט, אַז ער האָט געשטאַמט פון תנא „חנינא בן תרדיון״. ער איז געווען ביים ווילנער רב, ר׳ העשעלע, דער ראש פון די צוועלף דיינים, ווי דער מנהג איז דאַן געווען, און פלעגט אַרויסגעבן אַלע פסקים און כתבים.

מ׳דערציילט, אַז ער האָט געוואוינט אין יידישער גאַס אין הויף, וועלכער רופט זיך איצט „נחום שמש הויף״ (ווייל ר׳ נחום שמש האָט דאָרט אויך געוואוינט). די הויז האָט פריער געהערט צו דער קהילה און איז געווען באַשטימט פאַרן ספרא ודיינא. נאָר ווייל דער יסו״ד האָט געלייגט אויף איר רעמאָנט גרויסע הוצאות און האָט בכלל געגעבן פיל נדבות פאַר דער יידישער קהילה,

דעריבער האָט אים קהל די הויז אַוועקגעשענקט אויף שטענדיק און דער יסו״ד האָט די הויז אָפּגעשריבן פאַר זיין קלויז, וועלכער הייסט, „קלויז יסוד״.

אויסער זיין גרויסע לומדות, איז דער יסו״ד אויך געווען אַ גרויסער עושר, האָט געהאַט פיל געשעפטן און הייזער. דערצו איז ער נאָך געווען אַ גרויסער חכם און שתדלן, ער פלעגט אַראָפּנעמען פיל גזרות פון יידן.

אין יאָר תק״ב, אַז דער מאַגיסטראַט האָט געגויט קהל צו התמענען אַ פּאַפּיר (אַ דעקרעט), אַז די יידן זיינען מסכים, מען זאָל ביי זיי צונעמען אַלע פּריווילעגיעס און זיי טאָרן אַפילו ניט פּראָטעסטירן ביי דער מאַכט, איז דער יסו״ד אויפגעשטאַנען, אַוועקגעוואָרפן אַלע זיינע געשעפטן, אויך זיין קראַנקע געפּערלעכע טאָכטער, זיך מוסר נפש געווען, געלאָפן צו אַלע בישופן, צו אַלע שרים און אַראָפּגענומען פון יידן די גזרה און דעם דעקרעט מבטל געמאַכט.

אויסער זיינע גרויסע שתדלנות לטובת הכלל, האָט זיך דער יסו״ד אויך זייער פיל פאַרנומען מיטן פרט און געווען ביי אַלעמען זייער באַליבט. עס ווערט דערציילט וועגן אַ כאַראַקטעריסטישער דין תורה, וועלכע איז אַמאָל פאַרגעקומען ביי אים: עס זיינען געקומען אַ פאָטער מיט אַ זון ווינטער אין אַ גרויסן פראָסט אויף אַ דין תורה וועגן אַ פעלצל. דער פאָטער זאָגט: אים קומט דער פעלצל, ווייל ער איז אַ אַלטער מאַן, און אים איז קאַלט. דער זון זאָגט: דער פאָטער זיצט דאָך אין שטוב, ער אָבער דאַרף דאָך גיין אין דער קעלט אין גאַס, פאַרדינען חיונה פאַר זיך מיטן פאָטער, דעריבער קומט אים דאָס פעלצל.

דער יסו״ד האָט אויסגעהערט זייערע טענות און רופט זיך אָפּ צו זיי: קומט מאָרגן, וועל איך אייך זאָגן דעם פסק. יעדערער פון אייך זאָל אָבער מאָרגן טענה׳ן פאַרקערט ווי היינט.

דערווייל האָט דער יסו״ד אויף גיך באַשטעלט נאָך אַ פעלצל און אויף מאָרגן, אויסהערנדיק זייערע טענות, ווי דער פאָטער זאָגט׳ אַז דער פעלצל קומט דעם זון, ווייל ער גייט דאָך אין גאַס, און דער זון זאָגט, אַז דער פעלצל געהערט דעם טאַטן, ווייל ער איז דאָך אַן אַלטער מאַן, רופט זיך אָפּ דער יסו״ד:—„קינדערלאַך, איר זייט ביידע גערעכט״. און דערלאַנגט זיי נאָך אַ פעלצל, און זאָגט.—„איצט וועט איר שוין איינע צו די אַנדערע מער קיין טענות ניט האָבן״.

אויסער זיין שתדלנות, איז ער אויך געווען אַ גרויסער נדבן, וואָס וויל־נע האָט אַזוינעם פאַר אים און נאָך אים ניט געהאַט.

אין יאָר 1750 האָט ער מנדב געווען דעם געוועלב אין שול גחש״א פאַר אַ „מקום״ פאַר זיך מיט זיין פרוי אויפן בית עלמין.

אין תקי״ז האָט ער אויסגעבויט „די נייע קלויז״, וועלכע האָט אים אָפּגע־קאָסט איבער 14 טויזנט גילדן, אויך דעם שיינעם אַלמעמער (בימה) אין דער גרויסער שול, די יאַטקעס, פון וועלכע די הכנסה זאָל גיין פאַר דער קהילה און נאָך פיל עזבונות און צדקות אָן אַ שיעור.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ פערזענלעכקייט האָבן אַלע געהאַט גרויס דרך ארץ, דעריבער ווען דער יסו״ד האָט אין יאָר תק״ה געזען, אַז זיין איידעם

איז שוין זייער גרויס אין לערנען, האָט ער זיך געווענדעט צו די פרנסים מיט אַ בקשה, מען זאָל אים אויפנעמען פאַר אַ דרייצנטן דיין אין ווילנע און האָט נאָך אגב צוגעזאָגט צו געבן דער קהילה 1600 גילדן. די אסיפה רבה האָט דערויף מסכים געווען, הגם ווי מע דערציילט, איז ר׳ שמואל דאַן אַלט געווען אינגאַנצן איבער 14 יאָר. פינף יאָר איז ר׳ שמואל געווען דיין, נאכהער איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר ווילנער רב. זיין התמנות אויף דעם ווילנער כסא הרבנות איז פאָרגעקומען אויפן פאָלגנדיקן אופן:

נאָך ר׳ העשלס טויט אין יאָר תק״ט האָט קהל פונאַנדערגעשיקט מודעות אין אַלע שטעט, אַז ווער עס איז ראוי צו פאַרנעמען ווילנער רבנות זאָל קומען.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָבן זיך אָפּגערופן דער גאון ר׳ מנחם כ״ץ און וויזונער רב ר׳ מאיר גינצבורג. דער לעצטער האָט געשיקט אָנזאָגן אין יאָר תק״י דעם יס״וד, אַז ער וועט קומען כ״ח אדר ב׳ און וועט נעכטיקן אין דער פאָרשטאָט אַנטאָקאָלע, כדי קהל זאָל אים קענען קומען אין דער פרי מקבל פנים זיין.

אזוי ווי דער יסוד האָט געוואָלט, אַז זיין איידעם זאָל פאַרנעמען דעם כסא הרבנות אין ווילנע, האָט ער אין זעלבן אָוונט אַוועקגעשיקט קיין אַנטאָקאָליע דעם גאון ר׳ מאיר גינצבורג אַ גרויסע מתנה אים מפצה צו זיין, און אים געבעטן ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין קאַנדידאַטור לטובת זיין איידעם און צוגעזאָגט געבן זיין טאָכטער צו זיין זון פאַר אַ פרוי. און דאָ אין קהל־שטיבל האָט ער צוזאַמענגערופן אַ גרויסע אסיפה פון די גרעסטע נכבדים פון שטאָט און זיי דערציילט וועגן די צוויי ״בנים, אויך וועגן דער גרויסקייט פון זיין איידעם. כאָטש ער איז יונג אינגאַנצן איבער 18 יאָר, ־האָט ער געזאָגט־פונדעסטוועגן איז ער ניט קלענער פאַר זיי הן אין תורה, הן אין חכמה, הן אין יחוס און איז ראוי צו פאַרנעמען ווילנער רבנות. דערצו נאָך האָט ער צוגעגעבן, אַז ער וועט אַריינטראָגן במזומנים אין קאַסע פון דער קהילה 24 טויזנט גילדן.

די פרנסים האָבן איינגעשטימט צו דער בקשה פון יסו״ד, צו געבן זיין איידעם אַ כתב רבנות, נאָר אַזוי ווי ער איז נאָך זייער יונג, זאָל ער זיצן ביי זיין פאָטער דעם גרויסן גאון און זיך פאַרפולקומען אין תורה און דערווייל זאָל דער יסו״ד זיין זיין ממלא מקום.

כ״ח אדר שני פון יאָר תק״י האָט דער גאון ר׳ אריה ליב, וועלכער איז דאַן געווען ספרא ודיינא, דער מחבר פון ספר „נחלת אריאל ומעון אריות״ געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט אויף פאַרמעט דעם כתב רבנות מיט אַן אויסערגעוויינלעכן נוסח.

דאָס איז דער נוסח פונם כתב רבנות:

## למזלא טבא

בתוך אלפי רבבה, שלמא רבא וטבא מאלפא טבא

לרבן טבא, מעמא טבא, יסגי חיי טבא, ריכא ובר

ריכא, יצמיח קרנו בכבוד, ויעלה תורתו וישיבתו
וכסאו רבא מנושא, גבר מגוברין חופש בחדרי תורה
דעת ובינה יהי׳ לעם סגולתו, וה׳ ירום הודו וכבודו
רבנותו, יהי׳ למעלה ברמה עד ביאת מבשר טבא.

בוצינא קדישא עוקר הרים בפלפולא וטוחן זו בזו בסברא, קולו מצפצף בבתי כנסיות ובתי מדרשות, בשרא שמינא אכל אפתורא דדהבא, אתכתכא דפיזא, הוא עולה בסולמו השמימה ויורד בהלכה לעומק. להאיש אשר אלה לו, רוח אלהין קדישין רוח חכמים נוחה הימנו, כתר שם טוב על האי צורבא מרבנן עולה, תורה וגדולה בקנה אחד עולה, אספקלריא המאירה, קולע אל השערה לו נאוה כבוד וגדולה יתנהו ה׳ למעלה למעלה, ה״ה אהובנו אדוננו מורנו ורבינו הרב המאור הגדול, הגאון הגדול האברך אב בחכמה ורך בשנים פטיש החזק מראהו כמראה הבזק עמוד עולם מי הקשה אליו וישלם, לבו כפתחו של אולם והבירא אספקלריא המאירה, המאיר לארץ ירבו ימיו כימי השמים על הארץ כבוד הוד תפארתו שמו הטוב מוהר״ר שמואל בהרב המאור הגדול שלשלת היחוס כבוד מוהר״ם אביגדור נר״ו.

מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק תפארה, פומי׳ ממלל רברבן, זכאין כד שמעין דמנהרין, רזי אורייתא דטמירין, מיניה יתקלס עילאה ותתאה גבר בגוברין, חופש כל חדרי תורה בסדקין וחורין, חורי הבית והעליה, צלל במים אדירים ומעלה מרגניתא דלית לה טימא, ה׳ ינשאהו ויחיהו ויושיבהו על כסאו המנושא עליונים ששו ותחתונים עולצים בקבלת יום זה, את מזה בן מזה אבגינוס בן אבגינוס את פאר הוד מעלתו הרמה עפ״י קבוץ עמים יחדיו הלא המה הגבורים צוללים במים אדירים, נדיבי עמים מטע נעמנים יושבי בשבת תחכמונים, המפורסמים בקצות עפרות תבל ומלואה היושבים ראשונה במלכות חי העולמים, כשתילי זיתים סביב לשלחן מלא שלחן הטהור תפארת קהלתנו יצ״ו, ועמהם כל הנלוים להם, והשייכים לאסיפה רבא אנחנו אלה פה ראשנו כהנינו זקנינו... ארצנו כפי הנהוג בינינו מאז ומקדם היתה לגוי קדוש. בכן בהסכמה אחת ודברים אחדים קבלנו עלינו רועה נאמן על עם לא אלמן... אשר אלהים בו ניחא לן להיות אבוקה נגדינו להשתמש מאורו פה תפארת קהלתנו ואמרנו כולנו באלה אנחנו חפצים... וטוב וברכה להלביש בחלוקא דרבנן ולהיות יום הוד פאר מעלתו הרמה אב״ד ור״מ ורב בקלויז דקהלתנו יצ״ו, כל משך ימי חייו עפ״י הפונקטין בח״י התורנים ארבעה שמשים דקהלתנו מעתה מסרנו על פי הפונקטין לרום פאר מעלתו, שבט מושל ומטה עוז... בשערים המצויינים בהלכה, להיות לו כל הכנסות וחלוקת כבוד שהיה להגאונים הרבנים הקדמונים. ובזה יאריך ימים על ממשלתו, דברינו אלה בכל עוז ותוקף עוז ותעצומות שטרי רבנות הנתן להגאונים הרבנים הקדמונים.

הבאים על החתום, עדה שלמה עדה נאמנה עדת ישורון השייכים לאסיפה כ״ז מנויה וגמורה על פי תקנות חז״ל ועל פי תקנות הקהלה והמדינה. ביום הראשון כ״ח לאדר השני תק״י פה ק״ק ווילנא יצ״ו.

אונטערן כתב הרבנות האבן זיך געחתמט 120 מאן.

דער כתב רבנות איז אויך געווען באשטעטיקט פון פוילישן קיניג און פון ווילנער וואיעוואדע. ווי מיר זעען פון כתב־רבנות, האט מען אים אויסגע־קליבן אויפן גאנצן לעבן, בשעת ווען די פריערדיקע רבנים פלעגט מען אויסקלייבן מער ניט אויף 3 יאר. אויך ביי אלע ווילנער רבנים איז געווען א פונקט, אז זיי מוזן קומען צו אלע ענינים און דין תורות, וואס קהל לייגט זיי פאר, ד״ה — זיין א נכנע אונטער די פרנסים, און ביי אים איז דער פונקט אויך ניט געווען.

זיין ערשטע דרשה אין ווילנער גרויסער שול האט ר׳ שמואל געהאלטן אין זעלבן יאר כ״ח אייר.

דער יסו״ד האט לכבוד דעם, וואס מ׳האט זיין איידעם אויפגענומען אין ווילנע פאר א רב, אויסגעבויט די אויבנדערמאנטע נייע קלויז. ווי מ׳דערציילט, האט ער דאס געטאן לויט דער עצה פון ווילנער גאון, וועלכער האט דארט אגב געזאגט א שיעור משניות פאר גרויסע לומדים. דארט האט אויך דעם בעל הפרדס זון ר׳ מרדכי עפשטיין (גיטקע טויבעס מאן*) געהאלטן אין יאר 1786 א גרויסע ישיבה פאר וואויל־לערנער.

## ב.

## די מחלוקת.

צען יאר האט ר׳ שמואל געלעבט בשלוה. אלע גרויסע גאונים האבן אים אפגעגעבן גרויס כבוד, ווי דער גאון „בעל עטרת ראש״ שרייבט אויף אים אין יאר תקכ״ה „ש״ב הרב הגאון המפורסם מופת הדור״.

מ׳דערציילט אויך, אז דער גרויסער גאון ר׳ אריה ליב דער בעל „שאגת אריה״, איינמאל אפריכטנדיק גלות, גייענדיק פון שטאט צו שטאט און הערנדיק פון דער גרויסקייט פון ווילנער גאון און פון ווילנער רב ר׳ שמואל, איז ער געקומען זען זיי. דער „שאגת אריה״ איז געווען אנגעטאן אין לייוונטענע בגדים מיטן טלית־זאק אויפן פלייצע און א שטעקן אין האנט און איז אזוי אריין צום גאון און אים געפרעגט זייער א הארבע קשיא. דער גאון האט תיכף געענטפערט אזא איבערראשנדיקן תירוץ, אז דער „שאגת אריה״ האט פון גרויס התפעלות גענומען לויפן, געקלאפט מיטן שטעקן און געשריען: א גאון, א גאון. דערנאך איז ער אריף צום רב ר׳ שמואל און געפרעגט אויך אים די זעלבע קשיא, האט דער רב געענטפערט אויך זייער א גוטן תירוץ. האט דער „שאגת אריה״ ווייטער געקלאפט מיטן שטעקן און געשריען: א גדול א גדול. דער רב האט זיך דערווייל באטראכט דעם ריכטיקן תירוץ. האט ער געשיקט א שליח אניאגן דעם „שאגת אריה״ און ברענגען אים צום רב. דער „שאגת אריה״ איז געקומען. דאס מאל האט דער רב אים געזאגט דעם ריכטיקן תירוץ, האט זיך דער שאגת אריה אפגערופן אויך א גאון, אבער אין א מייל ארום...

---

*) א באוואוסטע פרוי, א גרויסע בעלת צדקה. אויף איר נאמען איז אין ווילנע אנגערופן א גאס. „גיטקע טויבעס געסל״.

אַזוי איז דער גרויסער גאון, צדיק און עניו, ר׳ שמואל, דער לעצטער רב געזעסן אויף דעם כסא רבנות, זיך עוסק געווען אין תורה, אויך אַכטונג געגעבן, אַז די קהל־לייט זאָלן ניט דריקן דעם אָרעמאַן, ווי עס שטייט אָנגע־וואונקן אין נוסח פון זיין מצבה „לאשר חמוץ ולחוק חלשים״, ווייל דענסטמאָל האָבן נאָך יידן געהאַט זייער אווטאָנאָמיע, וואָס איז באַשטאַנען אויך אין דעם, אַז די פרנסים זאָלן אויפמאָנען די שטייערן פאַר דער מלוכה, וועלכע איז אַגב גע־ווען אין יענער צייט זייער פאַראָרעמט צוליב די מלחמות. ווען די פרנסים האָבן געהאַט די ממשלה אין האַנט, האָבן זיך פיל פון זיי מיט דעם באַנוצט און באַפרייט זייערע קרובים פון די שטייערן און דעם גאַנצן לאַסט אַרויפגעוואָרפן אויפן אָרעמאַן. קיינער האָט גאָר ניט געקענט העלפן, ווייל די פרנסים האָבן געהאַט די מאַכט פון דער מלוכה. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געקענט שטעלן קעגן זיי, איז געווען דער רב, וועלכן די מלוכה האָט באַשטימט אַלס ראש פון קהל. דאָס האָט אויסגענוצט דער לעצטער רב ר׳ שמואל און זיך געשטעלט קעגן די פרנסים און ניט געלאָזט דריקן דעם אָרעמאַן און מיט דעם טאַקע אַרויפגעצויגן אויף זיך די שנאה פון קהל, וועלכע האָבן סוף כל סוף מבטל געמאַכט אין ווילנע די רבנות, אָבער צוזאַמען מיט דעם אויך אַ סוף געמאַכט פון די „פרנסות״.

נאָר כל־זמן דער יסו״ד האָט געלעבט, האָט מען פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ און מ׳האָט ניט געוואַגט אָנצורירן זיין איידעם דעם רב. נאָר ווי דער יסו״ד איז געשטאָרבן (כ״ד אדר תקכ״ב) און נאָך אים אויך זיין טאָכטער, די רבצין טייבעלע, (ערב פסח אין יאָר תקכ״ח) און דער רב האָט גענומען די צווייטע פרוי, די טאָכטער פון לעמבערגער רב (אגב, ווי מ׳דערציילט, האָט זי אויך ניט אַזוי נוהג כבוד געווען מיט די פרויען פון די פרנסים), האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מחלוקת, וועלכע האָט זיך געצויגן אַן ערך פינף און צוואַנציק יאָר.

אַ יאָר פאַר זיין טויט (פאַר פסח תק״כא) האָט דער יסו״ד געבעטן, אַז ביי יעדערן פון קהל, פון קליין ביז גרויס, זאָלן זיין אויסגעקריצט אין זיין ריינעם האַרצן די גרויסע חסדים און טובות, וואָס ער האָט געטאָן די שטאָט־לייט מיט געלט און מסירת נפש, און דערפאַר האָט ער מער ניט פאַרלאַנגט, אַז די מצוה פון יין לקדוש והבדלה זאָל געהערן שטענדיק צו אים; אויך מען זאָל טאָן טובות מיט זיין איידעם, דעם רב ר׳ שמואל. אָבער די קהל־לייט, די תקיפים, האָבן פאַרגעסן אָן אַלע חסדים פון יסו״ד און זיי האָבן געוואָלט מחזיר זיין דעם פונקט פון די פריערדיקע רבנים, אַז דער רב מוז פאָלגן דעם קהל און אויספירן די ענינים, וואָס זיי פאַרלאַנגען.

דער רב האָט געפאָדערט אַ דין תורה און מ׳האָט געזעצט דיינים, וועלכע האָבן געפסקנט אין יאָר 1768, אַז דער רב איז גערעכט. די פרנסים אָבער האָבן גענויט דעם רב, אַז ער זאָל זיך אונטערגעבן צו מקיים זיין דעם פונקט. דער רב האָט זיך לפנים וועגן אונטערגעגעבן, אָבער צוזאַמען מיט דעם זיך געווענדט צום וועד פון מדינת ליטא, וועלכער איז באַשטאַנען פון די קהילות הוראדנא, סלוצק, פינסק, בריסק און ווילנע.

די גראָדנער דיינים האָבן געגעבן גערעכט דעם רב און בטל געמאַכט דעם צוזאָג פון רב, וואָס איז געווען על־פי אונס, און אונטערן פסק פון כ״ח טבת יאָר 1771 האָבן זיך געחתמט דער גראָדנער רב מיט די דיינים און 8 פרנסים. אויך די איבעריקע קהילות פון מדינת ליטאָ האָבן באַשטעטיקט דעם דאָזיקן פסק; די ווילנער תקיפים אָבער האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, דעריבער האָט זיי די סלוצקער קהילה אַריינגעשיקט אין יאָר 1772 אַ התראה, אַז אויב זיי וועלן זיך ניט אונטערגעבן, וועט די ווילנער קהילה מוחרם ומנודה זיין פון דער גאַנצער וועלט.

די התראה האָט געהאָלפן און עס איז אויף אַ קורצער צייט שטילער געוואָרן. אָבער באַלד האָט זיך ווייטער צעפלאַקערט די מחלוקת. אין יאָר 1777 איז מען ווידער ווי עס איז דורכגעקומען מיט אַ פשרה. אָבער אַלץ ניט אויף לאַנג, ווייל אין יאָר 1782 האָט זיך דער רב ווייטער געמוזט ווענדן צום ועד הקהלות, און סלוצק האָט נאָך אַמאָל אַריינגעשיקט אַ התראה. די ווילנער תקיפים האָבן אויף דעם גאָר ניט געענטפערט און ועגן לפנים וועגן כלומרשט געמאַכט אין יאָר 1784 שלום מיטן רב. אין דער אייגענער צייט אָבער האָבן זיי באַשלאָסן מעביר צו זיין דעם רב פון רבנות. זיי האָבן אַלץ געטאָן אין דער שטיל בסודי סודות, האָבן אָנגעדונגען פאַלשע עדות, וואָס האָבן עדות געזאָגט פאַר קהלס־לייט בתורת עדות ובחרם, אַז דער רב איז ניט מדקדק במצות, דהיינו: מע רופט אים ערל שבת צו פאַרלעשן די ליכט, רעדט אין דאַוונען, נאָך צוועלף ביי־נאַכט איז ביי אים אין שטוב פינסטער, וואָס ווייזט, אַז ער איז ניט עוסק ביינאַכט אין תורה און אַז. וו. דאָס גביית עדות איז פאָרגעקומען י״ג שבט 1785. מ׳האָט אַרויסגענומען אַ ספר תורה אין קהל־שטיבל, זי מגיה געווען און געזען, אַז אין איר איז ניטאָ קיין פסול, האָבן אַלע געשוואָרן מיט דער ספר תורה, אַז זיי טוען דאָס לשם שמים, ווייל ר׳ שמואל איז ניט ראוי צו זיין ווילנער רב. נאָך תפלת שחרית האָט מען אויסגערופן און געבעטן אַלע „נכבדים בני אספות״, ד״ה די קהלס־לייט, זאָלן קומען אין קהל־שטיבל און ווער עס ווייס עדות קעגן רב, זאָל זאָגן, אַז ניט זאָל דער זיין מוחרם ומנודה. הגם פיל פרנסים האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט, דאָך האָט מען אָנגעשריבן אַ פסק: „אזוי ווי דער רב איז ניט מדקדק במצות, לערנט ניט גאַנצענע נעכט, איז ער דעריבער ניט ראוי צו זיין רב אין ווילנע״.

מ׳האָט אַפילו געשיקט פריער שמשים צום רב בעטן אים, אַז ער זאָל קומען אין קהל־שטיבל, נאָר אַזוי ווי דער רב האָט געענטפערט, אַז ער איז מחוייב לויטן תקון פון פינקס דמדינת ליטא צו קומען נאָר צום משפט פון ועד הקהלות, האָט מען דעם פסק געחתמט. מע האָט אויך איבערגעזעצט אים אויף פּויליש און איבערגעגעבן דעם וואָיעוואָדע ראַדזיוויל.

מען האָט דאַן געשיקט שמשים אָנזאָגן דעם רב, אַז מ׳האָט אים מעביר געווען פון די רבנות.

די שמשים זיינען געקומען צום רב, אויסגעטאָן די שיך, זיך געזעצט אויף דער ערד 4 איילן ווייט פון רב און געשוויגן.

דאָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז מ׳האָט אים מעביר געווען פון די רבנות.

דער רב, דער גרויסער צדיק און עניו, האָט געשוויגן און גאָר ניט גע־ענטפערט, נאָר זיינע גוטע פריינד זיינען געגאַנגען מלחמה האַלטן פאַר אים פאַר זיין כבוד וועגן. אָבער די פרנסים, די קהלס־לייט, האָבן געשוואָרן, פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן, אויך אַז זיי זיינען ערב איינער פאַרן אַנדערן. די מלחמה האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. א העלפט האָבן געהאַלטן מיטן רב, די אַנדערע העלפט מיט קהל. משפחות מיט משפחות האָבן זיך געקריגט אין די גאַסן און די בתי־מדרשים, ווייל יעדערער האָט געמיינט, אַז ער טוט עס לשם שמים, און דער חלול השם איז געווען „זייער גרויס.

אויך די שרים זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער שרעקלעכער מחלוקת. דער וואָיעוואָדע ראַדזיוויל האָט געהאַלטן מיטן קהל און דער בישוף מאַסאַלסקי מיטן רב און ווייל די שטאָט איז געווען צעטיילט אויף יורדיקעס,— פון וואָיעוואָדע און פון בישוף,— האָט דער וואָיעוואָדע גערודפט דעם רב'ס צד און זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן קיין אַנטאָקאָליע — אין יורדיקע פון בישוף, און קהלס צד האָט געמוזט אַנטלויפן פון אַנטאָקאָליע אין שטאָט אריין.

אויך דער רב האָט געמוזט אַנטלויפן צוליב מורא פאַר קהל אין אַנטאָ־קאָליע אין בישופס יורדזיקע.

מ'דערציילט, אַז דער רב האָט פריער געוואוינט אויף יידישע גאַס אין הויף, וואָס מען רופט „גרשון טעמקעס". האָבן די קהלס־לייט אַראָפּגענומען די טויערן, כדי דער שמש זאָל דאָרטן פרייטאָג פאַרנאַכט ניט קלאַפּן אָנצוזאָגן, אַז שבת קומט אָן.

דער וואָיעוואָדע ראַדזיוויל האָט דאַן פאַרשיקט אין נעסוויזשער תפיסה ר' שמעון בר וואָלף פון רבס צד. זייענדיק אין תפיסה, האָט ר' שמעון אָנגע־שריבן א גאַנצן בוך, וואו ער באַשולדיקט דעם קהל זייער שטאַרק. דאָס בוך איז שפּעטער אָפּגעשיקט געוואָרן אין פוילישן סיים.

מ'האָט אין יענער צייט אויך געמסרט פון רבס צד דעם ווילנער גאון און ער איז געזעסן א קורצע צייט אין ווילנער תפיסה. דעם רבס צד האָט גע־מיינט, אַז ווייל דער גאון פראָטעסטירט ניט, איז א סימן, אַז ער האַלט מיט קהל. אין אמתן אָבער האָט דער גאון געשוויגן, ווייל ער האָט געזען, אַז ער וועט גאָר ניט קענען ווירקן אויף די קהלס־לייט די תקיפים.

עס ווערט אויך דערציילט: איין מאָל שבועות זיינען פון רבס צד גע־גאַנגען צו אים קיין אַנטאָקאָליע גוט־יום טוב ביטן. האָט דער רב געהאַלטן פאַר זיי אַזאַ שאַרפן חלוק, אַז זיי זיינען אַלע אַריין אין גרויס התפעלות און דעם רבס ליכטיקער פנים האָט געשיינט ווי א מלאך אלקים.

דאַן איז אויפגעשטאַנען די רביצין און געזאָגט מיט גרויס פאַרדרוס: „מילא וואָס אַנדערע שווייגן, פאַרשטיי איך נאָך, אָבער ווי קען עס דער גאון ר' עלינקע שווייגן", ווי נאָר דער רב האָט דערהערט דעם גאונס נאָמען, איז ער געוואָרן א פאַרציטערטער, זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט מיט א ציטערדיקער שטימע: „אויפן גאון ר' עלינקע טאָר מען גאָרניט ריידן, ווייל ער איז ניט קיין מענטש, נאָר א מלאך אלקים".

איידער נאָך מ׳האָט ר׳ שמואלן מעביר געווען פון ווילנער רבנות, האָט מען אים שוין אַריינגעשיקט אַ כתב רבנות פון קעניגסבערג אויפן בעל הפרדס אָרט, ווי עס געפינט זיך טאַקע אין ספר „עמודי כסף" אויף אַ היתר עגונה און אונטערגעשריבן מיט אַזאַ נוסח: „שמואל חונה פה ק״ק ווילנא ומצודתו פרושה בק״ק קעניגסבערג יום ה׳ פ׳ יתרו תקל״ט". דאָך איז ער פון ווילנע קיינמאָל ניט אַוועקגעפאָרן. אפשר צוליב זיינע געשעפטן און הייזער, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין שווער דעם יסו״ד, אָדער ווייל זיינע פריינד האָבן אים ניט געלאָזן.

מ׳דערציילט, אַז ר׳ שמואלקע איז אין יאָר תקי״ן געוואָרן צוריק רב אין ווילנע און קהל האָט נאָך אים מוסיף געווען שכירות. די זאַך איז פאָרגעקומען אויף פאָלגנדיקן אופן: בשעת דער רב איז אַנטלאָפן אין אַנטאָקאָליע, איז געווען ביינאַכט, אויפן גאַס האָט געגאָסן אַ שלאַקס רעגן און ר׳ שמואל האָט געמוזט לויפן אַזאַ שטיק וועג, טרעטן אין די שרעקלעכע בלאָטעס און קאַלוזשעס וואַסער. ביי דער אַנטאָקאָלער בריק האָט דער רב אַריינגעשטעקט אַ פוס אין אַ טיפער בלאָטע און האָט אַ שוך פאַרלאָרן, דאַן האָט געפּלאַצט זיין געדולד. ער האָט אויפגעהייבן זיין האַנט צום הימל און געזאָגט: רבונו של עולם! זע צו מיין צער פאַרוואָס קומט דאָס מיר! נאָכדעם האָט אין ווילנע אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מגפה און מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן. האָבן די שטאָטלייט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעכנט זיך דער רבונו של עולם פאַר ר׳ שמואלקען. זיינען אַוועק שלוחים פון קהל אין אַנטאָקאָליע און האָבן ר׳ שמואל׳קען איבערגעבעטן, איז ר׳ שמואלקע געקומען אין שטאָט און געוואָרן צוריק רב אין ווילנע.

די מחלוקת אָבער, וועלכע האָט זיך געצויגן קרוב 25 יאָר, האָט ר׳ שמואל׳ן מקצר ימים געווען. ער איז נפטר געוואָרן כ״א טבת יאָר תקנ״א. זיין אוהל געפינט זיך לעבן אוהל פון ווילנער גאון און זיין מצבה איז מיט אַ אויסערגעוויינלעכן נוסח.

יעדער שורה הויבט זיך אָן מיטן אות פון זיין נאָמען און ענדיקט זיך מיט זיין נאָמען „שמואל״:

עיניכם

שאו מרום והביטו אל

צור חוצב, עלי קבר מוצב

בית אבנים יחזו מבחוץ חזות, על שלשה טורי גזית
וראית על האבנים כי שם חלקת מחוקק חקקי אבן
צפוני טמוני קדושים אשר בארץ המה

שאו קול דממה, מקיר תזעק אבן דומה
והיא יושבת בחומה, אל תחת האשל ברמה — שמואל
מלאה דמע לא תאחר, וקול הרים גרון יחר
איך נפל הילל בן שחר, יושב על מדין וישפוט — שמואל

וטוב עם אלהים ואנשים, לאשר המוץ ולחזק חלשים
לא נכרו שועים לפני רשים, לריב נגשים, ויהי דבר **שמואל**
אבל הגדולה, וקול יללה, לויתן בחכה הועלה
כי תורה וגדולה, שבתה למועד אשר **שמואל**
לכו נא הגברים, והילילו בקברים
תרועת שברים, שאול איה איפוא **שמואל**
שוכב מקומו ונר אלהים כבה, לילה ויום יבכו כל ב״י בכי רבה
על האי שופרא, דבלי בעפרא, הרב **שמואל**
מלאו עינינו דמעה כמים המוגרים, במורד עד השברים
שבר גאון עוז משפט אהב הלך במשרים, כרב ובדיני **כשמואל**
נפל ממנו עטרת מראשותינו, כבוד ירד **אביגדור**
בנו הגאון המפורסם אב״ד דקהלתנו, בקראי שמו **שמואל**
אל ביתו הרמתה תשובתו בצדו אך בעשור לחדשים הוא
חדש טבת נאקת ב״י לפ׳, ולפ׳ ויהי כאשר זקן **שמואל**

ר׳ שמואל האָט געלאָזן 4 טעכטער און איידעמס. איינער פון זיי איז געווען ר׳ יוסף ב״ר אליהו פעסעלעס פון גאונס משפחה, איינער פון די גרעסטע נכבדי העיר, דען אויסער זיין גרויסער לומדות, איז ער אויך געווען אַ גרויסער בעל צדקה און אַ גרויסער חכם. ביי אים אין שטוב האָט זיך אויפגעהאַלטן ר׳ שלמה מדובנא, וועלכער האָט מקדיש געווען לכבודו דעם ספר „ברכת יוסף״. אויך דער מפורסמדיקער ווילנער שטאָט־מגיד ר׳ יחזקאל פייוול האָט אים מקדיש געווען זיין ספר „תולדות אדם״. ער האָט אויך געקראָגן פון פוילישן קיניג פּאָניאַטאָווסקי דעם טיטול „שאַמבעליאַן״. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״א. אויך די איבעריקע איידעמס זיינען געווען גרויסע לייט.

פון זיינע אייניקלעך, וועלכע זיינען זיך מיט אים מתיחס, איז אויך געווען דער מפורסמדיקער שקלאָווער רב ר׳ משה יצחק אַביגדור דער מחבר פון „פרדס רמונים״ א. א.

ר׳ שמואל האָט אויך איבערגעלאָזן פיל חיבורים און כתבי־יד, חידושים אויף ש״ס מיטן נאָמען „הדרת זקנים״, דרשות א. א.

אויף זיין הספד, וואָס דעם גאונס מחותן הרב ר׳ נח מינדעס האָט אים מספיד געווען, האָט ער אויפגעוויזן, אַז דער רב איז געווען גערעכט.

עס איז אויך דאָ אַ מסורה, אַז פון רבס צד האָבן אַלע מאריך ימים געווען און פון קהלס צד האָט קיינער ניט אויסגעלעבט די יאָרן.

פון דאַן אָן האָט שוין ווילנע מער קיין רב ניט גענומען און אויפן אָרט פון לעצטן רב אין ווילנער גרויסער שול (לינקס לעבן ארון־קדש) שטייט אַ גרויסער שטיין. און דער אָרט איז הייליק, קיינער טאָר זיך אויף אים ניט זעצן. אויך רופט מען אין ווילנער גרויסער שול קיינעם ניט אויף צו דער תורה מיטן טיטול „הרב״, אַפילו דעם גרעסטן גאון, נאָר מיטן טיטול „מורנו״.

אַזוי איז דער לעצטער ווילנער רב ר׳ שמואל געבליבן פאַרהייליקט ביי אַלעמען עד היום.

# הרב ר׳ אברהם דאַנציג ז״ל.

(דער מחבר פון ספר „חיי אדם״).

## א.

## זיין יוגנט.

איינער פון די באַרימטסטע רבנים פון דער צווייטער העלפט פון 18-טן י. ה. איז געווען ר׳ אברהם בר׳ יחיאל-מיכל דאַנציג.

ר׳ אברהם דאַנציג איז זייער מפורסם געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט צוליב זיין וויכטיקן ספר „חיי אדם״ אויף די נייטיקע דינים פון „שלחן ערוך אורח חיים״.

ר׳ אברהם דאַנציג האָט גענומען די פיל האַרבע דינים פון „אורח חיים״, צוערשט זיי מקצר געווען, אַרויסגענומען די סאַמע נייטיקסטע, דערנאָך לויט אַ געוויסער סיסטעם זיי מסדר געווען און אָנגעשריבן מיט אַזאַ זעלטע-נעם סגנון און הסברה, אַז דער „חיי אדם״ איז געוואָרן אַ האַנטבוך פאַר יעדן יידן פון גרויס ביז קליין.

ר׳ אברהם דאַנציג איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר תק״ח (1748) אין דאַנציג*). ער האָט געשטאַמט פון זייער אַ מיוחסדיקער משפחה פון מערב-פרייסן: זיין עלטער-זיידע, ר׳ יחיאל מיכל, איז געווען רב אין שאָטלאַנד, איינע פון די פיר פאָרשטעטלעך פון דאַנציג**).

ר׳ אברהמס זיידע האָט געהייסן ר׳ שמואל, ער איז געווען אַן איידעם פון דעם אויבנדערמאָנטן שאָטלענדישן רב ר׳ יחיאל-מיכל.

דער דאָזיקער ר׳ שמואל איז געווען אַ גרויסער גאון: ער האָט מחבר געווען אַ ספר „נחמות ציון״ — אַ פירוש אויף „ישעיה״.

---

*) דערפון נעמט זיך זיין פאַמיליע „דאַנציג״.

**) היות אין דאַנציג פלעגן די יידן אָפט אויסשטיין גרויסע נגישות און גירושים, האָבן דאָס רוב יידן דעריבער געוואוינט אין די פאָרשטעטלעך, וועלכע זיינען געווען איינגעטיילט אין באַזונדערע קהילות מיט באַזונדערע בית-עלמינס. ערשט אין יאָר 1881 האָבן זיי זיך אַלע פאַראייניקט מיט דאַנציג אין איין קהילה.

ניט קוקנדיק, וואָס ר׳ שמואל איז געווען אַ בעל־מטופל מיט צען קליינע קינדערלעך, האָט ער פונדעסטוועגן קיין רבנות ניט געוואָלט אָננעמען און האָט זיך מפרנס געווען מיגיע כפיו, ווייל ער האָט ניט געוואָלט נהנה זיין פון דער תורה. ער פלעגט לערנען מוסר און זאָגן דרשות אין אַלע קלויזן אָן שום בעצאָלט.

ר׳ אברהם דאַנציג דערציילט אין דער הקדמה צו זיין ספר „חכמת אדם", אַז זיין זיידע ר׳ שמואל איז געווען אַ צדיק תמים: איינמאָל האָט מען אים אָנגעזאָגט אין חלום, אַז היות עס וועט אויסברעכן אין שטאָט אַ גרויסע מגפה, זאָל ער דעריבער מכריז זיין, אַז אַלע זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט. און אַזוי איז געווען: די אַלע וואָס האָבן אים געפאָלגט, זיינען ניצול געוואָרן און געבליבן לעבן.

ר׳ אברהמס פאָטער, ר׳ יחיאל־מיכל, איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ מוסמך מיט דעם טיטל „חבר". ער איז אויך געווען אַ גרויסער צדיק און האָט אויך ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות. ער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר.

פאַר זיין וואוילן זון ר׳ אברהם האָט ער געהאַלטן מלמדים ביז 14 יאָר. צו 14 יאָר איז שוין אָבער ר׳ אברהם געווען אַזוי גרויס אין לערנען, אַז מ׳האָט שוין פאַר אים אין דאַנציג קיין רבין ניט געקראָגן, און זיין פאָטער האָט אים אַוועקגעשיקט קיין פּראָג אין דער באַרימטער ישיבה פון די גרויסע גאונים ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, דעם מחבר פון ספר „נודע ביהודה", און ר׳ יוסף ליבערמאַן.

פאַרן געזעגענען זיך האָט דער פאָטער גענומען ביי ר׳ אברהמען אַ תקיעת־כף, ער זאָל זיך ניט מתחבר זיין מיט די משכּילים.

ר׳ אברהם דערציילט ווייטער, אַז איינמאָל אונטערוועגנס איז ער שיער ניט אַריינגעפאַלן צו די משכּילים און איז פון זיי קוים ניצול געוואָרן.

אין דער פּראָגער ישיבה איז ר׳ אברהם געזעסן 4 יאָר און געלערנט מיט אַן איבערנאַטירלעכער התמדה טאָג און נאַכט, און איז אַזוי געשטיגן אין לערנען, אַז דער ראש־ישיבה, דער גרויסער גאון ר׳ יוסף ליבערמאַן, האָט אים געגעבן סמיכה און דעם טיטל „חבר", וואָס האָט געהאַט די זעלביקע באַדייטונג, ווי היינט „רב". אין אַמאָליקע צייטן, בעת מ׳האָט בעקארגט אין טיטולים, איז אַזאַ טיטל געווען אַ סימן מובהק, ווי ווייט ר׳ אברהם איז געווען גרויס אין לערנען.

די סמיכה איז געשריבן געוואָרן מיט זייער אַ מליצהדיקן נוסח, דהיינו*): „רך בשנים ודעתו מיושבת כדעת זקנים, שומע חכמתו ישק שפתותיו הוא ר׳ אברהם

---

*) יונג אין יאָרן און אַלט אין שכל, דער וואָס וועט הערן זיין חכמה, וועט אים צו־קושן די ליפּן,—ר׳ אברהם בהחבר ר׳ יחיאל מיכל, געבאָרן פון די ריזן, איז קלאָר אין ש״ס און פוסקים און איז ראוי, מען זאָל אים לויבן מיטן לויב פון רבנן און רופן מיטן נאָמען „חבר".

„בהחבר" ר' יחיאל מיכל מילידי הענקים, בקי בש"ס ופוסקים, ראוי להללו בהלולא דרבנן ובשם „חבר" יכונה. א' דר"ח אייר פה פראג"*).

אין יאָר תקכ"ו, בעת ר' אברהם האָט געענדיקט די ישיבה, איז ער אַלט געווען אינגאַנצן 18 יאָר. לויט דער טראַדיציע פון זיין משפחה, האָט ער זיך גענומען צו מסחר.

אין יענער צייט איז ער אויך געקומען קיין ווילנע.

די סיבה פון זיין קומען קיין ווילנע ווייס מען ניט גענוי. אייניקע זאָגן, אַז ער איז געקומען צוליב מסחר; אַנדערע ווידער זאָגן, אַז ער איז געקומען זען דעם ווילנער גאון, וועלכער איז שוין דאַן געווען זייער מפורסם אין דער גאַנצער וועלט, בפרט נאָך אין דייטשלאַנד, וואו ער האָט געהאַט געענדיקט גלות־אַפּריכטן און איז דאָרטן באַרימט געוואָרן. אַזוי אַרום איז ר' אברהם פאַר־בליבן אין ווילנע און דאָרטן חתונה געהאַט. זיין פרוי האָט געהייסן שרה און זיין שווער האָט מען גערופן ר' משה ב"ר עקיבא סגל*).

ר' אברהמען האָט מען אין ווילנע אפילו פאָרגעלייגט רבנות מיט שכירות, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען, אָפּהיטנדיק די טראַדיציע פון זיין פאָטער און זיידן ניט נהנה צו זיין פון דער תורה. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון מסחר — פון אַ גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין אייגענעם הויף אויף גלעזער־גאַס.

ניט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער טרוד אין זיינע געשעפטן, האָט ער דאָך קיינמאָל ניט מבטל געווען פון תורה. זיצנדיק אין קראָם פלעגט ער שטענדיק לערנען. אפילו ווען ער פלעגט פאָרן אויף די גרויסע ירידים קיין לייפּציג און קיניגסבערג, פלעגט ער אויך שטענדיק מיטנעמען גמרות מיט פוסקים און קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו לערנען. ער פלעגט נאָך דאָרטן מוסרן די איבעריקע סוחרים, פאַרוואָס זיי היטן ניט אָפּ ווי עס באַדאַרף צו זיין דאָס דאַווענען און לערנען. און אַזוי זיצנדיק אין קראָם און פאָרנדיק אויפן יריד פלעגט ער אויך שרייבן זיינע חבורים.

און אויסער וואָס ר' אברהם איז געווען אַזאַ גרויסער טרוד אין זיינע מסחרים, אין לערנען תורה און שרייבן חבורים, האָט ער זיך אויך פיל פאַרנומען מיט שטאָט־ענינים. אין זיין הקדמה צום „חכמת אדם" שרייבט ער, אַז די גאַנצע צייט פון איבער 20 יאָר, וואָס ער האָט זיך עוסק געווען אין מסחר, איז אין שטאָט קיין זאַך ניט געטאָן געוואָרן אָן זיין ידיעה און הסכמה.

ער האָט זיך אויך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט זאַמלען געלט פאַר אָרעמע און געדריקטע שטאָטישע בעלי־בתים. די דאָזיקע הנהגה זיינע איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די גבאים פון די צדקה־חברות האָבן זיך געקלאָגט אויף אים, אַז ער טוט זיי אָן שאָדן, נאָר ר' אברהם, דער גרויסער צדיק און עניו, האָט זיי אָפּגעשיקט צום ווילנער גאון, ער זאָל פסקענען אין דעם ענין; און דער גאון

*) דער דאָזיקער ר' משה איז נפטר געוואָרן אין ווילנע אין יאָר תקמ"ב.

האָט זיי געענטפערט: „ירבו כמותו בישראל"—הלואי וואָלטן פיל אַזוי געטאָן וואָלט נאָך פיל בעסער געוועזן פאַרן אָרעמען און געדריקטן.

אין דעם האָט אים אַ סך אויך געהאָלפן זיין פרוי שרה, די צדקנית, ווי עס איז וועגן דעם דערמאָנט אויף איר מצבה (וועלכע איז געדרוקט אין „שירי שפת קודש" ח"ב) „הוא יגמלנה במרום כאשר גמלתו באדמה, בחיי אדם היתה לו עזר, ובנשמת אדם תתענג שמה"*).

ר' אברהם דאַנציג האָט תמיד געדאַוונט אין גאונס מנין און איז געווען ביים גאון, זיין מחותן**), זייער געאַכט.

מ'דערציילט, אַז אַמאָל זיינען געקומען צום גאון פיל גרויסע רבנים, און דער גאון האָט געזאָגט פאַר זיי אַזעלכע טיפע תורה, אַז די רבנים האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען; דער גאון האָט אָבער באַמערקט, אַז ר' אברהם, וואָס האָט עס פאַרשטאַנען זייער גוט, האָט זיי מיניה וביה געוואָלט מסביר זיין. האָט זיך דער גאון אָפגערופן צו אים: „דו „טייטש" ניט" (ר' אברהם דאַנציג האָבן אַלע גערופן „טייץ", ווייל ער האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד און איז געקומען פון דאָרטן מיט קורצע בגדים). דער גאון אָבער האָט נאָך עפּעס געמיינט מיטן וואָרט „טייטש ניט", ד. ה. „פאַרטייטש זיי ניט", ווייל ער האָט געוואָלט, אַז די רבנים זאָלן זיך אַליין פאַרטיפן אין דער עמקות פון דער תורה.

---

ב.

# זיין ספר „חיי אדם".

אַזוי האָט זיך ר' אברהם דאַנציג ביז יאָר תקס"ד געלעבט רואיק אין עושר אין כבוד און אין גדולה, געפירט גרויסע עסקים און איז געשטאַנען בראש פון אַלע שטאָטישע ענינים, אויך געזעסן על התורה והעבודה און געשריבן חבורים. אָבער פלוצלינג, אין דער נאַכט פון ט"ו כסלו דעם זעלביקן יאָר, האָט אים געטראָפן אַ גרויסער אומגליק: ביי אים אין הויף האָט איינער אין אַ קעלער געהאַלטן אַ פולווער-מאַגאַזין (אין יענע צייטן האָט מען מיט פולווער געמעגט געהאַנדלען) און די פולווער האָט אויפגעריסן, עס זיינען דאַן געהרגעט געוואָרן 31 מענטשן. אין סוף פון זיין ספר „חיי אדם" (ערשטע אויסגאַבע, יאָר תק"ע—1809) רעכנט ער אויס די נעמען פון די געהרגעטע און דערציילט וועגן דעם נס, וואָס עס האָט אים און זיין פאַמיליע געטראָפן, אַז זיי זיינען לעבן געבליבן. אָבער פון זיין גאַנצן פאַרמעגן איז גאָרניט געבליבן און ער איז געוואָרן אויף דער עלטער אַזוי פאַראָרעמט, אַז ער האָט שוין געמוזט

---

*) ער זאָל איר באַצאָלן אין הימל אַזוי, ווי זי האָט אים באַצאָלט אויף דער ערד ביי זיין לעבן איז זי אים געווען אַ הילף און מיט זיין נשמה וועט זי זיך דאָרט פרייען.

**) דעם גאונס אַן אייניקל איז געווען דעם חיי-אדמס אַ שנור.

ברעכן זיין פאַמיליען־טראַדיציע ניט נהנה צו זיין פון דער תורה און אָננע־מען ווילנער רבנות מיט געצאָלטע שכירות.

אין זיין הקדמה צו „חכמת אדם" פאַרענטפערט ער זיך, אַז צוליב זיין אָרעמקייט און עלטער איז ער געצוואונגען צו נעמען שכירות, ווייל אויף אַזא אופן האָט די תורה מתיר געמאַכט צו נעמען געצאָלט.

ר' אברהם דאַנציג, וואָס איז דעם גאַנצן לעבן געווען אַ גרויסער סוחר און איז צוליב מסחר שטענדיק געפאָרן קיין לייפציג און קיניגסבערג, איז געווען אַ גרויסער בקי אין „הויות העולם", דערצו נאָך אַ גרויסער חכם, דעריבער איז ער געווען זייער מפורסם און מיט אַלע האַרבסטע דין־תורות פלעגט מען קומען צו אים, און אַלע פלעגן זיין זייער צופרידן און באַגייסטערט פון זיין גרויסער חכמה.

מ'דערציילט וועגן אַ כאַראַקטעריסטישער דין־תורה, וואָס איז ביי אים אַמאָל פאָרגעקומען.

איינמאָל זיינען געקומען צו אים אויף אַ דין־תורה צוויי יידן מכח אַ גאָלדענעם רענדל: איינער האָט געהאַלטן דעם רענדל אין האַנט און געטענהט, אַז דעם רענדל האָט ער געפונען, און דער אַנדערער האָט געטענהט, אַז ער האָט אים גאָר געפונען און דער מוחזק האָט עס ביי אים אוועקגעגזלט.

אויסהערנדיק די טענות, רופט זיך אָפּ ר' אברהם מיט אַזא לשון: „דעם רענדל גיט מיר אוועק, און איך וועל אייך באַלד זאָגן דעם פסק־דין".

אויף אַ קורצער ווייל איז ר' אברהם אַריין מיטן רענדל אין צווייטן צימערל, וועלכער איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ פּאַראַוואַן, און גענומען לער־נען אין אַ גמרא מיט אַ ניגון אויפן קול די דינים פון אַ „סימן" בזה הלשון: „ווי וואָלט געווען, אַז אין רענדל וואָלט געווען אַ לעכל, וואָלט דאָך דער, וואָס וואָלט געזאָגט דעם ריכטיקן סימן, געוואונען".

תיכף נאָכדעם איז ער אַרויס און געזאָגט צו די בעלי־טענות: „אַנו, קינ־דערלעך, זאָגט מיר אַ „סימן" אויפן רענדל".

כאַפּט זיך אַרויס דער צווייטער און זאָגט: „ער איז מיט אַ לעכל". ענט־פערט אים ר' אברהם: „גיי געזונטערהייט, דער רענדל געהערט טאַקע צום מוחזק און ניט צו דיר, ווייל דער רענדל איז דווקא אָן אַ לעכל".

אויסער דין־תורות פלעגט מען זיך זייער פיל ווענדן צו ר' אברהמען מיט פיל שאלות מכח איסור והיתר, ווייל ניט קוקנדיק, וואָס בנוגע זיך אַליין איז ער געווען אַ גרויסער מחמיר, איז ער אָבער פאַר אַנדערע געווען זייער אַ מצדד להיתר. אויף אַלע האַרבסטע שאלות פלעגט ער זיך אָנשטרענ־גען צו געפינען אַ היתר, כדי ניט אָנצוטאָן שאָדן אָן אָרעמע מענטשן.

בכלל איז ביי ר' אברהם דאַנציג אַ מענטש געווען זייער טייער.

מ'דערציילט, אַז איינמאָל יום־כיפור האָט מען אין גאונס קלויז, וואו ר' אברהם האָט געדאַוונט, אָנגעטראָגן זייער פיל ליכט און עס איז געוואָרן

אַזוי הייס, אַז מ׳האָט ניט געקענט עטעמען, עס איז געווען ממש אַ חשש סכנה פאַר די שוואַכע מענטשן. האָט ער געהייסן עפענען אַלע פענסטער. ווען מ׳האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס וועלן זיך דאָך אויסלעשן אַלע ליכט און עס וועט דאָך אויך זיין אַ „חשש כּבוי״, האָט ר׳ אברהם געענטפערט: „זאָלן בעסער אויסגעלאָשן ווערן אַלע נשמה־ליכט פון שול, איידער איין נשמה־ליכט פון אַ מענטשן חס־ושלום״ (וואָרים אַ מענטשנס נשמה איז געגליכן צו אַ ליכט: „נר ה׳ נשמת אדם״).

זייענדיק מורה־הוראה, פריי פון זיינע מסחרים, האָט זיך ערשט ר׳ אברהם גענומען מיט גרויס פלייס צו פאַרענדיקן זיינע חבורים, וועלכע ער האָט נאָך אָנגעהויבן גאָר יונגערהייט, נאָר צוליב זיינע גרויסע טירדות אין מסחר האָט ער זיי ניט געקענט פאַרענדיקן.

צוערשט האָט ער זיך גענומען צום ספר „חיי אדם״, אַ חיבור אויף די דינים פון „שלחן ערוך אורח חיים״, וועלכן, ווי מ׳דערציילט, האָט ער נאָך אָנגעהויבן צו שרייבן צו 18 יאָר, גלייך ווי ער האָט געענדיקט פּראָגער ישיבה. דער ספר „חיי אדם״ האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער גאַנצער וועלט.

ר׳ אברהם האָט פאַרמאָגט זייער אַ איידעלע וואַרימע האַרץ און אַ קרישטאָל־ריינע נשמה פון אַ צדיק תּמים, און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין שיינעם סטיל, מיט וועלכן ער האָט געשריבן דעם ספר „חיי אדם״. די טרוקענע דינים זיינען בּיי אים באַטעמט און אָנגעזאַפּט מיט האַרציקן מוסר און געשריבן מיט אַזאַ לייכטער שפּראַך און מיט אַזאַ טייערער הסברה, אַז פאַר דעם גרעסטן און דעם קלענסטן איז דאָס לערנען די דינים לויט זיין ספר אַן אמתער תענוג. די דינים ציען זיך געפלאָכטן „מן הקל אל הכבד״, גיסן זיך אַריין אין האַרצן, ווי דער בעסטער שמעקעדיקער בוימאייל, און דרינגען אַריין טיף אין מוח, אין נשמה אויף לאַנגע צייטן.

דער ספר „חיי אדם״ האָט אַזוי אויסגענומען אין דער וועלט, אַז די טויזנט מיט פיר הונדערט עקזעמפּלאַרן, וועלכע האָבן זיך צוערשט אָפּגעדרוקט אין יאָר תּק״ע, זיינען אין אַ קורצער צייט אינגאַנצן פאַרקויפט געוואָרן, ניט קוקנדיק, וואָס דעמאָלט איז געווען זייער אַ שווערע צייט (דאָס איז געווען ערב דער מלחמה פון נאַפּאָליאָן מיט רוסלאַנד). אַלע האָבן געקויפט דעם ספר און אומעטום האָבן זיך געגרינדעט חברות „חיי אדם״ פון בעלי־בתּים מיטן צוועק צו לערנען אים אין די בתּי־מדרשים נאָכן דאַווענען אָדער בּין מנחה למעריב, אַזוי ווי אַ פּרק משניות. מלמדים האָבן עס געלערנט מיט זייערע תּלמידים און אויך רבנים האָבן זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן טייערן ספר, איבערהויפּט מיטן „נשמת אדם״*), וואו עס ווייזט זיך אַרויס זיין גרויסע גאונות און בקיאות.

---

*) „נשמת אדם״—אַ ביאור אויף דינים, וועלכע ער האָט מחדש געווען און ווייזט דאָרטן אָן אויף די מקורים.

אויפן ספר „חיי אדם" האָט ער זיין נאָמען ניט געשטעלט מפורש, מער ניט אין דער הקדמה זאָגט ער, אַז אין נאָמען „חיי אדם" זיינען מרומז די נע־מען פון זיינע עלטערן, ווי אויך זיין אייגענער נאָמען און דער נאָמען פון זיין געבורטס־שטאָט*).

ער שרייבט מיט גרויס ענוות, אַז דעריבער האָט ער ניט געשטעלט מפורש זיין נאָמען, ווייל מען דאַרף ניט קוקן אויפן נאָמען פון מחבר פון ספר, נאָר אויף דעם, וואָס עס שטייט געשריבן אין ספר, וואָרים פון אַ קליין ווערימל ווערן געמאַכט די בעסטע זיידענע קליידער, פון ווערימל „חלזון" מאַכט מען „תכלת" א. א. וו.

ער שרייבט אויך, אַז הסכמות אויפן ספר האָט ער לכתחלה אינגאַנצן ניט געוואָלט בעמען, ווייל ער וויל ניט, אַז מען זאָל אים מפליג זיין און דער־ציילן זיינע שבחים, איבערהויפט, מען זאָל זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן (אַזוי ווי ער איז טאַקע מזהיר וועגן דעם אין שער פונם דאָזיקן ספר**). ער האָט מערניט געדרוקט אַלס הסכמה אייניקע ווערטער און די חתימות פון די מסכימים ר' אריה ליב (בריסקער רב), זיין ברודער ר' שאול קאַצענעלנבויגן (ווילנער מורה הוראה), ר' חיים (פינסקער רב), און די איבעריקע ווילנער רבנים ר' אַבעלע פאָסוואָלער, ר' חיים כץ, ר' שמעון כץ און ר' שמעון סגל.

נאָר די גרעסטע גאונים פון יענער צייט, ווי ר' חיים וואָלאָזשינער און ר' יעקב ליסער, זיינען געוועזן קעגן דעם ספר „חיי אדם", דער ערשטער— ווייל „פסקי דינים" שוואַכן אָפּ דעם למוד פון גמרא, און דער צווייטער—ווייל דער „חיי אדם" איז ניט געמאַכט געוואָרן לויט די סימנים פון „שלחן ערוך", און מען קען ניט נאָכזען, צי דער דין שטימט ריכטיק מיטן „שלחן ערוך".

מיט צוויי יאָר שפּעטער אין יאָר תקע״ב, בשעת עס איז פאָרגעקומען די פראַנצויזיש־רוסישע מלחמה, דרוקט ער אין ווילנע זיין ספר „שערי צדק", אַיינגעטיילט אין דריי „שערים": א) „מצות הארץ" אויף די דינים פון ארץ־ישראל, וועלכע זיינען נוהג אויך איצטער, ב) „משפטי הארץ" אויף די איבע־ריקע דינים, וועלכע זיינען נוהג אין ארץ־ישראל, ג) „תקוני אדם" הגהות אויפן ספר „חיי אדם".

אין דער הקדמה צום ספר „שערי צדק" שרייבט ער: מיט וואָס קען ער אָפּדאַנ־קען דעם אייבערשטן פאַר דעם, וואָס זיין ספר „חיי אדם" איז אָנגענומען געוואָרן

---

*) אַמאָליקע מחברים האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זכות, אַז זייער אייגענער נאָמען זאָל זיין מרומז אין נאָמען פון ספר.

*) אין דער הקדמה בעט ער אויך מיט גרויס ענוות, מען זאָל אים מודיע זיין, ווער עס ווייס וועלכן עס איז טעות אין זיין ספר „חיי אדם", וועט ער דאָס דרוקן אין דער צווייטער אויפלאַגע מיט גרויס דאַנק און מיטן נאָמען פון דעם דאָזיקן מענטשן.

ביי אַלעמען, אפילו ביי די חכמי הזמן, און מען האָט קובע געווען צו לערנען אין אים.

ער דערמאָנט דאָרטן אויך, אַז אין יאָר תקס"ד, בשעת דעם אויבנדער־מאָנטן אויפרייס, האָט ער אַ נדר געטאָן, אַז אויב ער וועט זוכה זיין חתונה צו מאַכן זיינע קינדער און ער וועט קענען קריגן אַן אויסלענדישן פּאַס, וועט ער פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווי עס האָבן געטאָן דעם גאונס תלמידים ר׳ סעדיה, ר׳ חיים און ר׳ הירש.

אין ספר „שערי צדק" זיינען אויך פאַראַן קינות און תפילות, וועלכע ער האָט מחבר געווען צו זאָגן ביים „כותל מערבי". אין די קינות הויבן זיך אָן אַלע חרוזים מיטן וואָרט „ארץ", און עס שפירט זיך אין זיי זיין טיפע בענק־שאַפט צו ארץ־ישראל.

---

ג.

# זיין ספר „חכמת אדם".

אין דריי יאָר אַרום, אין יאָר תקע"ה, דרוקט ר׳ אברהם זיין דריטן ספר „חכמת אדם", וועלכער מאַכט ווייטער, אַזוי ווי דער „חיי אדם", אַ גרויסן רושם אין דער גאַנצער וועלט. ער שרייבט, אַז אויף דעם ספר האָט ער גע־אַרבעט גאַנצע 15 יאָר און מן השמים האָט מען אים מזכה געווען מחבר צו זיין דעם דאָזיקן ספר. ער דערציילט אויך, אַז דער כתב־יד פונם ספר „חכמת־אדם" איז בשעת דער פראַנצויזישער מלחמה מיט רוסלאַנד אַריינגעפאַלן צו די פראַנצויזן. איינער אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט האָט עס ביי ר׳ אברהם דאַנ־ציג אַוועקגערויבט. איז ר׳ אברהם אַוועק מיט גרויס צער צו די פראַנצויזן אין לאַגער אַריין און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט פאַר זייער עלטסטן די גאַנצע מעשה. דעמאָלט איז גראָד אַנטקעגן געקומען דער סאָלדאַט מיטן חיבור אין האַנט. האָט דער עלטסטער אויף ר׳ אברהמען רחמנות געהאַט און אים אָפּגעגעבן דעם ספר.

אין דער הקדמה צום „חכמת אדם" שרייבט ער, אַז דעם דאָזיקן ספר האָט ער שוין געשריבן לויט דעם רצון פון די גאונים, נאָכן סדר פון „שולחן ערוך".

אויפן שער פון „חכמת אדם" האָט ער שוין געשטעלט זיין נאָמען מפורש: ר׳ אברהם דאַנציג.

אויפן „חכמת אדם" האָט שוין דער גרויסער גאון פון יענער צייט ר׳ חיים וואָלאָזשינער געגעבן זיין „הסכמה", און ר׳ אברהם דאַנציג אַליין שרייבט,

אַז הגם ער איז קעגן הסכמות, ווייל דער ספר דאַרף ריידן פאַר זיך אַליין, נאָר ער דרוקט זי צוליבן מנהג פון דרוקן הסכמות און אויך צוליב דעם נייס, וואָס דער גרויסער גאון ר' חיים וואָלאָזשינער, וועלכער גיט בכלל ניט קיין הסכמות אויף „פסקי דינים", האָט אים זיין הסכמה יאָ געגעבן.

און דער גרויסער גאון ר' חיים וואָלאָזשינער בייגט זיין קאָפּ פאַרן „חיי אדם" און שרייבט בזה הלשון: „חזינא גברא דמרא סייע ה"ה הרב הגדול המפורסם מוה' אברהם דאַנציג ובאחת עלתה לו שנתקבל ספרו „חיי אדם" שחבר על דיני „אורח חיים" שנתפשט בכל גבול ישראל, הן עתה סדר לו גם דיני „יורה דעה" ולמלאות רצון הלומדים המורגלים בסדר השו"ע חבר גם הוא ספרו עפ"י סמני השו"ע כתבנית „התבואות שור" וכו' יום ג' י"ד סיון תקע"ד נאום חיים בא"מ מהרי"ץ זלה"ה מוואָלאָזשין"*).

דעם „חכמת אדם" אויף די דינים און „בינת אדם" אויף די חידושי תורה האָט ער מחבר געווען, אַזוי ווי דעם „חיי אדם" און „נשמת אדם", מיט זייער אַ גרינגער שפּראַך און מיט גרויס הסברה.

אין דער הקדמה צום „חכמת אדם" בעט ער, מען זאָל אים מוחל זיין, אויב מען וועט געפינען אַ טעות, ווייל ער איז שוין שוואַך און דער דרוק איז ווייט און בפרט, אַז די דינים פון שחיטה האָט ער מחבר געווען בשעת די פראַנצויזן זיינען אַריין קיין ווילנע. ער שרייבט אויך, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן דעם ספר „משפט צדק" אויף „חשן משפט" און „בית הנשים" אויף „אבן העזר", נאָר צוליב דעם טויט פון זיין זון ר' משה שלום, וואָס האָט אויף אים זייער שטאַרק געווירקט, אויך צוליב זיין אַלטקייט און זיין ראיה, וואָס איז ביי אים קאַליע געוואָרן — קען ער דעריבער די צוויי חיבורים ניט פאַרענדיקן.

אויף דער עלטער, אין יאָר תקע"ז, דרוקט ער זיין ספר „זכרו תורת משה", וועלכער איז כולל די דינים פון שבת זייער בקיצור, און צום סוף פון ספר איז געדרוקט דער „מצות משה", וועלכער איז כולל דעם מנין פון די תרי"ג מצות, אַ קצור פון „ספר הרדים". אויף דער אַנדערער זייט פון שער איז געדרוקט זיין הסכמה, אין וועלכער ער גיט רשות און איז מסכים, אַז דער מדפיס ר' מנחם מן ראָם זאָל דרוקן, דעם דאָזיקן ספר. ער שרייבט דאָרטן, אַז דעם ספר האָט ער מחבר געווען כדי מחנך צו זיין זיינע אייגענע קינדער בשעת זיי זיינען נאָך געווען זייער יונג, זיי זאָלן וויסן אַלע מצות. דרך אגב דערמאָנט ער דאָרטן אויך, אַז ער האָט דעם ספר אַוועקגעגעבן (אַזוי ווי אַלע זיינע ספרים) דעם דרוקער גאָר בחנם און בעין יפה צו דרוקן אויף שטענדיק, נאָר מיט דעם תנאי, אַז איבערדרוקן זאָל מען נאָר פון זיין כתב-

---

*) „איך האָב געזען דעם מענטשן, וואָס דער אייבערשטער האָט אים געהאָלפן, הרב הגדול המפורסם מוה' אברהם דאַנציג, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן, אַז זיין ספר „חיי אדם" איז אָנגענומען און פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט".

יד, ווייל טאָמער וועלן מיט דער צייט צוקומען הוספות און הגהות, זאָל מען דאָס דרוקן צוזאַמען.

צום „זכרו תורת משה" שרייבט ער אַ גרויסע הקדמה, ווי ער דריקט זיך אויס, אַ כולל־הקדמה, צו אַלע זיינע חבורים: „חיי אדם", „חכמת אדם" און „שערי צדק" און דערקלערט דאָרטן, צוליב וועלכן צוועק ער האָט מחבר גע־ווען אָט די אַלע ספרים: א) כדי מזכה צו זיין דעם עולם, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהיטן פון עברות און היטן די מצוות, ב) ווייל די פרנסה איז זייער שווער, דעריבער איז גוט צו לערנען אַלץ בקצור, כדי צו וויסן אַ דין, וואָס איז נאָך זיין מיינונג נייטיקער ווי אַ פּרק משניות.

ער באַמערקט דאָרטן, אַז דעם ספר האָט ער גערופן „זכרו תורת משה" צום אָנדענק פון זיין זון משה, וועלכער האָט שטענדיק געלערנט דעם דאָזיקן ספר און איז געשטאָרבן יונג אָן קינדער. אין דער הקדמה רעדט ער זייער פיל וועגן מוסר און מדות טובות, איבערהויפּט וועגן גאוה און עניוות. ער דערמאָנט דאָרטן אויך זיין מחותן דעם ווילנער גאון מיט גרויס אימה און יראת הכבוד. ער דערציילט וועגן זיין מוראדיקער בקיאות און גרויס הייליקייט, ער דריקט זיך אויס, אַז ווען אַלע ימים זאָלן ווערן טינט, וועט זיין שווער מבאר צו זיין דעם גאונס רמזים אין נגלה און נסתר.

ער דערציילט אויך, אַז דער ווילנער גאון איז ניט געגאַנגען ד' אמות אָן תורה און תפילין און מען האָט ביי אים קיינמאָל ניט באַמערקט אפילו אַ שמץ גאוה.

די הקדמה איז אויך געשריבן געוואָרן אין זייער אַ שיינעם סטיל, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די וואַרימע האַרץ און ריינע נשמה פון אַ צדיק תמים. אין זיין צוואה פאַרזאָגט ער זיינע קינדער, זיי זאָלן לערנען שטענ־דיק די דאָזיקע הקדמה און דעם ספר „זכרו תורת משה".

אין אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר תקע"ח, דרוקט ער זיין ספר „תולדות אדם", אַ פּירוש אויף דער הגדה פון פּסח. אין דער הקדמה שרייבט ער, אַז דעם פּירוש האָט ער מחבר געווען נאָך אין דער יוגנט, בשעת ער איז אַלט געווען איבער 20 יאָר. און דאָ זעט מען שוין, אַז אויסער זיין גאונות אין נגלה, איז ער געווען אַ גרויסער מקובל, ווייל דעם פּירוש, ווי ער שרייבט אַליין, האָט ער מחבר געווען נאָך חז"ל און חכמי האמת.

די הגדה האָט ער אָפּגעדרוקט לויט דער בקשה פון מדפּיס ר' מנחם מן ראָם. זי איז געדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיט די פירושים פון „כל־בו" און פון ווילנער גאון. ער שרייבט, אַז דעריבער האָט ער אַ נאָמען געגעבן דעם ספר „תולדות אדם", ווייל תולדות באַטייט געשיכטע און די הגדה איז דאָך די גע־שיכטע פון יציאת מצרים און אין „אדם" איז מרומז זיין נאָמען.

אין יאָר תקע"ט, אַז דער ספר „חיי אדם" איז שוין אינגאַנצן אויספאַר־קויפט געוואָרן, דרוקט ר' אברהם אים איבער צום צווייטן מאָל מיט פיל־

הוספות און הגהות, אויך מיט די סימנים פון „שולחן ערוך" אָן ראשי תיבות, כּדי מען זאָל קענען בעסער לייענען.

צו דער אויסגאַבע שרייבט ער אַ הקדמה אחרונה און ער מאַכט שהחיינו אויף דעם, וואָס מן השמים האָט מען אים מזכּה געווען, אַז זיין ספר „חיי אדם" איז אַזוי פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט.

מיט גרויס ענוות דערמאָנט ער דאָרטן, אַז דעם ספר האָט ער גע־מאַכט פאַר תּלמידים און פאַרהאָרעוועטע בעלי־בּתּים, און דעריבער האָט ער עס געשריבן אין זייער אַ לייכטער שפּראַך, כּדי אַלע זאָלן גרינג פאַרשטיין.

אָבער, ער איז מיט דעם דאָך ניט געבליבן אינגאַנצן צופרידן.

מ'דערציילט אַזאַ מעשה: דער חיי אדם, אַזוי ווי אַלע גרויסע גאונים און צדיקים אין זיין צייט, האָט אויף דער עלטער אָפּגעריכט גלות. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַלטע בגדים, גענומען דעם טלית אויפן פּלייצע און דעם שטעקן אין האַנט און איז געגאַנגען פאַרשטעלטערהייט אַלס אָרימאַן פון ישוב צו ישוב, פון שטאָט צו שטאָט אָפּריכטן גלות.

אויף שבת פלעגט ער קומען צו זיינעם אַ באַקאַנטן ישובניק, ווע־מען ער האָט מגלה געווען זיין סוד פון גלות־אָפּריכטן און וועלכער פלעגט אים שוין אויך צוגרייטן לכבוד שבת אפילו אַ מקוה אויף טבילה.

איינמאָל האָט ר' אברהם דאַנציג ניט געקענט באַוויזן צו קומען צו יע־נעם ישובניק און איז אים אויסגעקומען צו זיין שבת ביי אַן אַנדער ישובניק. דער ישובניק, זייער אַ פרומער ייד און אַ גרויסער מכניס אורח, האָט אים זייער פיין מקבל פּנים געווען און מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים מיט אַלע הידורים.

נאָר מיטאָמאָל האָט ר' אברהם דערזען, אַז דער ישובניק טוט עפּעס אום שבת אַ מלאכה, וואָס איז חלול שבת גמור. ר' אברהם איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער און איז צוגעגאַנגען צום ישובניק און געזאָגט צו אים: „סטייטש, איר זייט דאָך אַ פרומער ייד, טו ווי אַזוי טוט איר דאָס, עס איז דאָך אַן אמתער חלול שבת".

האָט זיך דער ישובניק אָפּגערופן צו ר' אברהמען: „זייט אַזוי גוט, ר' אורח, און זייט ניט אַזוי פאַרציטערט און צעשראָקן. איך בין ניט מחלל דעם הייליקן שבת, וואָרים אַזוי שטייט דאָך מפורש אין ספר „חיי אדם", אַז אָט די מלאכה איז מותּר".

און ער נעמט תּיכּף אַראָפּ דעם „חיי אדם" פון פּאָליצע און ווייזט אים.

דאַן איז ר' אברהם געוואָרן זייער אומעטיק און געזאָגט צו זיך: „איצט זע איך, אַז איך האָב געדאַרפט שרייבן דעם „חיי אדם" מיט נאָך אַ גרינגערער שפּראַך, כּדי קיינער זאָל זיך אין אים ניט טועה זיין".

---

ד.

# זיין צוואה.

אין לעצטן יאָר פאַר זיין פטירה (תק״פ), אַז ר׳ אברהם דאַנציג איז געוואָרן זייער שוואַך, האָט ער אָנגעשריבן זיין צוואה, וועלכע איז פול מיט זעלטענע דברי מוסר און יראת שמים און פון וועלכער עס שפיגלט זיך אָפּ נאָך מער זיין איידעלע האַרץ און גרויסע נשמה.

אין דער הקדמה שרייבט ער און בעט, אַז מען זאָל די צוואה אָפּדרוקן תיכף נאָך זיין פטירה און זיין ידיד, דער מורה־הוראה ר׳ ישראל זאַרעטשער, זאָל איר מגיה זיין פון טעותים.

אין דער צוואה שפיגלט זיך אויך אָפּ די תקופה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, ווען עס איז פאָרגעקומען די מחלוקת פון די פרנסים מיט די רבנים, פון מתנגדים מיט חסידים און די מלחמה מיט דער השכלה.

דעריבער געפינען מיר דאָרטן, ווי ער איז גוזר אויף זיינע קינדער, למשל, זיי זאָלן ניט לערנען קיין קבלה ביז וואַנען זיי וועלן ניט זיין פול אין ש״ס און פּוסקים; זיי זאָלן זיך ניט מתחבר זיין מיט די משכילים און ניט ליי־ענען זייערע „היסטאָריעס״. ער זאָגט דאָרטן: „ווייל דער שטייגער פון אַ מענטשן איז צו פירן זיך נאָך די דעות און מנהגים פון זיין מדינה, דעריבער איז מען מחויב צו אַנטלויפן אין אַן אַנדער מדינה, וואו צדיקים וואוינען, כּדי זיך אָפּצולערנען פון זייערע מעשים טובים״.

דאָס, קען זיין, איז אפשר די סיבה, וואָס ר׳ אברהם דאַנציג איז גע־קומען פון דייטשלאַנד און האָט זיך באַזעצט אין ווילנע לעבן ווילנער גאון. ער זאָגט דאָרטן אויך, אַז מען דאַרף מקיים זיין דעם „וקנה לך חבר״, כּדי דער „חבר״ זאָל אים זאָגן מוסר, אויב ער זעט, אַז ער טוט עפּעס ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דערביי בּרענגט ער אַ מעשה, אַז דער גרויסער גאון בעל „עבודת הגרשוני״ האָט געהאַלטן ביי זיך אין שטוב אַ למדן אַ ירא שמים און אים געצאָלט שכירות, כּדי ער זאָל אויף אים אַכטונג געבן און אים זאָגן מוסר, אויב ער וועט זען, אַז ער טוט עפּעס ניט קיין גלייכע זאַך.

אַחוץ דעם פאַרזאָגט ער זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן ניט אָננעמען קיין שום התמנות אָדער פּרנסוּת (שטאָט־גבּאות); און פון יעדן נייעם בגד, וואָס מען מאַכט זיך, דאַרף מען געבן צדקה און איבער־הויפּט ניט מאַכן קיין שינוי אין די בגדים, ווייל דאָס ברענגט צו גאוה; זיי זאָלן זיין גומלי חסדים און געבן צדקה אָן גאוה בעין יפה און מפזר זיין אויף מצוות איבער די כּחות. ער זאָגט, אַז ער אַליין וואָלט געוויס מער הנאה געהאַט, ווען מען זאָל אויף יום־טוב ניט מאַכן מער מאכלים ווי אויף שבת און דאָס איבעריקע געלט אַוועקגעבן אויף צדקה.

ווייטער זאָגט ער זיי אָן, זיי זאָלן אַלע טאָג לערנען אַ פּרק מוסר, איבערהויפּט פון די ספרים „מסלת ישרים", „אורחות צדיקים" און „ספר הישר לרבינו תם", ווייל עס איז בעסער מבטל צו זיין אַ פּרק משניות איידער מבטל צו זיין אַ פּרק מוסר.

ער דערמאָנט זיי אויך, זיי זאָלן זיין נזהר צו באַצאָלן אַ בעל-מלאכה דעם מקח, אויף וועלכן ער איז מרוצה, און תיכף אים באַצאָלן, דען עס איז כּדאי אפילו צו פאַרזעצן אַ משכון, און אויב דורך דעם קען אויסקומען אַמאָל אפשר צו פאַרזאַמען אַ מנחה, דאַרף מען בעסער מבטל זיין מנחה, איידער עובר צו זיין אויף „לא תעשוק", „לא תלין פעולת שכיר" א. אַז. וו.

ער זאָגט זיי אויך אָן, אַז אויב זיי האָבן צו וועמען עס איז אַ תּביעה, זאָלן זיי זען דורכקומען מיט גוטן און בדרך פּשרה; אויך מוחל זיין, אויב עמיצער טוט זיי עפּעס אַן עוולה.

ער רעדט נאָך דאָרטן אויך, אַז זיי זאָלן שטענדיק האָבן דעם געדאַנק פון מסירת נפש פאַרן אייבערשטן מיטן גאַנצן האַרצן און לעבן, און ער פירט אויס בזה הלשון: „אשרי מי שזוכה להיות נהרג על קדושת שמו יתברך"*). ער שרייבט דאָרטן וועגן נאָך מדות טובות.

צום סוף פון דער צוואה איז אָפּגעדרוקט אַ „נוסח מחילה", וואָס ר' אברהם דאַנציג האָט אָנגעשריבן אין יידיש און געבעטן, מען זאָל דאָס אָפּ-דרוקן תיכף נאָך זיין פּטירה און פאַרשפּרייטן צווישן אַלעמען צו זיין לויה.

אין דעם „נוסח מחילה" בעט ער אַלעמען, מען זאָל אים מוחל זיין, אויב ער האָט עמיצן פּוגע בכבוד געווען, אָדער אַן עוולה געטאָן אין געלט-זאַכן אָדער האָט זיך חס-ושלום טועה געווען אין אַ דין אָדער אַ פּשרה וכדומה.

די צוואה אונטערן נאָמען „בית אברהם" איז געדרוקט געוואָרן תיכף נאָך זיין פּטירה דורך זיינע קינדער ר' יצחק און ר' יחיאל.

אין דער הקדמה דערציילן די קינדער, אַז דער פאָטער האָט זיי גע-בעטן, זיי זאָלן ניט שרייבן אויף אים קיין שבחים.

אויפן „בית אברהם" איז דאָ אַ הסכמה פון ר' אבעלע פּאָסוואָלער א. א., אין וועלכער זיי שרייבן, אַז ר' אברהם דאַנציג האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל ניט דרוקן זיינע חיבורים אָן רשיון פון זיינע קינדער, ווייל טאָמער זיינען דאָ הוספות אָדער תיקונים, דעריבער זיינען זיי אויך מזהיר אויף דעם.

*) וואויל איז דעם, וואָס איז זוכה אומצוקומען אויף קדוש השם.

דער ספר „חיי אדם" האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט און עס האָבן זיך אומעטום געגרינדעט חברות צו לערנען אים*).

צולעצט דאַרף מען נאָך דערמאָנען די „תפלה זכה", וועלכע ר׳ אברהם דאַנציג האָט מחבר געווען צו זאָגן יום־כּיפור פאַר „כל נדרי".

די תפלה זכה איז פול מיט יראת שמים און השתפכות הנפש. זי איז זייער פאַרשפּרייט און אָנגענומען געוואָרן אין אַ סך מדינות.

און אַזוי איז ר׳ אברהם געוואָרן פאַרהייליקט ניט נאָר אין ווילנע, וואו אַלע גייען נאָך היינט אין אַ עת צרה אויף זיין קבר מתפלל זיין, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט, וואו מיליאָנען יידן לערנען זיין ספר „חיי אדם" און גיסן אויס פאַרן רבונו של עולם זייער ביטער האַרץ אין זיין האַרציקער „תפלה זכה".

דער חיי אדם איז נפטר געוואָרן יום ג׳ ד׳ תשרי תקפ"א.

אַז מ׳האָט זיך דערוואוסט פון דער פּטירה פון גרויסן גאון און צדיק, איז געוואָרן אין שטאָט חושך אפלה. צו דער לויה איז געקומען גאַנץ שטאָט.

מען דערציילט, אַז צו דער לויה זיינען זיך צונויפגעקומען די גרעסטע ווילנער רבנים און ביים מקבר זיין איז ביי זיי געווען אַ גרויסע שקלא וטריא, ווייל דער „חיי אדם" האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל אים ניט אַריינלייגן אין קבר, נאָר אַריינוואַרפן, כדי ער זאָל אָפּקומען דערמיט „חבוט הקבר", נאָר נאָך אַ גרויסן ישוב הדעת איז געבליבן, אַז מען זאָל מקיים זיין ווי ער האָט אָנגעזאָגט. בשעת מ׳האָט אים אַריינגעוואָרפן, זיינען אַלע געשטאַנען צעציטערטע און צעשראָקענע פון גרויס אימה און פחד.

דעם קבר האָט ער נאָך אַליין אויסגעקליבן בחייו, ניט ווייט פון ווילנער גאונס קבר און לעבן זיין זון, ר׳ משה שלום, וועלכער איז געווען אַ גרויסער עלוי און איז נפטר געוואָרן מיט אייניקע יאָר פריער, אום פורים תקע"ד, אין גאַנצן 20 יאָר אַלט.

---

*) אין ווילנע איז איינע פון די ערשטע חברות „חיי אדם" געגרינדעט געוואָרן דורך ר׳ הירש גאַרבער, וועלכער איז געווען מער ווי זעכציק יאָר רבי פון דער דאָזיקער חברה. די חברה האָט זיך פון אָנהייב טאַקע גערופן „חברה חיי אדם", נאָר צוליב פאַרמעלע טעמים, מחמת די מאַכט האָט געגעבן די ערלויבעניש נאָר דער שול פון די בעלי־מלאכות, האָט מען געמוזט דער־נאָך איבערבייטן דעם נאָמען אויף „חברה פועלים".

צום סיום פון ספר „חיי אדם" פלעגט מען מאַכן אַ גאַנצע סעודה. אין דער פרי פלעגן אַלע חברים פריער גיין טבילה, דערנאָך פלעגט מען גיין צום „חיי אדם" אויפן קבר מתפלל זיין. ר׳ הירש גאַרבער האָט צו דעם צוועק מחבר געווען אַ באַזונדערע תפילה, וועלכע ער האָט דערנאָך אָפּגעדרוקט אין זיין ספר „ארץ חפץ". ביינאַכט פלעגט פאָרקומען די גרויסע סעודה פון סיום מיט דרשות און געזאַנג און מיט בשר ודגים כיד המלך.

אין ווילנע זיינען אַמאָל אויך געווען נאָך חברות „חיי אדם", און אַזעלכע זיינען געווען און זיינען פאַראַן אין פיל שטעט און שטעטלעך עד היום.

ה.

# זיינע איבעריקע חיבורים.

אויסער די אויבנדערמאָנטע ספרים: „חיי אדם", „חכמת אדם", „שערי צדק" און „בית אברהם", זיינען נאָך פון ר' אברהם דאַנציג פאַרבליבן צוויי הספדים אויף דעם ווילנער גאון, געדרוקט—איינער אין ספר „שערי רחמים" און דער צווייטער אין „צוואת ר' יחזקאל". עס איז אויך פאַרבליבן פון אים אַ כתב־יד, אַ פירוש אויף הושע, משלי און איוב*).

דעם פירוש, דערציילט ר' אברהם דאַנציג, האָט ער אָנגעשריבן בשעת ער איז נאָך געווען אַ סוחר זיצנדיק אין קראָקע.

ער האָט אויך מחבר געווען אַ „ספר המדות", וועלכער איז ניט גע־דרוקט געוואָרן.

נאָך דעם גרעסטן ערפאָלג פון זיינע געדרוקטע ספרים האָבן געהאַט זיין „חיי אָדם" און זיין „חכמת אדם", וועלכע זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן זייער פיל מאָל.

אויפן ספר „חיי אדם" האָט מען שפּעטער אויך מחבר געווען אייניקע הוספות, הגהות און ביאורים: „פני אדם" פון גאון ר' שלמה גאַנצפריד, מחבר פון „קיצור שולחן ערוך"), „פעולת אדם" (פון ר' אהרן דוד, לובטשער רב, געדרוקט אין ווילנע אין יאָר תר"ם), „תוספות חיים" (פון ר' שלמה פינקעל־שטיין, געדרוקט אין וואַרשע אין יאָר תרנ"ד).

אין יאָר תקפ"ה האָט ר' אברהם דאַנציגס ידיד, ר' ישראל גינצבורג, (ר' ישראלקע, זאַרעטשער מורה־הוראה, וואָס אויף זיין נאָמען איז ביים טייכל ווילענקע אויסגעבויט געוואָרן אַ קלויז) מסדר געווען דעם „חיי־אדם" צו דער דריטער אויפלאַגע מיט אַ סך הוספות און חידושים, וואָס זיינען פאַרבליבן פון ר' אברהמען נאָך זיין פּטירה, און צוגעגעבן אויך אַ הקדמה.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז אַ באַזונדער אויסגאַבע פון „חיי אדם" אונטערן נאָמען „קיצור חיי אדם" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר תרכ"ג דורכן רוסישן בילדונגס־מיניסטעריום צו לערנען אין אים מיט די תלמידים פון די יידישע שולן.

וועגן „חיי אדם" האָט געשריבן מיט גרויס יראת הכבוד דער גאון ר' יחזקיהו מדיני אין זיין מפורסמדיקן ספר „שדה חמד" אין כללי הפוסקים סימן ל"ב. ער ברענגט דאָרטן מיט גרויס בקיאות די אַלע גאונים, וועלכע דערמאָנען דעם חיי אדם אין זייערע ספרים.

---

*) דער כתב־יד איז שוין איצט מסודר צום דרוק דורך זיינעם אַן אוראייניקל ר' יששכר בער גראַדשטיין (ביי אים געפינט זיך אויך אַ „מגן אברהם" מיט אייגנהענטיקע הגהות פונם חיי אדם).

אויף זיין מצבה האָט דער חיי אדם, דער גרויסער עניו, געבעטן, מ׳זאָל שרייבן נאָר אַזאַ נוסח: „פ״נ ר׳ אברהם בר׳ יחיאל בעהמ״ח ספר „חיי אדם״ ו„חכמת אדם״ והמקום הזה בחר לו בחייו לנחלה לו. נפטר ביום ג׳ ד׳ לחדש תשרי תקפ״א לפ״ק ויקרא „אברהם שם המקום״ ההוא תנצב״ה.

ער האָט אויך געבעטן, אַז אויף די הספדים, וואָס מען וועט מאַכן, זאָל מען אויף אים קיינע שבחים ניט זאָגן, מער ניט בזה הלשון: „שהיה משאו ומתנו באמונה, ולפי דעתו לא עשה עוולה לשום אדם בדבר שבממון. (אַז ער האָט געהאַנדלט ערלעך און ער מיינט, אַז ער האָט קיינעם ניט געטאָן קיין צומרעכט).

---

ו.

# דעם חיי אדמס קינדער.

ר׳ אברהם דאַנציג האָט איבערגעלאָזן צוויי זין מיט איין טאָכטער. זיין עלטערן זון האָט מען גערופן ר׳ יצחק דאַנציג. ער איז געווען זייער גרויס אין לערנען. זיין פרוי האָט מען גערופן גיטל, אַ טאָכטער פון ר׳ יהודה ליב בן הגר״א.

מ׳דערציילט, אַז איידער מ׳האָט געשריבן די תנאים פון ר׳ יצחקן, האָט מען דעם חתן געבראַכט אויף פאַרהער (לויט דאַמאָלסדיקן מנהג) צו דער כלהס זיידן, דעם ווילנער גאון. ביים גאון איז דאַן געווען אַ שטוב פול מיט גרויסע רבנים און קיינער האָט קיין מויל ניט געעפנט, אַלע זיינען געשטאַנען שטיל מיט גרויס פחד און אימה. אַז מ׳האָט דעם גאון דערציילט וועגן פאַרהערן דעם חתן, האָט רבינו אליהו געבעטן ר׳ ליב חריף (אויף וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז ער איז ראוי, מען זאָל אים רופן מיטן נאָמען גאון), צו פאַרהערן זיין קינפטיקן אייניקל. ר׳ ליב האָט געזאָגט צום גאון, אַז ער איז איצט זייער שטאַרק פאַרנומען אין אַ גרויסער דבר מצוה, וואָס מען קען ניט אָפּלייגן, נאָר ביי אים אין ישיבה געפינט זיך אַ גרויסער עלוי ר׳ הירשעלע*), וואָס אויף אים קען מען זיך פאַרלאָזן. אַז ר׳ ליב האָט געזאָגט, אַז מען קען זיך אויף ר׳ הירשעלען פאַרלאָזן, האָט דער גאון מסכים געווען.

אַז ס׳האָט זיך געענדיקט דער פאַרהער, איז ר׳ הירשעלע צוגעגאַנגען צום טיר פון שטיבל פון ווילנער גאון און געוואַרט, ביז דער גאון האָט אים אַריינגערופן. דאַן האָט ר׳ הירשעלע דערציילט, וואָס ער האָט אים געפרעגט.

---

*) הירשעלע ברוידאָ, וואָס איז דערנאָך געווען רב אין סאַלאַנט און דער מפורסמדיקער גאון און צדיק ר׳ ישראל סאַלאַנטער און ר׳ אליהו קרעטינגער א. א. זיינען געווען פון זיינע תלמידים מובהקים.

דער גאון איז געווען צופרידן און האָט געזאָגט: „זאָל מען שרייבן תנאים".

אזוי איז ר׳ יצחק געוואָרן אַן אייניקל פון ווילנער גאון. נאָר היטנדיק די טראַדיציע פון זיינע עלטערן, האָט ער קיין רבנות ניט געוואָלט אָננעמען און זיך גענומען צו מסחר. ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן פון מאַנופאַק־טור און מעדיקאַמענטן אין ווילנע און אין נאָך אייניקע שטעט פון ליטע, פון וואָס ער איז זייער רייך געוואָרן.

ניט קוקנדיק אויף זיינע גרויסע עשירות און טרדות, איז ער פונדעסט־וועגן געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט.

ער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל צדקה און געפירט זיין שטוב מיט גרויס נדיבות. ביי זיין טיש פלעגן זיך שטענדיק געפינען עטלעכע מנינים לומדים און געדריקטע מענטשן.

מ׳דערציילט: איינמאָל האָט ער באַגעגנט איינעם, וואָס טראָגט חול־המועד סוכות זיינע זילבערנע לייכטער פון זיין סוכה, וואָס פלעגט שטענדיק זיין באַצירט מיט די שענסטע זילבערנע און גילדערנע כלים. טראַכט זיך ר׳ יצחק: מסתמא מוז ער, נעבעך, זיין אַ געפאַלענער בעל־הבית, וואָס האָט ניט אויף יום־טוב, — און ער רופט זיך אָפּ צום מענטשן מיט די לייכטער: „איר האָט דאָך בוודאי די לייכטער געטראָגן מיר זיי צו פאַרקויפן. נו טאָ וויפיל ווילט איר פאַר זיי?" יענער האָט אים געזאָגט אַ מקח. רופט זיך אָפּ ר׳ יצחק צו אים: „ניין, ליבער ר׳ ייד, איר בעט צו ווינציק, זיי זיינען ווערט פיל מערער", און האָט אים באַצאָלט פאַר זיינע אייגענע לייכטער כפל כפלים.

מ׳דערציילט אויך, אַז איינמאָל ערב יום־כפור זיינען גראָד אָנגעקומען זייער פיל סוחרים צו אים אין די געשעפטן און מ׳האָט ניט געקענט מקיים זיין ריכטיק דעם דין פון „כל האוכל בערב יום־הכפורים", — האָט זיך ר׳ יצחק אויף דעם זייער פיל מצער געווען און געזאָגט, אַז דאָס איז געוויס מעשה שטן, דעריבער איז דאָס געלט געוויס ניט קיין כשרה, און האָט געהייסן צעטיילן דעם גאַנצן פדיון פון ערב יום כפור פאַר אָרימע און געדריקטע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין נדיבות איז אויך פאָלגנדע מעשה: איינמאָל זיינען אים זיינע געשעפטן אַוועק זייער שלעכט. טראַכט זיך ר׳ יצחק: מסתמא האָט ער ניט געמעשרט די צדקה, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און ער האָט גע־בעטן דעם הויפּט־בוכהאַלטער תיכף אַרויפטראָגן דעם „צדקה־פנקס". אַז מ׳האָט אים אַרויפגעטראָגן דעם פנקס, האָט ר׳ יצחק געמאַכט אַ חשבון און אָנגעזאָגט דעם בוכהאַלטער, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער געבן אויף אַלע צדקות כפל כפלים.

און עס האָט ניט לאַנג געדויערט, ווי איינער אַ סוחר פון ריגע האָט געבראַכט קיין ווילנע זייער פיל מעדיקאַמענטן צו פאַרקויפן, נאָר קיינער האָט ניט געקויפט, ווייל די צייט איז דאַן געווען זייער אַ שלעכטע, האָט ער עס פאַרקויפט פאַר זייער ביליק ר׳ יצחקן.

מיט-אַמאָל איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה, און ר׳ יצחק איז פון דעם זייער נתעשר געוואָרן.

מ׳דערציילט, אַז ר׳ יצחק דאַנציג האָט געדאַוונט אין גאונס קלויז, וואו זיין פאָטער, דער „חיי אדם", האָט געדאַוונט, און דאָרטן אויך געלערנט.

ר׳ יצחק דאַנציג האָט זיך אויך פיל געמישט אין שטאָט-ענינים און זיך צונויפגעשריבן וועגן כלל-זאַכן מיט ר׳ משה מאָנטיפיאָרע.

ער איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער אין יאָר תרי״ג. זיין מצבה האָט אָנגעשריבן דער משורר אדם הכהן אין זייער אַ שיינעם נוסח.

ר׳ יצחק האָט געהאַט אַן איינאיינציקן זון, מ׳האָט אים גערופן ר׳ אליהו, אַ נאָמען נאָכן ווילנער גאון, נאָר ער איז זייער יונג געשטאָרבן (אין יאָר תקפ״א) און ער ליגט אויפן אַלטן בית-עלמין צו-פוסן פון זיין זיידן דעם „חיי-אדם".

ר׳ יצחקס אייניקל, ר׳ ליבלי דאַנציג (אַ זון פון ר׳ אליהו), איז אויך געווען זייער אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער בעל צדקה. ער האָט זיך מתחתן געווען מיט די גרעסטע מענטשן פון זיין צייט. ר׳ לייבליס פרוי איז געווען אַ גרויסע מיוחסת, אַ אייניקל פון ר׳ ישכר בער, דעם ווילנער גאונס ברודער.

פון ר׳ יצחק דאַנציג איז פאַרבליבן ירושה אַ פּאָר זילבערנע „עץ-חיימס"*), אויף וועלכע עס שטייט אויסגעקריצט פאָלגנדעס: „אני יצחק בהרב ר׳ אברהם חתנו של הרב ר׳ יהודה ליב בהגאון רבנו אליהו קניתי את „העץ חיים" האלו מעזבון של הגר״א מיד אחר פטירתו וחד״א (חתיכה דאיסורא) ליוצאי חלצי למוכרם לעולם".

דער צווייטער זון פון „חיי אדם" האָט געהייסן ר׳ חייא דאַנציג.

ר׳ חייא דאַנציג**) איז געווען אַ גרויסער סוחר און צוליב זיינע מסחרים פלעגט אים אויסקומען צו זיצן אין מאָסקווע.

דאָרטן, אין מאָסקווע, פלעגט ער טאָן גרויסע טובות די יידישע סאָלדאַטן. ער האָט פאַר זיי אויסגעבויט אַ שול און פלעגט פאַר זיי ממליץ זיין ביי דער מאַכט, מען זאָל זיי אָפּלאָזן אויף שבת און יום-טוב.

אין יאָר תקצ״א, בעת עס איז אויסגעבראָכן אין ווילנע די כאָלערע (ר״ל), איז ר׳ חייא דאַנציג געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך ממש מוסר-נפש געווען און געגרינדעט אין אַלע עקן פון שטאָט באַראַקן, וואו מ׳האָט געבראַכט די חולאים, און אַליין אכטונג געגעבן אויף זיי.

אויך אין יאָר תר״ד, בשעת עס איז געווען אין ווילנע זייער אַ גרויסער הונגער, איז ר׳ חייא געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געעפנט אַ קיך פאַר די הונגעריקע און די דאָזיקע קיך אונטערגעשטיצט מער ווי צוויי יאָר מיט זיין געלט און מי.

---

*) די עץ-חיימס געפינען זיך ביי ה׳ גראַדשטיין אין ווילנע.

**) לויט „עיר ווילנא" און אַנדערע מקורים.

אין יאָר תר״ו, ווען ר׳ משה מאָנטיפיאָרע איז געקומען קיין ווילנע, האָט ער באַזוכט די קיך און זייער וואַרים באַגריסט ר׳ חייאַן פאַר זיין וויכטיקער אַרבעט לטובת די הונגעריקע.

אין יאָר תר״ח, בעת עס איז צום צווייטן מאָל אויסגעבראָכן די כאָלערע, האָט זיך ר׳ חייא ווייטער מוסר נפש געווען צו ראַטעווען די חולאים.

בכלל איז ר׳ חייא דאַנציג געווען שטענדיק איבערגעגעבן מיטן גאַנצן לעבן פאַר געדריקטע און האָט אויך געשטיצט אָרימע כלות מיט נדן א. אַ. וו.

זיין פרוי, לאהה, איז געווען אַ טאָכטער פון ר׳ אריה הינדעס (אַקסילראָד).

ר׳ חייא האָט זיך אויך מתחתן געווען מיט די גרעסטע לייט, אויך מיט די סיר־קינס פון ב״חס משפחה*). זיין זון ר׳ אליהו איז געווען אַ איידעם פון גרויסן גאון ר׳ יעקב קאַרלינער, דעם מחבר פון „משכנות יעקב״.

ר׳ חייא איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 74 יאָר. זיין מצבה האָט געשריבן אדם הכהן אין יאָר „כמה גדולים מעשי חייא״ לפ״ק (תרכ״ג).

זיין בילד געפינט זיך ביי זיינעם אַן אייניקל אין ווילנע ה׳ יואל סירקין.

זיין וואוינונג איז געווען אין זיין אייגענעם הויף אויף אָשמיאַנסקי געסל (איצט עליאַשבערג).

ר׳ אברהם דאַנציגס טאָכטער האָט מען גערופן „וויטקע״ (ער דערמאָנט איר אין „חיי אדם״ צום סוף). איר מאַן איז געווען אַן אייניקל פון דער צדקניות בלומקע ווילענקין**), וואָס דער „שאגת אריה״ האָט איר געבענטשט***). אין מינסק איז דאָ אַ בית־מדרש, וועלכער רופט זיך אויף איר נאָמען „בלומקעס בית־מדרש״.

אַזוי איז דעם חיי אדמ׳ס פאַמיליע פאַרצווייגט געוואָרן אַלס איינע פון די גרעסטע פאַמיליעס ביי יידן עד היום.

---

*) דער גרויסער גאון ר׳ יואל סירקיש, דער מחבר פון „בית חדש״ (ב״ח), האָט ביים פאָלק באַקומען דעם נאָמען ב״ח צוליב זיין באַרימטן ספר.

**) איר פאַמיליע ווילענקין שטאַמט דערפון וויייל זי פלעגט אָפט פאָרן קיין ווילנע צוליב אירע מסחרים. איינער פון אירע אייניקלעך איז געווען דער מפורסמדיקער מאָסקווער ראַבינער ר׳ יעקב ב״ר ישעיהו מזאה ז״ל.

***) וועגן דער בלומקע דערציילט מען פאָלגנדע מעשה: לערך אין יאָר תצ״ב, בעת ר׳ יחיאל היילפערן, דער מחבר פון „סדר הדורות״, איז געווען רב אין מינסק, דאַן איז ר׳ אריה ליב גינצבורג, דער „שאגת אריה״, געווען דאָרטן ראש־ישיבה. דער שאגת אריה מיט זיין לאָגישן, ברייטן און טיפן שכל האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די פוסטע פלפולים. ניט איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז די גדולים פון מינסק האָבן זיך געפלפולט, איז געקומען דער שאגת אריה און מיט איין וואָרט מבטל געמאַכט זייערע גאַנצע פלפולים. זיינען זיי געוואָרן אויף אים זייער אויפגעבראַכט. נאָך אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט פוגע בכבוד געווען דעם אַלטן רב, דעם „סדר הדורות״, האָבן די פרנסים באַשלאָסן מעביר זיין דעם שאגת אריה פון ראש ישיבה און אַרויסשיקן פון שטאָט. האָבן זיי גענומען אַ פויערשן וואָגן, איינגעשפּאַנט אין צוויי אָקסן, און אים אַרויסגעפירט אַלס עונש אונטערן שטאָט. דאַן איז געראָד געווען ערב שבת. איז דורכגעלאָפן דורכן המון אַ אָרימע יידענע בלומקע, וואָס פלעגט טראָגן חלה צו פאַרקויפן, און דערלאַנגט אים דריי חלות אויף שבת. דערפאַר האָט איר דער שאגת אריה געבענטשט און זי איז געוואָרן זייער רייך. בלומקע האָט אויך אויסגעבויט אַ קלויז. זי איז געשטאָרבן אין ירושלים אין יאָר תקע״ה און אויף איר צוואה פון די צדקות האָט זיך געחתמעט ר׳ חיים וואָלאָזשינער.

# הגאון ר׳ שאול קאצענעלענבויגן ז״ל

ר׳ שאול קאַצענעלנבויגן איז געבאָרן געוואָרן אין בריסק לערך אין יאָר תקל״ג ביי זיין פאָטער דעם גרויסן גאון ר׳ יוסף, וועלכער איז דאָרטן גע-ווען רב הגליל, און האָט געשטאַמט פון גרעסטן יחוס — פון ר׳ שאול וואַל.

די ערשטע דערציאונג האָט ער באַקומען ביי זיין פאָטער און עלטערן ברודער ר׳ אריה-לייב, וועלכער האָט דערנאָך, נאָכן פאָטערס טויט, איבער-גענומען די רבנות אין בריסק.

ר׳ שאול האָט געלערנט אַ קורצע צייט אין פּאָלאָצק. פון דאָרט איז ער געקומען זען דעם ווילנער גאון און איז געוואָרן זיינער אַ תלמיד. דער גאון האָט פון אים זייער געהאַלטן. מ׳דערציילט: ווען ר׳ שאולקע איז געווען נאָך גאָר יונג, האָט אים דער פאָטער געשיקט צום ערשטן מאָל קיין ווילנע מיט אַ בריוו צום גאון, ער זאָל אים מקרב זיין. ביים גאון איז געווען אַ מנהג יעדן טאָג אין אָוונט פרעגן ביי די תלמידים און לערנער פון זיין מנין, וואָס זיי האָבן פאַרן טאָג געלערנט. דער גאון האָט אויך געפרעגט ביים יונגן ר׳ שאול. — האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט דורכגעלערנט אַ מסכתא. דער גאון האָט זיך פאַרוואונדערט און אים געפרעגט דעם פשט פון אייניקע תוספותן. האָט אים ר׳ שאולקע געענטפערט זייער גוט. איז דער גאון ווידער פאַרוואונדערט געוואָרן און אים געזאָגט, אַז אַזוי האָט ער אויך געלערנט דעם פשט.

ר׳ שאולקע איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער גאון, נאָר אויך אַ גרוי-סער צדיק.

פון יונגערהייט אָן האָט ער שוין פון דער וועלט גאָר קיין הנאה ניט געהאַט, שטענדיק געפאַסט, געלעבט מיט אַ כזית ברויט, און טאָג און נאַכט נאָכאַנאַנד געלערנט.

מ׳דערציילט, אַז זיין מוטער פלעגט שטענדיק קלאָגן: זי האָט צוויי זין, לייענט איינער קיין מאָל קיין קריאת-שמע ניט, און דער צווייטער בענטשט קיין מאָל ניט. דאָס זיינען געווען: זיין ברודער ר׳ אריה ליב, בריסקער רב,

וועלכער פלעגט גאַנצע נעכט לערנען, און דער צווייטער ר׳ שאולקע, וועל־כער פלעגט שטענדיק פאַסטן תעניתים.

מ׳האָט וועגן דעם אויך מודיע געווען דעם ווילנער גאון. האָט ער אים אויסגערעדט. האָט ר׳ שאולקע געפרעגט דעם גאון: טאָ פאַר־וואָס האָט ער געפאַסט דעם גאַנצן לעבן? האָט אים דער גאון געענטפערט, אַז איצט צו דער עלטער האָט ער־ טאַקע חרטה. האָט ר׳ שאולקע געענט־פערט, אַז צו דער עלטער וועט ער אויך חרטה האָבן.

ר׳ שאולקע האָט זיך עוסק געווען ניט נאָר אין תורה אַליין, נאָר אויך זייער פיל אין כלל־ענינים. היות ער איז געווען ווילנער מורה־הוראה און דערצו נאָך דער גרויסער צדיק, עניו און חכם, האָט מען זיך פון אומעטום געווענדט צו אים מיט די הארבסטע דין־תורות, ברירות און עצות, און ער האָט מיט זיין שאַרפן פאַרשטאַנד און קלוגע רייד אַלץ דורכגעפירט על צד היותר טוב, און אַלע פלעגן אַוועקגיין פון א׳ם זייער צופרידן.

און ניט נאָר אין דין־תורות, נאָר אויך מיט סתם עצות פלעגן אַלע קומען צו אים. אויך פיל יורדים, אַז זיי פלעגן אים דערציילן זייער מצב, פלעגט ער שוין ניט רוען, ביז וואַנען ער האָט זיי געשטעלט צוריק אויף די פיס.

ניט קוקנדיק אויף זיינע תעניתים און זיין גרויס פרומקייט, איז ער געווען אויך אַ בקי בהויות העולם: געקענט פויליש און געהאַט אַ טיפע ידיעה אין נגינה און אין אַנדערע זאַכן. זיין הזקה איז שוין געווען תמיד צו דאַוונען פאַרן עמוד אין ווילנער גרויסער שול די תפילות „טל״ און „גשם״.

אויסער דעם אַלעמען איז ער געווען באַקרוינט מיט אַ זעלטענעם הדרת פנים. זיין פנים האָט געלויכטן און אויסגעזען ווי פון אַ מלאך אלקים. אַלע, וועלכע פלעגן אים דערזען, פלעגן ווערן פאַרציטערט פון גרויס מורא פאַר דער קדושה, וואָס פלעגט אַרויסשיינען פון זיין הייליקן פנים.

ביי אים איז געווען אַ מנהג צו גיין אַלע טאָג טבילה, אַפילו ווינטער אין די גרעסטע פרעסט אויפהאַקן די אייז און טובלען זיך אין טייך. זיין וואוינונג, דערציילט מען, איז אַמאָל געווען איבער לייב לייזערס קלויז אויף יידישער גאַס, און דאָרט ביי אים אין צימער זיינען געווען אויף אַלע ווענט אויפ־שריפטן: „כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה״.

דער כבוד התורה איז ביי אים געווען זייער גרויס. איינמאָל שפעט ביי באַכט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איינער אַ גרויסער גביר און אַ גרויסער בעל־צדקה האָט עפעס פוגע בכבוד געווען אַ תלמיד חכם. האָט ער גלייך געשיקט רופן דעם גביר און אים געבעטן, ער זאָל תיכף גיין איבערבעטן דעם תלמיד־חכם, כדי דער כבוד התורה זאָל אַפילו אַ מינוט ניט ליידן.

ניט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַזאַ גרויסער טרוד וועגן דין־תורות, וועגן קלייבן פאַר אָרימע און געדריקטע, דאָך האָט ער אַ מינוט ניט מבטל געווען פון תורה; גייענדיק און שטייענדיק האָט ער אַלץ געלערנט אויסווייניק,

און זיין בקיאות אין גאַנץ תורה שבכתב און תורה שבעל פה איז געווען מבהילדיק; אויך זיין האָרעווען און פאַרטיפן זיך אין תורה איז געווען גאָר מוראדיק.

זיין מנין איז געווען דאָרטן, וואו ס׳איז איצט די קלויז, וועלכע רופט זיך אויף זיין נאָמען, וואָס די דרוקער ראָכס האָבן אויסגעבויט נאָך זיין פּטירה.

איינמאָל ווינטער, שבת אינדערפרי, ס׳איז שוין געווען שפּעט, מ׳קען שוין פאַרשפּעטיקן קריאת־שמע, און ר׳ שאולקע איז נאָך אַלץ ניטאָ. — זיי־נען אַלע געוואָרן זייער צעשראָקן, און איינער פון די גרעסטע נכבדים איז אַוועק צו ר׳ שאולקען זען, וואָס עס איז מיט אים.

ער איז אַריין אין שטוב, ער זעט — ר׳ שאולקע שטייט מיט איין פוס אויפן פאָל, די אַנדערע אויפן באַנק און מיטן האַנט אונטערגעשפּאַרט די קאָפּ אָן טיש, און זייער פאַרטראַכט אין לערנען, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט ווי דער נכבד איז אַריין. אַ לאַנגע צייט איז ער אַזוי געשטאַנען. זעענדיק אָבער, אַז ס׳איז שוין באַלד אַריבער דער זמן קריאת־שמע, איז דער שליח צוגעגאַנגען נענטער און אים אָנגערירט, האָט זיך ר׳ שאולקע אַ כאַפּ געטאָן און אַזוי ווי מיט פאַרדרוס אַ קוק געטאָן, פאַרוואָס מ׳האָט אים געשטערט.

אַז ער האָט דערנאָך געפרעגט ביי די שטוב־לייט, האָט מען אים געזאָגט, אַז ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען די גאַנצע ווינטערדיקע נאַכט פון נאָך דער וועטשערע אָן.

אַ גאַנצן יאָר פלעגט זיך ר׳ שאולקע עוסק זיין מיט דין־תורות. נאָר ווי ס׳פלעגט קומען ראש־חודש אלול, האָט ער שוין דאַן זיך מתבודד געווען און קיין ענין ניט אָנגענומען.

איינמאָל איז געווען זייער אַ האַרבע דין־תורה, וואו ער האָט געדאַרפט זיצן צוזאַמען מיט ר׳ חיים וואָלאָזשינער. האָט ר׳ חיים געענטפערט, אַז ער איז מסכים נאָר בתנאי, אויב ר׳ שאולקע איז מסכים. אַז מ׳האָט עס איבערגע־געבן רב שאולקען, האָט ער געענטפערט: יע, ר׳ חיימקע קען, אָבער ווי קען איך גיין צום יום־הדין אָן חשבון הנפש.

מ׳האָט אים אַכט יאָר פאַר זיין פּטירה אַריינגעשיקט אַ כתב־רבנות פון קראָקאָ, נאָר ער האָט פון עניוות און צדקות ניט געוואָלט אָננעמען.

די לעצטע טעג פון זיין לעבן, אַז ער איז אַלט געווען אינגאַנצן לערך אַ יאָר 52, איז ער פון צופיל סגופים און טירדות געוואָרן זייער שוואַך. ער פלעגט מער ניט לעבן ווי מיט אַ שטיקל לעקאַך און כיט אַ ביסל ביר. אַלע גרויסע רבנים און פרנסים פלעגן צו אים קומען אַלע טאָג מבקר־חולה זיין.

איינמאָל האָט ער זיי געזאָגט, אַז דעם און דעם טאָג וועט זיין זיין פּטירה, און געבעטן, מ׳זאָל אים אויך נאָך זיין פּטירה טובל זיין אין מקוה, אַזוי ווי ער האָט דאָס אָפּגעהיט זיין גאַנץ לעבן.

אַז מ׳האָט זיך דערוואוסט פון זיין פּטירה, איז געוואָרן אין שטאָט אַ

שרעקלעכע יללה. אלע קראָמען זיינען געוואָרן געשלאָסן. מ׳האָט אים אריינ־געטראָגן אין דער גרויסער שול און אוועקגעשטעלט זיין אָרון געבן ארון־קודש. דאָרטן האָבן אים מספיד געווען די גרעסטע ווילנער רבנים.

מ׳דערציילט, אז אין זעלבן טאָג איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָט, אז מ׳זאָל אים געבן אַ „מקום" צווישן ר׳ מאניש חיות און דעם „באר הגולה". איז געוואָרן ביי די גרעסטע ווילנער רבנים אַ גרויסע שקלא וטריא: וואָס זאָל מען טאָן? ווייל שוין פינף און אַכציק יאָר, אז מ׳האָט דאָרט לעבן די הייליקע קברים פון ר׳ מאניש חיות, וואָס אויף זיין מצבה שטייט „משיח ה׳", און פון דעם גרויסן גאון „באר הגולה", דעם ווילנער גאונס זיידע, קיינעם ניט מקבר גע־ווען. דערנאָך האָבן זיי מסכים געווען, אז מ׳זאָל גראָבן, און מ׳האָט טאַקע געפונען דאָרט אַ ליידיקן קבר, אַזוי ווי אַנגעגרייט פאַרן גרויסן גאון און צדיק ר׳ שאולקע, און אויף זיין מצבה האָט מען געשריבן:

## א י

שאול בחיר ה׳, האיר לכל העולם, כירח בחצי החדש
אי חסיד אי עניו, מלא ספרא וספרי והלכתא בגודש
וקדוש וטהור מבטן אמו עד באו פה אדמת קדש
לוחות העדות ובאוריהן החמודות, נגנזו עמו פה בארון
בבלי וירושלמי תוספתא ומכילתא, חרותים על לבו לזכרון
הלום ראינו מלאך ה׳ עלה בלבת אש השמימה, ושב לבצרון
גאון עולם, משוש דור, אות ומופת לדור אחרון
מעוז לדל, תקוה לאביון, רגלים לפסח, ועינים לעורון
הי תורה, והי מצות דמגנו עלן, ומי יסיר אף וחרון
ומי כמוהו בישראל, בחסידות ופרישות במעלה ויתרון
רוב ימיו בתענית, ותבר גזיזא דברדא וטבל כמו בנחל עדנים
ראתה עינו את כל יקר, והבהיר והזוהר, חדשים גם ישנים
יצא חוטר מגזע ישישים ונצר מקדושים והאיתנים
ויצא שמו בכל הארץ, בין עמודי עולם והאדנים
סולו סולו בערבות, פנו דרך, הציבו לו ציונים
פתחו שערי שמים, ויבוא צדיק שומר אמונים
ה״ה תור האדם המעלה, לא נעלם ממנו דבר קטן וגדול
בנסתר ובנגלה, הרב הגאון הגדול והחסיד המפורסם
בכל קצוי ארץ, שלשלת היוחסין למאד נעלה
מהור״ר שאול זללה״ה בהגאון מהור״ר יוסף זללה״ה אב״ד
ור״מ דק״ק בריסק, ויצאה נשמתו בקדושה וטהרה
ביום ד׳ כ״ב טבת, שנת, תקפ״ה לפ״ק תנצבה:





הגאון ר׳ אבלי פאָסוואָלער זצ״ל

# הגאון ר׳ אַבלי פּאָסוואָלער ז״ל.

## א.

ר׳ אַבלי פּאָסוואָלער איז געווען איינער פון די באַרימטסטע רבנים פון לעצטן פערטל פון זעקסטן יאָרהונדערט לויט אונזער צייטרעכענונג.

אין יענער צייט איז ר׳ אַבלי צוזאַמען מיט די גרויסע גאונים ר׳ עקיבא אייגער און ר׳ משה סופר (דער „חתם-סופר״[1]) זיך גערעכנט כמעט פאַר די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער יידישער וועלט.

ר׳ אַבלי איז געבאָרן געוואָרן ערב שבועות פון יאָר תקכ״ד ביי זיין פאָטער ר׳ אברהם שלמה, פּאָסוואָלער רב, וואָס איז געווען אַ גרויסער מיוחס, אַן אור-אור-אייניקל פון ווילנער רב ר׳ יצחק אשכנזי[2]), און געשטאַמט פון נאָך גאונים, פון „בעל כנסת יחזקאל״ און פון די רוזשינאָער קדושים.

ר׳ אַבלי האָט נאָך פון קינדווייז אָן ארויסגעוויזן אַזוינע גוואַלדיקע כשרונות, אַז זיין פאָטער האָט אים שוין ניט געוואָלט אָנטרויען אַ מלמד און זיך אַליין פאַרנומען מיטן לערנען פון זיין יונגן עילוי, און ר׳ אַבלי איז געוואַקסן אין לערנען זייער גרויס.

אַז ער איז געווען נאָך זייער יונג, האָט זיך שוין געפונען אַ גרויסער נכבד פון פּאָסוואָל, וואָס האָט אים אויסגעכאַפּט פאַר אַן איידעם פאַר זיין טאָכטער, נאָר זי איז זייער יונג געשטאָרבן.

---

1) ר׳ עקיבא אייגער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״ח און ר׳ משה סופר—ת״ר.

2) ר׳ יצחק איז געוואָרן רב אין ווילנע אין יאָר תכ״ד נאָך ר׳ משה, דעם מחבר פון „חלקת מחוקק״, און מ׳האָט אים גערופן ר׳ יצחק הגדול, ווייל ער איז געווען געוואַלדיק גרויס אין בנגלה און נסתר. ער איז אויך געווען דער ערשטער פון ווילנער רבנים—פאָרשטייער אין ועד ד׳ ארצות און זיך געחתמעט דער דריטער.

מען דערציילט, אַז די פאָרשטייערשאַפט פאַר ווילנע האָט דער ש״ך (שבתי כהן) אויסגעפּועלט, בעת ער איז נאָך געווען דיין אין ווילנער בית דין פון „חלקת מחוקק״. ער האָט אויף דער אסיפה פון ועד ד׳ ארצות געהאַלטן אַ דרשה און גזאָגט די מליצה „כי לשלג יאמר ארץ״ (אַ פּסוק אין איוב), אַז וויבאַלד אין ווילנע געפינען זיך 333 (כמנין שלג) גדולי תורה, וואָס קענען זיין רבנים אין די גרעסטע שטעט, דאַרף מען ווילנא אויך אריינרעכענען אין די ד׳ ארצות, אויף וואָס די רבנים און פרנסים האָבן מסכים געווען. ר׳ יצחק איז אין יאָר תכ״ געוואָרן רב אין פּויזן און דאָרטן נפטר געוואָרן אין יאָר תמ״ה.

און ר׳ אבלי האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט. ער האָט גענומען די טאָכטער פון לאַנצוטער רב, וועלכע האָט אים געבוירן דריי טעכטער. זי איז אויך יונג געשטאָרבן, אין יאָר תקנ״ז האָט ר׳ אבלי חתונה געהאַט צום דריטן מאָל.

ער האָט גענומען די טאָכטער פון ווילנער פרנס־חודש ר׳ יצחק אייזיק הלוי, אַן אור־אייניקל פון „כנסת יחזקאל" און אַן איידעם פון ר׳ אליהו פעסע־לעס, וועלכער איז געווען שני בשני מיטן ווילנער גאון.

מען דערציילט, אַז מ׳האָט דאַן געפירט ר׳ אַבעלען צום גאון אויף פאָר־הער און ער האָט ביי אים אַזוי אויסגענומען, אַז דער גאון האָט אויף אים געזאָגט, אַז אַזאַ יונגן־מאַן איז ניט צו געפינען.

אין יענער צייט איז ר׳ אבלי געזעסן אָפּגעזונדערט, פאַרבאַהאַלטן פון דער וועלט, און געלערנט מיט גרויס התמדה טאָג און נאַכט.

ווען זיין שווער, וועלכער איז אויך געווען אַ גדול בתורה, האָט געזען, אַז זיין איידים איז שוין געוואַלטיק גרויס אין לערנען, האָט ער פאָרגעלייגט די פרנסים און די רבנים, מען זאָל אים באַשטימען פאַר אַ מורה הוראה אין ווילנע. די אַלע פרנסים און די רבנים מיטן ראב״ד ר׳ בער טריווש (דער מחבר פון ספר „רביד הזהב") האָבן מסכים געווען און ר׳ אַבלי איז געוואָרן ווילנער מו״ץ.

ניט קוקנדיק, וואָס ר׳ אבלי, דער גרויסער צדיק און עניו, האָט זיך ניט געוואָלט אַרויסווייזן, דאָך האָט מען אים שוין אין ווילנע גוט געוואוסט, און אַז ר׳ יחזקאל פייוול (וועלכער איז דערנאָך געוואָרן ווילנער שטאָט־מגיד) איז געקומען אין יאָר תקס״ב נעמען הסכמות אויף זיין ספר „תולדות אדם" ביי די ווילנער מוצי״ם, האָט ער אויך גענומען אַ הסכמה ביי ר׳ אַבעלען און שרייבט אויף אים אַ טיטל „הרב החריף ובקי הגדול בדורו" א. א. וו.

הושענא רבא תקס״ד, ווען דער ראב״ד ר׳ בער טריוויש איז נפטר געוואָרן, האָבן די ווילנער רבנים און פרנסים, זעענדיק ר׳ אַבעלעס גרויסקייט אין תורה און חכמה, באַשטימט אים פאַר אַ ראב״ד אין ווילנע, ניט קוקנדיק, וואָס ר׳ אַבלי איז דאַן נאָך געווען יונג[3].

ווי נאָר ר׳ אַבלי איז געוואָרן ראב״ד, איז ער גלייך געוואָרן מפורסם אין דער גאַנצער וועלט אַלס גרויסער גאון און חכם. זיין חריפות איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין זיינע צייטן פלעגט מען זאָגן, אַז מען איז אַ למדן נאָר מער ניט ביז ווילנער ראָגאַטקע. אָבער נאָך גרעסער איז געווען זיין מהירות־

3) ווי עס איז באַוואוסט, האָט מען נאָך דער פטירה פון לעצטן רב ר׳ שמואל אין יאָר תקנ״א אין ווילנע מער קיין רב ניט גענומען, נאָר אַ ראב״ד (ראש בית דין). דער ערשטער ראב״ד איז געווען ר׳ בער טריווש, וועלכער איז געווען נאָך ספרא ודיינא ביים לעצטן רב ר׳ שמואל, און דער צווייטער ראב״ד איז געווען ר׳ אַבלי פאָסוואָלער.

דיקע השגה און תפיסה. מ'האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט צוויי מוחות, ער פלעגט שרייבן צוויי באַזונדערע שאלות ותשובות מיט ביידע הענט פאַר אַמאָל. און צו דעם אַלעם איז זיין חכמה און גוטסקייט געווען גאָר אָן אַ שיעור. פון דער גאַנצער וועלט האָט מען זיך צו ר' אַבעלען געווענדעט מיט די וויכטיקסטע כלל-עניגים, מיט די שווערסטע שאלות ותשובות, מיט די האַרבסטע דין-תורות.

מען דערציילט: עס איז דאַן פאָרגעקומען זייער אַ האַרבע דין-תורה צווישן צוויי גרויסע גבירים גדולי תורה, חריפים און בקיאים. זיי זיינען אויסגעפאָרן אַ וועלט, געווען ביי אַלע גרעסטע רבנים און קיינער האָט זיי ניט געקענט פסקענען. זיינען זיי צום סוף געקומען צו ר' אבעלען קיין ווילנע. צו דער דין-תורה האָבן זיי אויך אַראָפּגעבראַכט דעם גרויסן גאון ר' אריה ליב הכהן, סטריער רב, מחבר פון „קצות החשן" (נפטר געוואָרן אין יאָר תקע"ג). די דין-תורה האָט זיך געצויגן איבער 3 וואָכן. וואָס ר' אַבלי האָט געבויט, האָט דער „קצות החשן" צעבראָכן, און וואָס דער „קצות החשן" האָט געבויט, האָט ר' אַבלי צעבראָכן, און וואָס זיי ביידע האָבן געבויט האָבן די בעלי-טענות צעבראָכן. בקיצור, מ'האָט ניט געקענט קומען צו אַ טאָלק, זיינען זיי סוף-כל-סוף אַרויף צו ר' אַבעלען פרעגן אַן עצה, וואָס צו טאָן. „עס נעמט דאָך ניט קיין סוף, — רופט זיך אָפּ ר' אַבלי צו זיי, — ביי אונז אין ווילנע געפינט זיך אַן אַלטער מורה-הוראה ר' שמעון, גייט אַרויף צו אים, ער וועט אייך גלייך זאָגן דעם פסק-דין און פּאַרטיק". זיי האָבן אַזוי געטאָן. ר' שמעון, אויסהערנדיק זייערע טענות, רופט זיך אָפּ צו זיי: „קומט אַרויף אין אַ צוויי שעה אַרום, וועל איך אייך זאָגן דעם פסק-דין". אַז זיי זיינען אַריין אין צוויי שעה אַרום, זאָגט ער זיי דעם פסק-דין. האָט איין גביר, וואָס איז געווען ניט צופרידן, אָנגעהויבן צו פרעגן קשיות און צעברעכן דעם פסק-דין. רופט זיך אָפּ ר' שמעון: „גייט צו ר' אַבעלען, ער איז אַ חריף, וועט ער אייך זאָגן אַ תּירוץ אויף אַלע אייערע קשיות".

דער אַנדערער גביר, מורא האָבנדיק, טאָמער נעמען זיך אָן יענעמס טענות, האָט אויך גענומען פרעגן. רופט זיך אָפּ ר' שמעון צו אים: „איר גייט צום „קצות החשן", וועט ער אייך פאַרענטפערן אייערע קשיות, אָבער דער פסק-דין בלייבט ווי איך האָב אייך געזאָגט".

אין דעם אַלעם האָט המו"ץ ר' שמעון געהאַנדלט לפי דעם פאַרזאָג פון ר' אַבלי.

---

## ב.

נאָך אַ האַרבע דין-תורה איז איינמאָל פאָרגעקומען ביי ר' אַבעלען. גראָד אין יענער צייט זיינען געקומען פיל רבנים אורחים צו ר' אַבעלען וועגן

עגונות און נאָך וויכטיקע ענינים. אין דער צייט, וואָס די בעלי־דינים האָבן געטענהט, האָט ר׳ אַבלי פון גרויס טרדות געשריבן די תשובות און פסקים פאַר די רבנים, וועלכע האָבן זיך געאײַלט אָפּצופאָרן. אַז די בעלי־דין האָבן געענדיקט זייערע טענות, האָט זיך ר׳ אַבלי אַוועקגעשטעלט און געזאָגט זיי דעם פסק־דין. האָט זיך אָפּגערופן דער בעל־דין, וואָס איז געווען ניט אַזוי שטאַרק צופרידן: „רבי! אפשר האָט איר מיר ניט גוט אויסגעהערט, ווייל איר האָט דאָך דאַן, בעת איך האָב געטענהט, געשריבן אייערע תשובות?" האָט זיך ר׳ אַבלי ווידער אַוועקגעשטעלט און מיט גרויס עניוות איבערגעזאָגט וואָרט בײַ וואָרט ניט בלויז זייערע טענות, נאָר אויך אפילו די אַלע רייד, וואָס די מענטשן האָבן גערעדט אויפן גאַס אונטערן פענסטער. זײַנען אַלע רבנים און די בעלי־דינים צריין אין התפעלות און השתוממות פון ר׳ אַבעלעס פאַרנעם און גרויסקייט אין תורה און חכמה.

אויסער די דין־תורות, פלעגט מען זיך צו ר׳ אַבעלען אויך זייער פיל ווענדן מיט שאלות פון איסור און היתר, ווייל ר׳ אַבלי מיט זײַן גרויס נדיבות און רחמנות צום אָרימען מענטשן, פלעגט זיך תמיד אָנשטרענגען מיט כל מאמצי כוחות צו געפינען אַ היתר.

מ׳דערציילט: איין מאָל האָט זיך געמאַכט זייער אַ שווערע שאלה אויף אַ ריאה. אַלע האָבן פיל באַטראַכט און געטראַכט און סוף־כל־סוף ניט גע־קענט געפינען קיין היתר. דערווייל האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאַן האָט דער שוחט געזאָגט צום קצב מיט גרויס צער, אַז די בהמה איז טרייף און עס איז ניטאָ מער וואָס צו מאַכן, אויך צו ר׳ אַבעלען, האָט דער שוחט געזאָגט, איז ניטאָ וואָס צו גיין, וואָרום די בהמה איז גע־וויס טרייף, טאָ צו וואָס זאָלן מיר נאָך אַזוי שפּעט בײַנאַכט מטריח זײַן דעם גרויסן גאון?

דער אָרימער קצב, וואָס די בהמה איז געווען זײַן גאַנצער פאַרמעגן, האָט אָבער דעם שוחט ניט אָפּגעלאָזן און גענומען זיך בעטן מיט טרערן, ער זאָל גיין מיט אים צו ר׳ אַבעלען. אַז דער שוחט האָט געזען, אַז דער קצב לאָזט אים ניט אָפּ, האָט ער באַוויליגט צו גיין מיט אים. נאָר פריער האָט ער אָפּ־געמאַכט מיטן קצב, אויב זיי וועלן געפינען ר׳ אַבעלען שלאָפנדיק, זאָלן זיי אים ניט וועקן.

אַז זיי זײַנען אַרויף צו ר׳ אַבעלען, האָבן זיי געזען צו זייער גרויס פרייד, אַז בײַ ר׳ אַבעלען איז ליכטיק און ער זיצט אַרומגערינגלט מיט אַ באַרג שאלות און תשובות און מיט גרויס התלהבות איז ער זייער פאַרטיפט אין לערנען.

דער שוחט איז אַ ווײַלע געשטאַנען, דערנאָך האָט אים ר׳ אַבלי באַ־מערקט און פרײַנדלעך אים געפרעגט, וואָס טוט ער בײַ אים אַזוי שפּעט. דער־ציילט אים דער שוחט די גאַנצע שאלה. פרעגט זיך ר׳ אַבלי בײַם שוחט: „ווער

שטייט דאָרטן עפּעס מיטן גרויסן זאַק? ענטפערט אים דער שוחט, אַז דאָס איז דער קצב און אין זאַק איז די ריאה. רופט זיך אָפּ ר׳ אַבלי צום שוחט: „ווי באַלד איר ווייסט דאָך גוט די גאַנצע שאלה, צו וואָס האָט איר נאָך גע־דאַרפט מטריח זיין דעם קצב מיטן טראָגן אהער די ריאה? דערנאָך פרעגט ר׳ אַבלי ביים שוחט מיט אַ שמייכל: „ווי זאָגט איר, ר׳ שוחט, דער בעל „פּני יהושע" איז געווען אַן ערלעכער ייד"? „בודאי, בודאי, רבי",—ענטפערט דער שוחט. דאַן נעמט ר׳ אַבלי אַראָפּ פון פּאָליצע דעם ספר „פּני יהושע" און ווייזט דעם שוחט, ווי עס שטייט דאָרטן בפירוש, אַז אויף אַזאַ אופן איז די בהמה כשר, און דער „פּני יהושע" איז נאָך דאָרטן דערביי מוסיף, אַז פון אַזאַ בהמה וואָלט ער אַליין געגעסן משופרי דשופרי.

נאָכדעם זאָגט ר׳ אַבלי צום שוחט: גייט זאָגט דעם קצב, אַז די בהמה איז כשר, און דער שוחט מיטן קצב זיינען אַוועק מלא שמחה[1].

אויסער די שאלות פון איסור און היתר פלעגן זיך צו ר׳ אַבעלען ווענדן פיל מחברים און רבנים נאָך הסכמות אויף זייערע ספרים, וויסנדיק, אַז ר׳ אַבעלעס גרויסער אַווטאָריטעט אין דער גאַנצער וועלט וועט זיי זייער צוניץ קומען[2].

---

[1]) דערביי וויל איך ברענגען אייניקע וויצן וועגן שאלות, וואָס ר׳ אַבלי פלעגט אַמאָל ליב האָבן צו זאָגן אַלס „שיחת חולין של תלמידי חכמים", דרך אַגב באַצייכענען זיי אויך עפּעס פון ר׳ אַבעלעס מהירות, טיפן איינפאַל און גראַדן שכל.

מ׳דערציילט: אַמאָל איז געקומען אַ בעל־עגלה מיטן בייטש צו ר׳ אַבעלען און פרעגט אים, צי מעג ער נעמען אַ גרושה. פרעגט אים ר׳ אַבלי: איר זייט אַ כהן? ענטפערט דער בעל־עגלה: יע. רופט זיך אָפּ ר׳ אַבלי צום בעל־עגלה: איר מעגט נעמען די גרושה. זיינען אַלע דיינים פון זיין בית־דין נשתומם געוואָרן. רופט זיך אָפּ ר׳ אַבלי צו זיי: וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? איר זעט דאָך, דער בעל־עגלה איז געקומען מיטן בייטש און ער פרעגט, צי מעג ער נעמען די גרושה אויפן פור.

אַ צווייטע שאלה: אַ פרוי איז געקומען פסח צום סדר מיט אַ שאלה: עס האָט זיך אַרויפ־געשפּריצט פיש־זופּ פון פאַן אויף אַ לעבערקע, וועלכע האָט זיך דערביי געבאַקט. רופט זיך אָפּ ר׳ אַבלי: הגם חמירא סכנתא מאיסורא, אָבער פסח איז ליל שמורים פון סכנות, איז דעריבער כשר א. אַז. וו.

[2]) אייניקע וויצן וועגן מחברים און הסכמות.

מ׳דערציילט: אַ מחבר האָט געבעטן ביי ר׳ אַבעלען הסכמה אויף זיין ספר. האָט ר׳ אַבלי אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין ספר און געזאָגט, אַז דעם ספר האָט געדאַרפט שרייבן דער ווילנצר גאון. פרעגט דער מחבר: וואָס עפּעס דער ווילנער גאון? ענטפערט אים ר׳ אַבלי, אַז דער גאון וואָלט געמאַכט בעסער.

נאָך אַ מחבר איז געקומען בעטן אַ הסכמה אויף זיין פירוש צו משלי. רופט זיך אָפּ צו אים ר׳ אַבלי: דעם פירוש האָט איר בעסער געדאַרפט שרייבן אויף איוב. פרעגט דער מחבר:

ביי ר׳ אַבעלען האָבן אויך געגומען הסכמות אויף זייערע ספרים די גרעסטע מענטשן, ווי ר׳ אַברהם דאַנציג אויף זיין „חיי אדם״, ר׳ אַברהם אייזנשטאַט אויף זיין ספר „פתחי תשובה״, ר׳ יחזקאל פּייוויל אויף זיין ספר „תולדות אדם״ א. אַנד.

און ניט נאָר רבנים פלעגן קומען צו אים נאָך הסכמות, נאָר אַפילו די משכּילים, הערנדיק פון ר׳ אַבעלעס גרויסקייט אין תּורה און חכמה, האָבן זיך אויך געווענדעט צו אים נאָך הסכמות. ר׳ אַבלי האָט זייער גערן געגעבן הסכמות אויף ספרי חכמה, ווי אויפן „תּעודה בישראל״ פון ריב״ל, „גלות הארץ ההדשה״ פון מרדכי אהרן גינצבורג און „מוסדי חכמה״ פון חיים זעליג סלאָנימסקי און שרייבט מיט זייער שיינע מליצות וועגן דער נייטיקייט פון חכמה צו ידיעת התורה.

צו ר׳ אַבעלען פלעגן זיך אויך ווענדן פיל יונגע לייט פון גאָר דער וועלט נאָך סמיכות, און ער, דער גרויסער חכם, פלעגט שוין מיט זיין חכמה פאַרשטיין, ווער עס איז פּעאיק צו זיין אַ רב, און דעם פלעגט ער טאַקע, אמת, זייער שטרענג פאַרהערן אָבער אים געבן סמיכה. ר׳ אַבלי פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז אויב מען פאַרשטייט גוט אַ תּוספות, פאַרשטייט מען אויך גוט ווי צו פּסקנען אַ שאלה.

מ׳דערציילט: איינמאָל זיינען געקומען צו אים צוויי יונגע לייט נאָך סמיכה. האָט ער איינעם פאַרהערט און תּיכּף געגעבן סמיכה און דער צווייטער, אפילו אַ גרויסער בקי, איז אַרומגעלאָפן צו אים מער ווי אַ האַלב יאָר און ר׳ אַבלי האָט אים קיין סמיכה אַלץ ניט געוואָלט געבן.

האָבן ר׳ אַבעלעס דיינים רחמנות געהאַט אויפן יונגן מאַן און ממליץ גע־ווען פאַר אים ביי ר׳ אַבעלען, ער זאָל אים געבן סמיכה.

עס האָט אָבער געדויערט ניט מער ווי אַ האַלב יאָר און צו ר׳ אַבעלען

---

פאַרוואָס עפּעס אויף איוב? ענטפערט אים ר׳ אַבלי: ווייל איוב איז שוין מלומד אין צרות, וואָלט ער געהאַט נאָך אַ צרה, אָבער אויף שלמה המלך, וועלכער איז ניט צוגעוויינט צו צרות, איז אַ רחמנות.

אַ דריטער נ״י איז געקומען בעטן אַ הסכמה אויף זיין ספר „יהגה חכמה״. האָט ר׳ אַבלי אַ ווײַלע מעיין געווען אין ספר און רופט זיך אָפּ מיט אַ וויץ אויף פּויליש (פון בדיחותא וועגן) „צאָ יעגאָ טאָ ניע חכמה, צאָ חכמה טאָ ניע יעגאָ״ (אַנדערע זאָגן, אַז דאָס האָט ר׳ אײַזעלע חריף געזאָגט).

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז מער ניט ווי וויצן. אין דער אמתן אָבער האָט ר׳ אַבלי מיט זיין איידעלע האַרץ און גרויסער נשמה אַלעמען זייער מקרב געווען און מיט זיינע טייערע הסכמות אין זייער אַ שיינעם סטיל און מליצה׳דיקע שפּראַך די מחברים זייער געמוטיקט צו תּורה, און ניט נאָר די הסכמות פלעגט ער זיי געבן, נאָר אויך זיינע תּורה צו דרוקן אין זייערע ספרים, מיט וועלכע די מחברים פלעגן זיך גרויסן.

איז דערגאַנגען, אַז דער בעל סמיכה איז געוואָרן רב אין אַ קליין שטעטל און איז דורכגעפאַלן מיט אַ שאלה. דאַן האָט זיך אָפּגערופן ר׳ אַבלי צו זיינע דיינים: איר זעט, אַז איך בין גערעכט געווען, ווייל אַ רב דאַרף זיין אַ תלמיד-חכם, און אויב ער איז ניט קיין חכם, העלפט ניט אַפילו זיין לומדות.

צו ר׳ אַבעלען פלעגן זיך שטענדיק ווענדן פיל קהלות נאָך רבנים און יונגע לייט נאָך כסא-רבנות[1].

ר׳ אַבלי האָט זיך צונויפגעשריבן מיט שאלות און תשובות מיט די גרעסטע גאונים פון זיין צייט, ווי מיט ר׳ חיים וואָלאָזשינער, מיט ר׳ יעקב אורינשטיין, דעם מחבר פון „ישועות יעקב״, מיט ר׳ עקיבא אייגר, מיטן „חתם ספר״ און ר׳ אַבלי איז געווען אַזאַ טרוד, אַז ער פלעגט זיך ביי נאַכט גאָר ניט אויסטאָן. צוליב זיינע גרויסע טרדות האָט ער זיינע תורה ניט געקענט פאַרשרייבן, וואָרום אויסער זיינע גרויסע טרדות מיטן ענטפערן שאלות און תשובות, געבן הסכמות, פאַרהערענישן אויף סמיכות און טרדות פון שטאָט-ענינים, פלעגט מען נאָך קומען צו ר׳ אַבעלען פון אומעטום מיט בקשות נאָך הילף און שטיצע און ר׳ אַבלי, דער גרעסטער נדיב לב אין זיין צייט, פלעגט קיינעם ניט אַרויסלאָזן ליידיק: דעם האָט ער געגעבן געלט, דעם אַ בריוו, דעם אַ כתב א. אַז. וו.[2].

---

[1]) מ׳דערציילט: ר׳ אייזעלע חריף איז אויך געקומען צו ר׳ אַבעלען נאָך „סמיכה״ און וועגן „כסא רבנות״. אַז ר׳ אַבלי האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט אין לערנען, איז ער נשתומם געוואָרן פון זיינע גרויסע חריפות און בקיאות אין בבלי און ירושלמי. נאָכן פאַרהער, ווען ר׳ אייזעלע איז אוועק, האָט ער עפּעס אין אַ קלויז פאַר די יונגע לייט געזאָגט אַ וויץ אויף ר׳ אַבעלען (ווי באַוואוסט, איז ר׳ אייזעלע געווען דער גרויסער בעל הוויצן), האָט מען דאָס איבערגעגעבן ר׳ אַבעלען. זאָגט ר׳ אַבלי: נישקשה: איך וועל אים באַלד מאַכן פאַר אַ רב, וועט ער שוין איבער זיך אַליין אויך וויצלען זיך. און ער האָט אים אַרויפגעזעצט אויף דעם כסא הרבנות אין קאָוואַריע.

מ׳ דערציילט אויך: איינמאָל זיינען פרנסים פון אַ קהלה געקומען קלאָגן זיך אויף זייער רב, אַז ער איז מיט זיי ניט שוה בשוה. האָט ר׳ אַבלי געשיקט רופן דעם רב און זאָגט צו אים, אַז אַ רב דאַרף דורכקומען מיט זיין קהלה בשלום, רופט זיך אָפּ דער רב צו ר׳ אַבעלען: עס שטייט דאָך מער ניט „ש״ץ מותר להחניף״. ענטפערט אים ר׳ אַבלי: אַ ש״ץ איז דאָך אַ נאַר, דאַרף מען אים זאָגן, אָבער אַ רב איז דאָך אַ תלמיד-חכם, דאַרף ער אַליין פאַרשטיין.

[2]) מ׳דערציילט: אַמאָל איז געקומען צו ר׳ אַבעלען אַ געפאַלענער בעל-הבית, וועלכער האָט געהאַט עלטערע טעכטער התונה צו מאַכן, בעטן ער זאָל אים געבן אַ בריוו צו קלייבן נדבות אויף „הכנסת כלה״. דער געפאַלענער בעל-הבית האָט, נעבעך, פון גרויס צרות גענומען זיך גאָר צום כוס און איינמאָל זיך אַזוי אָנגעטרונקען, אַז ער האָט גאָר פאַרלאָרן זיין כתב. האָט מען עס איבערגעגעבן ר׳ אַבעלען. אַז דער בעל-הבית איז געקומען צו ר׳ אַבעלען נאָך אַן אַנדער כתב, רופט זיך אָפּ ר׳ אַבלי צו אים: פאַרוואָס זאָגט מען עפּעס שכור ווי לוט און ניט

## ג.

ווי שוין פריער דערמאָנט, איז ר׳ אַבלי געווען אַ מפורסם ניט נאָר צווישן די רבנים, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו אים פון אומעטום מיט די האַרבסטע שאלות, נאָר ער האָט געשמט צווישן אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט אַלס גרויסער גאון און חכם און פון אומעטום האָט מען זיך צו אים געווענדעט נאָך עצות וועגן אַלע וויכטיקע כלל־ענינים.

מ׳דערציילט: צום סוף פון אַלכסנדר דעם ערשטנס ממשלה האָבן האַמ־בורגער צייטונגען פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז אין טאַלג, הינטער מאַראָקאָ, לעבט אַ יידישער מלך מיט אַ גרויסער יידישער אַרמיי, וואָס באַשטייט פון אַ מיליאָן העלדישע סאָלדאַטן הויך ווי ריזן, באַוואָפנט מיט כל־ערליי כלי־זיין און וואו זיי קערן און ווענדן זיך זיינען זיי אַלעמען מנצח. די צייטונגען האָבן נאָך מוסיף געווען, אַז דער יידישער מלך גייט איינעמען אייראָפּע און דערנאָך וועט ער איינעמען ארץ־ישראל און בלי ספק איז ער דער מלך המשיח, וואָס די יידן וואַרטן אויף אים, ווייל זיינע גבורות זיינען גאָר ניט קיין מענטשלעכע.

די אַלע ידיעות האָבן זיך גיך פאַרשפרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און באַזונדערס צווישן די ווילנער יידן: אין אַלע קלויזן און אין אַלע גאַסן האָבן זיך פאַרזאַמלט יעדן טאָג מאַסן מענשן און זיך מתווכח געווען וועגן משיחן.

דאַן האָט זיך איינער אַ ייד פון קרים (וועלכן מ׳האָט דעריבער גערופן דער „קרימער״) ארויסגעגעבן, אַז ער איז אַ „פּאָסלאַניק״ פון דעם דאָזיקן מלך המשיח און איז געקומען אָנזאָגן די יידן, אַז די גאולה איז שוין נאָענט. צוערשט איז ער געפאָרן קיין פּעטערבורג. דאָרטן האָט ער באַצויבערט אַלע גרעסטע לייט פון די יידן, ער האָט דאָרטן אויך געהאַט אַ אודיענץ ביים קייזער אַלכסנדר דעם ערשטן.

די פּעטערבורגער יידן האָבן וועגן דעם מודיע געווען דורך בריוו זיי־ערע קרובים אין ווילנע. און געשריבן זיי וועגן משיחס „פּאָסלאַניק״, אַז ער איז אַ גרויסער הכם, קען זייער פיל שפּראַכן, פאַרשטייט חכמת הפרצוף און איז אָנגענומען ביים קיסר אַלכסנדר.

---

ווי בח? — איז דער תירוץ, נח האָט קיין טעכטער ניט געהאַט, אָבער די לוט, אַז די האָסט טעכטער, ווי קומסטו צו שכורן? און דערלאַנגט אים דעם כתב, בתנאי, ער זאָל שוין מער ניט טרינקען.

אינגיכן איז אָנגעקומען קיין ווילנע אַ ספּעציעלער מענטש פון דעם דאָ־זיקן „פּאָסלאַניק" אָנצוזאָגן פון זיין קומען און ער האָט פאַר אים געדונגען זייער אַ שיינע וואוינונג אויף סאַוויטשער גאַס אין ר' הלל ראַסיינערס הויף.

אַז דער „פּאָסלאַניק" איז אָנגעקומען קיין ווילנע, איז ביי די יידן גע־וואָרן אַ שמחה. אַלע זיינען געלאָפן אים אָנקוקן. ער איז געווען טאַקע אַ געוואַלטיקער פאַרשוין און איז געגאַנגען אָנגעטאָן דורכאויס אין לאַנגע זיי־דענע קליידער, פאַרשפּילעט מיט גרויסע זילבערנע קנעפּ, מיט זיידענע זאָקן און שיך, וואָס זיינען אויך געווען פאַרשפּילעט מיט גרויסע זילבערנע קנעפּ. ער האָט געמאַכט אויף אַלעמען זייער אַ שטאַרקן רושם.

גלייך אינדערפרי, ווי ער איז געקומען, האָבן אים מקבל פּנים געווען דער פּאָליציימייסטער סליקאָוו און דער דירעקטאָר פון טאַמאָזשניע. דערנאָך איז ער אָוועקגעפאָרן אין אַ קאַרעטע צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואו ער האָט זיך פאַרזאַמט אַ פּאָר שעה. פון גענעראַל־גובערנאַטאָר איז ער געפאָרן זיך טובל זיין אין מקוה און פון מקוה איז ער אַריין אין דער גרויסער שול דאַווענען און מיט זיין דאַוונען האָט ער מרעיש עולמות געווען. ער האָט גע־דאַוונט מיט אַזאַ מתיקות און התלהבות, אַז אַלע זיינען אַריין אין דער גרע־סטער התפּעלות.

און מאַסן מענטשן זיינען געקומען אין שול הערן זיינע מתיקותדיקע תפילות און בכיות.

מען האָט דערציילט, אַז דער אָרט, וואו ער האָט געדאַוונט, איז געווען דורכגעווייקט פון שוויס און טרערן.

די גרעסטע נכבדים אין ווילנע האָבן זיך געקריגט צווישן זיך: יעדערער האָט געוואָלט האָבן די זכיה, אַז ביי אים זאָל דער „פּאָסלאַניק" עסן שבת. לכתחלה האָט דער „פּאָסלאַניק" גאָרניט געוואָלט הערן וועגן דעם, דערנאָך אָבער האָט ער אויף דער בקשה פון גרעסטן ווילנער נדבן איינגעוויליקט צו עסן ביי אים שבת אויף פאָלגנדיקע תנאים: 1) מען זאָל צוגרייטן פאַר אים דריי באַזונדערע חדרים; 2) ברענגען צום גביר אין שטוב אַן אָרון קודש מיט אַ ספר־תורה און ער אַליין וועט דאַוונען פאַרן עמוד; 3) אָנגרייטן צום מנין דריי מנינים יידן יראים און שלמים, וועלכע זאָלן מיט אים פרייטאָג גיין טבילה; 4) אַלץ צוגרייטן ניט שפּעטער ווי עלף אין דער פרי, כדי ער זאָל אַליין קענען קוילענען די עופות, ווייל ער עסט ניט פון אַן אַנדערס שחיטה; 5) קאָכן אין גאָר נייע כלים. די אַלע תנאים האָט דער גביר ערפילט מיט גרויס שמחה, אַבי צו האָבן דעם „פּאָסלאַניק" ביי זיך אין שטוב אויף שבת.

דעם קבלת שבת האָט דער „פּאָסלאַניק" פון מלך המשיח געדאַוונט אַליין פאַרן עמוד און עס האָט געדויערט קרוב 2 שעה. דער דאַוונען איז געווען מיט אַזוינע התלהבות, אַז צו מעריב האָט ער געמוזט די העמד איבערבייטן, וואָרים זי איז געווען נאַס דורכגעווייקט. נאָך מעריב, וואָס האָט ווידער גע־

דויערט צוויי שעה, האָט ער ווייטער געמוזט צוליב די התלהבותדיקע תפילות איבערבייטן די העמד. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון קדוש, זמירות, תקוני-שבת א. א. וו., וואָס עס האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ גאַנצע נאַכט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער באַזוכט ר' אבלי פּאָסוואָלער, ר' שאולקע קאַצענעלנבויגן און דעם „חיי אדם". נאָך זיין באַזוך האָט ר' אבלי פּאָסוואָלער צונויפגערופן אַ גרויסע אסיפה פון די ווילנער גרעסטע רבנים און נכבדים. ר' אבלי האָט זיי געוואָרנט, אַז דער שליח איז אַ געפערלעכער מענטש און מען דאַרף זיך היטן פאַר אים. מ'דערציילט טאַקע, אַז דער „פּאָסלאַניק" האָט מיט די רבנים ניט גערעדט קיין דברי תורה, נאָר וועגן דעם, וואָס עס געפינען זיך צווישן יידן קאָנטראַבאַנדיסטן און די מלוכה וויל דאָס ניט ליידן. פונדעסטוועגן האָט ר' אבלי מסכים געווען, מען זאָל שיקן איינעם פון די נכבדים מיטן „פּאָסלאַניק" צו ר' חיים וואָלאָזשינער, וואָס איז געווען דער גרעסטער גאון און חכם אין יענער צייט, כדי צו הערן זיין מיינונג.

ווען זיי זיינען געקומען צו ר' חיים וואָלאָזשינער, האָט ר' חיים דעם ווילנער נכבד געגעבן שלום און דעם „פּאָסלאַניק"—ניט. דעם נכבד האָט ער ער געבעטן עסן און דעם „פּאָסלאַניק" האָט ער ניט געבעטן.

האָט עס דעם „פּאָסלאַניק" זייער שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט געזאָגט צו ר' חיים וואָלאָזשינער: „רבי, ר' אבלי האָט געזאָגט אויף מיר, אַז איך בין ביי אים עפּעס אַ „מדרש פּליאה", און ביי אייך, ווייזט אויס, בין איך נאָך ערגער פון אַ מדרש פּליאה, ווייל איר ווילט אַפילו ניט ריידן מיט מיר". רופט זיך אָפּ ר' חיים צום „פּאָסלאַניק": „ביי מיר, אַז איך פאַרשטיי ניט אַ זאַך, זאָג איך ניט, אַז דאָס איז אַ מדרש פּליאה, נאָר אַ גרייז". און מער האָט שוין ר' חיים מיטן „פּאָסלאַניק" ניט גערעדט.

ביים געזעגענען זיך, פרעגט דער נכבד ביי ר' חיים וואָלאָזשינער: „רבי, וואָס פאַר אַ תשובה זאָל איך איבערגעבן ר' אבעלען?" רופט זיך אָפּ ר' חיים: „איר זאָלט אים דערציילן פאָלגנדיקע מעשה":

ביי די אַמאָליקע ליטווישע פּריצים, די געצנדינער, האָט זיך יידן גע-לעבט זייער גוט, זיי פלעגן געבן די יידן גוט צו פאַרדינען און וואָס זיי האָבן נאָר געדאַרפט אין שטאָט, האָבן זיי אַלץ איינגעקויפט דורך זייערע אַרענדאַרן.

איינמאָל האָט ביי אַ פּריץ געדאַרפט פאָרקומען אַ גרויסער באַל, האָט דער פּריץ געגעבן דעם אַרענדאַר אַ גאַנצע רשימה, וואָס ער זאָל פאַר אים איינקויפן. דער אַרענדאַר גיט אַ קוק, ער זעט: צום סוף רשימה שטייט פאַר-צייכנט, אַז ער זאָל פאַר אים איינקויפן אַ געץ אויך. דעם אַרענדאַר איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. וואָס זאָל ער אָבער טאָן? דער אַרענדאַר האָט געוואוסט, אַז ווען ער זאָל ניט קויפן, קען ער פאַרפאַסן מיטן לעבן און שטעלן אין סכנה דעם קיום פון זיין גאַנצער פאַמיליע.

וואָס זאָל ער פּאַרט טאָן? האָט ער זיך דעריבער מיישב געווען און געקויפט עפּעס אַ קרומען געץ.

אַז דער אַרענדאַר איז געקומען מיטן געץ צום פּריץ, האָט ער שוין געפונען דאָרטן אַלע געסט, וואָס האָבן זיך שוין גוט משמח געווען. אַז דער אַרענדאַר האָט דערלאַנגט דעם פּריץ אַלע זאַכן, איז דער פּריץ געווען זייער צופרידן, נאָר ווען ער האָט אים דערלאַנגט דעם געץ, האָט ער דערזען, אַז ער איז אַ קרומער, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס און גענומען זיך בייזערן אויפן אַרענדאַר.

האָבן זיך דאַן אָפּגערופן די איבעריקע פּריצים: שאַ, פּריץ, זיי ניט אין כעס. פאַרקערט: וואָס מער „קרימער", אַלץ מער געץ.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און ר' חיים וואָלאָזשינערס און ר' אַבעלעס נביאות איז מקוים געוואָרן.

מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז דער קרימער „פּאָסלאַניק" איז גאָר געווען אַן אַגענט פון טאַמאַזשניע און האָט געזוכט אין אַלע קראָמען קאָנטראַבאַנד און האָט דערביי געוואָלט מאַכן אַ בלבול אויף אַלע יידן, נאָר ער האָט ביי קיינעם גאָר ניט געפונען.

דער סוף איז געווען, אַז אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק האָט מען דעם זעלבן קרימער „פּאָסלאַניק" געכאַפּט עפּעס ביי אַ גרויסע עברה און מ'האָט אים געקנוטעוועט און פאַרשיקט אין סיביר.

## ד.

ר' אַבעלעס נאָמען איז נאָך מער מפורסם געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט בעת די גרויסע מחלוקת פון די סלאַוואוטער מיט די ווילנער מדפיסים. דאַן האָבן זיך כמעט אַלע גרעסטע וועלט-גאונים פאַרלאָזן אויף ר' אַבעלעס פּסק-דין.

מ'דערציילט: אין יאָר תקצ"ה (1735) האָט ר' מנחם מן מיט זיין שותף ר' שמחה זימל פון הוראָדנאָ אָנגעהויבן צו דרוקן בשותפות אַ ש"ס מיט תוספתא, אַלפס, הגהות הגר"א און נאָך פיל הוספות, וואָס אין די פריערדיקע ש"ס'ן זיינען זיי ניט געווען. אויף דעם האָבן זיי באַקומען הסכמות פון גרויסן גאון ר' אַבלי פּאָסוואָלער אין אדר שני תקצ"ה און פון נאָך רבנים בראש מיטן גרויסן גאון און צדיק ר' עקיבא אייגער (אויך מיטן רשות צו דרוקן זיינע הגהות) און פון זיין זון ר' שלמה אייגער. דערצו האָבן זיי נאָך אַרויסגעגעבן אַן איסור, אַז אַנדערע טאָרן די ווילנער מדפיסים ניט משיג גבול זיין און דרוקן נאָך אַ ש"ס אין משך פון 20 יאָר. הגם עס האָט זיך נאָך דאַן ניט געענדיקט דער זכות פון די סלאַוואוטער מדפיסים אויף זייער ש"ס, וועלכן דער סלאַוואוטער רב

ר׳ משה שאַפּיראָ האָט געדרוקט אין יאָר תקע״ז — פ״ב מיט די הסכמות און איסור השגת גבול אויף אַ משך פון 20 יאָר פון גאון און צדיק ר׳ שניאור זלמן לאַדיער און פון נאָך רבנים און אדמורי״ם, האָבן אָבער די ווילנער מדפּיסים אויפגעוויזן באותות ומופתים, אַז די סלאַוואוטער ש״ס זיינען שוין אינגאַנצן אויספאַרקויפט, דעריבער איז ניטאָ קיין השגת גבול, ווי עס האָט געפּסקנט אַמאָל דער „בית אפרים" בנוגע דעם סכסוך פון די קאָפּוסטער מיט די סלאַוואוטער, אַז „אחרי נמכר גאולה תהיה".

אין דער זעלביקער צייט האָבן די סלאַוואוטער מדפּיסים, די ברידער ר׳ שמואל אבא און ר׳ פּנחס (וועלכע האָבן איבערגענומען זייער פאָטערס דרוק), אויך באַשלאָסן צו דרוקן אַ נייעם ש״ס. זיי האָבן זיך אָבער דערוואוסט, אַז די ווילנער האָבן זיך מקדים געווען און דערצו נאָך מיט הסכמות און אַ איסור פון רבנים אויף אַלעמען און אויף זיי אויך בכלל, אַז מען טאָר ניט דרוקן קיין נייעם ש״ס אין משך פון 20 יאָר, האָבן זיי אויך גענומען קלייבן הסכמות פון רבנים אויף זייער ש״ס מיט אַן איסור השגת גבול אויף די ווילנער אויף דעם יסוד, וואָס זייער זכות האָט זיך נאָך ניט געענדיקט.

די סלאַוואוטער האָבן אויך געשיקט אַ שליח קיין ווילנע מאָנען די ווילנער מדפּיסים צו אַ דין־תורה. מ׳האָט געזעצט צוויי גרויסע רבנים פון ביי־דע צדדים און ר׳ אַבלי איז געווען דער שליש. דער שליח האָט מיטגעבראַכט אַ גביית עדות, אַז עס זיינען נאָך פאַרבליבן פיל סלאַוואוטער ש״ן חסרים און כדי זיי צו דערגאַנצן, מוז מען צודרוקן נייע ש״ן, דעריבער איז דער איסור השגת גבול פון די רבנים אויף ווילנער ש״ס געווען בטעות.

נאָך אַ גרויסע שקלא וטריא צווישן די דריי גאונים איז אַרויס ר׳ אַבע־לעס אַ פשרה, אַז ביידע מעגן דרוקן און קיינער קען ניט אַסרן דעם אַנדערן. ביידע צדדים זענען אָבער געבליבן ניט צופרידן מיט דער פשרה, ווייל יע־דערער פון זיי האָט געמיינט, אַז ער איז גערעכט: די ווילנער — ווייל זיי האָבן שוין אַריינגעלייגט פיל געלט און אויך ווייל די סלאַוואוטער ש״ן זיינען געווען אויספאַרקויפט, און די סלאַוואוטער — ווייל עס איז נאָך גע־בליבן ש״ן חסרים און זייער זכות האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. ביידע צדדים האָבן פון דאָס ניי אַרויסגעשיקט שלוחים צו קריגן הסכמות פון רבנים צו אַסרן איינער דעם צווייטן. יעדער צד האָט צונויפגעקליבן קרוב הונדערט הסכמות פון רבנים פון דער גאַנצער וועלט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת אויך צווישן די רבנים פון די ביידע צדדים.

מיט גרויס מאַטערניש האָט מען דערגאַנגען די צדדים ווייטער געבראַכט צו אַ דין־תורה ביי די הוראַדנער רבנים, וועלכע האָבן געפּסקנט (לויט די ערשטע הסכמות פון ר׳ אַבלי און איבערהויפּט פון ר׳ עקיבא אייגער, וועלכער האָט געהאַלטן דורכאויס מיט די ווילנער), אַז דער זכות געהערט נאָר צו די ווילנער. די ווילנער זיינען נאָר מחויב אָפּצוקויפן אַלע ש״ן חסרים ביי די

סלאַוואָוטער. דער פּסק האָט די סלאַוואָוטער נאָך מער אַרייַנגעבראַכט אין כּעס און די מחלוקת האָט זיך ווייטער געצויגן.

לכתחילה האָבן דאָס רוב רבנים געהאַלטן מיט די סלאַוואָוטער, ווייל אַלס גרויסע „חסידים" און אייניקלעך פון גרויסן צדיק ר' פּנחס קאָריצער זיינען די רבנים געווען אין זיי מער אַנגעטרויט, אַז זיי וועלן אַרויסגעבן דעם ש"ס בעסער ווי די ווילנער. נאָר נאָכן פּסק פון די הוראָדנער רבנים האָט זיך געטראָפן אַ סיבה, אַז די סלאַוואָוטער האָבן פון גרויס צער פּוגע בכבוד געווען דעם גרויסן גאון און צדיק ר' עקיבא אייגער מיט זיין זון ר' שלמה אייגער. זיי האָבן זיך ניט ווילנדיק אַרויסגערעדט, אַז די ווילגער האָבן משחד געווען ר' שלמה אייגערן, אַז ער זאָל איבעררייַדן מיטן פאָטער לטובת די ווילנער. אַז ר' עקיבא אייגער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער געשריבן, אַז פון זיינטוועגן איז ער ניט מקפיד, אָבער אויף בזיון התורה קען מען ניט מוחל זיין.

מען האָט אויך געהאַט טענות צו די סלאַוואָוטער, אַז אַלס „חסידים" האָבן זיי דעריבער ניט געוואָלט דרוקן אין זייער פריערדיקן ש"ס פון יאָר תקע"ז די „הגהות הגר"א (דערנאָך אין צווייטן ש"ס, פון וועלכן עס איז אַרויס סך-הכל דריי מסכתות, האָבן זיי שוין יע געדרוקט מיט הגהות הגר"א). דאָס אַלעס האָט אויף זיי אויפגעבראַכט דעם כּעס פון פיל רבנים, וועלכע האָבן שוין מער נוטה געווען צום צד פון די ווילנער. און די מחלוקת האָט זיך אַלץ געצויגן וואָס ווייטער מער פאַרעקשנט פוןביידע צדדים.

די רבנים האָבן זיך אַפילו נאָך אַמאָל אָנגעשטרענגט אייצושטילן די מחלוקת און מ'האָט די צדדים נאָך אַמאָל געבראַכט אין ווילנע צו אַ דין-תורה. פון סלאַוואָוטער צד איז געזעסן דער סלאָנימער רב, ר' בערוש אשכּנזי, דער בעל „נודע בשערים", און פון די ווילנער — דער נאָוואַרעדעקער רב, ר' דוד דער בעל „גליא מסכת" און אַלס שליש ר' אַבלי פּאָסוואָלער. אָבער מ'האָט אַלץ ניט געקענט דורכקומען, און ביידע מדפּיסים האָבן אָנגעהויבן מיט גרויס פלייס צו דרוקן די ש"ן. די ווילנער האָבן ביז יאָר תקצ"ו פאַרענדיקט די מסכתות ברכות, שבת און עירובין מיט תוספתא און אַלפס, דאָס זעלבע אויך די סלאַוואָוטער. אַזוי האָט זיך די גרויסע מחלוקת געצויגן גאַנצע צוויי יאָר. דער סוף איז אָבער געווען, אַז צוליבן חטא פון דער מחלוקת און וואָס מ'האָט ניט געפאָלגט דעם פּסק פון די רבנים, אויך צוליב דעם חלול הכּבוד פון גרויסן גאון און צדיק ר' עקיבא אייגער זצ"ל, זיינען ביידע מדפּיסים, אי די סלאַוואָוטער אי די ווילנער, נים אַרויס גאַנץ פון אַן עונש, ווי עס ווערט דערציילט ווייטער.

אין יאָר תקצ"ו האָט זיך ביי די סלאַוואָוטער מדפּיסים געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. זיי דאָבן אַנטזאָגט דעם איינבינדער פון זייער דרוק, וועלכער

איז געווען אַ גרויסער שיכּור, דערצו נאָך איז אויף אים געפאַלן אַ חשד, אַז ער ביט אַרויס די סודות פון זייער דרוק די ווילנער מדפיסים.

דער אײַנבינדער איז פון גרויס צער און נויט אַראָפּ פון זינען, און זיך אויפגעהאַנגען אין בית־מדרש, וועלכן ר׳ משה שאַפּיראָ האָט אויפגעבויט. אַז די שאַפּיראָס האָבן זיך פון דעם דערוואוסט, האָבן זיי תּיכּף גערופן אַ רופא. ער האָט אים אָבער שוין געפונען טויט. דאַן האָבן די שאַפּיראָס געהייסן אים מקבר זיין בסתר.

די גואלי־הדם פון אײַנבינדער האָבן געמסרט, אַז דער אײַנבינדער האָט זיך אַליין ניט אויפגעהאַנגען, נאָר ער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן דורך די ברידער שאַפּיראָ, ווייל דער אײַנבינדער האָט זיי געמסרט, אַז זיי מאַכן זיך אַרויס פון צענזור און ווייל ער האָט געזאָגט פאַר די ברידער, אַז ער וועט זיך שמדן.

די מאַכט האָט די צוויי ברידער הרב ר׳ שמואל אברהם און הרב ר׳ פּנחס תּיכּף אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה און זייער דרוק פאַרחתמעט. מ׳האָט וועגן דעם אויך מודיע געווען אין קיעוו און פון קיעוו האָט מען וועגן דעם איבערגעגעבן אין פּעטערבורג און עס איז דערגאַנגען אַזש צום קיסר ניקאָלאַי. דער קיסר האָט אַראָפּגעשיקט פון פּעטערבורג אין ס׳לאַוואוטע פּראָקוראָרן אויסצופאָרשן דעם ענין. די הקירה ודרישה האָט געדויערט אַ גאַנצן יאָר און די גאַס, וואו זיי האָבן געוואוינט, האָט מען זי גערופן די פּעטערבורגער און זי רופט זיך נאָך עד היום די פּעטערבורגער גאַס. מ׳דערציילט, אַז דער הויפּט־פּראָקו־ראָר וואַסילטשיקאָוו האָט געוואוסט, אַז די ברידער זיינען אומשולדיק. אויך דער בעל־הבית פון שטעטל, דער פּוילישער פירשט סאַנגושקאָ, האָט זייער פיל מי אַוועקגעלייגט אַראָפּצונעמען זייער שולד. דער פירשט האָט אײַנגעאָרדענט ביי זיך אַ גרויסן באַל און פאַרבעטן אויך דעם דאָזיקן וואַסילטשיקאָוו און געבעטן אים, ער זאָל די ברידער אַרויסראַטעווען. עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן, ווייל עס איז אים שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן פון ניקאָלאַיען אַליין, ער זאָל פירן דעם משפּט קעגן די ברידער שאַפּיראָ. ניקאָלאַי האָט גע־וואָלט אויסראָטן דעם גזע פון די צדיקים. דערצו נאָך האָט מען פאַרמסרט די שאַפּיראָס ביי דער מלוכה, אַז זיי זיינען קעגן „השכלה" און דרוקן ניט קיין „השכלה־ביכלעך".

אין אַ יאָר אַרום האָט מען די שאַפּיראָס אַריבערגעפירט געשמידטע אין קייטן אין קיעווער תּפיסה. דאָרטן זיינען זיי געזעסן דריי יאָר און די גאַנצע צייט האָבן זיי ניט געגעסן קיין טרפה און געדאַוונט מיט מנין.

ענדע די דריי יאָר זיינען אַראָפּגעקומען ריכטער פון פּעטערבורג און מען האָט אָפּגעמשפּט די ברידער יעדערן פון צו טויזנט פינפהונדערט שמיץ דורכן סטראָי.

אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט פון פּסק־דין, האָבן זיי, די צדיקים, זייער

פיל געוויינט און געמאַכט די ברכה „דין האמת". נאָר ניט אויף די יסורים האָבן זיי געוויינט, וועלכע זיי האָבן מקבל באהבה געווען אַלס עונש מן השמים, נאָר זיי האָבן געוויינט, טאָמער שטאַרבן זיי אונטער די ריטער. זאָל מען זיי לכל הפחות ברענגען צו קבר ישראל. דאָס האָט ר' פנחס בסתר איבערגעגעבן זיין זון, אַז זייער אַלטער פאָטער ר' משה און זייערע אייגענע פאַמיליעס זאָלן זיך ניט דערוויסן פון דעם.

---

## ה.

זייער זון איז תיכף געקומען און האָט אויסגעפּועלט ביי די שרים זייער בקשה. ער האָט אויך מיט ביטערע טרערן געשוואָרן זיין פאָטער, אַז ער וועט זיך מוסר נפש זיין מקיים צו זיין די שבועה.

דערוויילע איז אָנגעקומען דער שרעקלעכער טאָג פון משפט, עס איז דאָן געווען ערב ר"ח אלול תקצ"ט. די ברידער האָבן אָפּגעריכט די תפילות פון יום כפור קטן מיט פאַסטן און מיט גרויסע שרעקלעכע געוויינען, און איידער זיי האָבן נאָך געענדיקט זייערע תפילות, האָט מען זיי שוין אַוועקגעפירט גע-שמידט אין קייטן צום משפט-פּלאַץ.

אויפן פּלאַץ זיינען דאָן געווען פיל שרים, רופאים און אַ גרויסער המון ביט-יידן*), וואָס זיינען געקומען זען ווי מען וועט פאַרפייניקן די יידן. עס זיינען אויך געווען אויסגעשטעלט צוויי שמאָלע שורות סאָלדאַטן מיט ריטער אין די הענט און פיל מאָלדאַטן מיט פויקן צו פאַרטויבן די געשרייען פון די פאַרפייניקטע.

דאָן האָט זיך דער יינגערער ברודער, דער צדיק הרב ר' פנחס, גענו-מען בעטן ביי די שרים, מען זאָל אים פריער משפטן. זיין מיין איז געווען, אַז דערוויילע וועלן זיך אפשר די סאָלדאַטן איינמאַטערן, ווי אויך זעענדיק זיין פאַרגאָסן בלוט, וועלן זיי אפשר רחמנות האָבן אויף זיין עלטערן ברודער און ניט אַזוי שטאַרק אים פייניקן.

די שרים האָבן זיין בקשה דערפילט, און מ'האָט אים פריער דורכגע-פירט דורכן „סטראָי". צוויי מאָל איז ער געגאַנגען און האָט אַריבערגעטראָגן די יסורים רואיק. צום דריטן מאָל איז ער אינמיטן געפאַלן אין חלשות און שטראָמען בלוט האָבן געשפריצט פון זיין צעבלוטיקטן לייב. האָבן די רופאים אים גלייך אַוועקגענומען און אַוועקגעפירט אין שפיטאָל. דערנאָך האָט מען דעם עלטערן ברודער, הרב ר' שמואל אבאן, דורכגעפירט דורכן „סטראָי" און אַזוי שמייסנדיק האָט אַ סאָלדאַט מיט זיין רוט זיין יאַרמאָלקע פון קאָפּ אַראָפּ-געוואָרפן. האָט זיך אומגעקערט דער גרויסער צדיק און זיך איינגעבויגן אויפ-

---

*) יידן האָבן אויסגעמיטן אינגאַנצן צו קומען.

צוהויבן די יאַרמאָלקע, כדי ניט צו גיין „בגלוי ראש”. און דערווייל האָבן נאָך מערער אומזיסטע ריטער געשטורימט אויף זיין צעבלוטיקטן לייב, ביז וואַנען ער איז געפאַלן אין חלשות. דערנאָך האָט מען אים אויך אוועקגעפירט אין שפיטאָל אויסהיילן די וואונדן.

אַז מ׳האָט זיי אויסגעהיילט, איז אָנגעקומען אַ נייע צרה. מ׳האָט זיי אָפּגעמשפּט צו פאַרשיקן קיין סיביר. בשעת מען האָט זיי גענומען אָפּגאָלן די האַלבע קעפּ און בערד, האָבן זיך די צדיקים זייער ביטער פונאַנדערגעוויינט און זיך בשום אופן ניט געלאָזן. האָט מען זיי מיט געוואַלט געשניטן אין לייב אַריין. פאָרנדיק קיין סיביר דורך מאָסקווע, זיינען זיי דאָרטן קראַנק געוואָרן. האָט מען זיי אין מאָסקווע אָפּגעשטעלט און זיי זיינען שוין דאָרטן פאַרבליבן (מ׳זאָגט—דורך שוחד). אין מאָסקווע אין תפיסה זיינען זיי אָפּגעזעסן אַ לאַנגע צייט און אויך דאָרטן האָבן זיי קיין טרפה ניט געגעסן און אָפּגעהיט יעדער מאָל צו דאַוונען מיט אַ מנין.

אַזוי זיינען די ברידער די צדיקים אָפּגעזעסן אין די תפיסות קרוב 20 יאָר און די גאַנצע צייט קיין פלייש ניט פאַרזוכט און זיינען געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט.

ערשט אין יאָר תרט״ז, אַז דער גרויזאַמער הערשער ניקאָלאַי איז געשטאָרבן און אויף זיין טראָן איז אַרויף אַלכסנדר דער צווייטער, האָט מען דאַן די שאַפּיראָס באַפרייט און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, וואו די גאַנצע שטאָט האָט זיי מקבל פנים געווען מיט גרויס שמחה.

נאָר די ברידער האָבן זיך שוין דאַן מיט דרוקן ספרים ניט פאַרנומען. זיי האָבן זיך דאַן איבערגעגעבן צו פאַרשפּרייטן איבער דער וועלט זייער גרויסן זיידנס ר׳ פנחס קאָריצערס חסידות און זיינען געשטאָרבן אין טיפן עלטער.

צוליב דער דאָזיקער מחלוקת פון די ווילנער מיט די סלאַוואוטער מדפיסים איז אויך געפאַלן ביי דער מלוכה אַ חשד אויף אַלע איבעריקע מדפיסים, און די מאַכט האָט אין יאָר תקצ״ו אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרמאַכן אַלע דרוקן. מ׳האָט דאַן פאַרמאַכט (אויסער דעם סלאַוואוטער, וועלכער איז נאָך פון פריער געווען פאַרחתמעט) אויף פאָלקנדיקע דרוקן: אוסטראָה, סדילקאָוו, קאָרעץ, מינסק, מינקאָוויץ, מאָהליוו א. א. די מלוכה האָט דאַן מער ניט ערלויבט ווי די ווילנער מדפיסים צו האַלטן אָפן זייער דרוק אין ווילנע, וואו עס איז געזעסן דער צענזאָר און פאַר דער פריווילעגיע האָבן זיי געדאַרפט צאָלן אַ פּאַטענט פינף טויזנט רובל יערלעך.

אויסער וואָס מ׳האָט פאַרמאַכט די דרוקן, האָט נאָך די מלוכה אויך איבער דער מחלוקת געוואָרפן אַ חשד אויף אַלע אַלטע געדרוקטע יידישע ספרים, און די מאַכט האָט באַשטימט מיט אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר תקצ״ז, פאַר אַ צענזאָר דעם שאַדאָווער ראַבינער ר׳ ליב בר׳ גרשום, אַ אייניקל פון גאון בעל „מעלות התורה”, וועלכער האָט איבערגעקוקט אַלע אַלטע ספרים

אין די ביבליאָטעקן, אויך אויסגעמעקט אייניקע ווערטער, וועלכע ער האָט געפונען פאַר ניט פּאַסיק, און אַוועקגעלייגט אויף די איבערגעקוקטע ספרים זיין שטעמפּל מיטן אונטערשריפט ל. גערשענאָוויץ, און נאָך אַנדערע צענזאָרן.

אַזוי זיינען איבער דער מחלוקת פאַרמעקט און קאַליע געוואָרן פיל ספרים. אויך נייע ספרים זיינען ווינציק געדרוקט געוואָרן צוליב דעם מאַנגל אין דרוקן, ווייל, ווי ס'איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, איז געבליבן מער ניט ווי דער איינאייציקער ווילנער דרוק.

אין יענער צייט האָבן זיך שוין די ווילנער מדפיסים גענומען מיט גרויס פלייס צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן ש״ס, איבער וועלכן עס איז אויסגעבראָכן די מחלוקת. נאָר אַזוי ווי עס האָבן זיך געפאָדערט צו דעם גרויסע קאַפּיטאַלן, האָבן זיי צוגענומען נאָך פאָלגנדיקע שותפים: ר' יוסף עליאַשבערג מיט זיין איידעם ר' מתתיהו שטראַשון און ר' ברוך שרייבער. דער דרוק איז דאַן אַריבער אין ברוך שרייבערס הויף אויף זשאַנדאַרמסקי גאַס און דאָרטן האָבן זיי פאָרגעזעצט צו דרוקן דעם ש״ס. אָבער דער עונש פון מחלוקת איבערן ש״ס האָט זיי דאָרטן אויך פאַרפאָלגט און אין תר״א איז דער דרוק מיטן גאַנצן פאַרמעגן אַוועק מיטן רויך. עס זיינען אומגעקומען אין דער דאָזיקער שרפה אויך צוויי נפשות. שפּעטער אין יאָר תר״ב איז פון גרויס צער אויך דער מדפיס ר' מנחם מן געשטאָרבן און דער ש״ס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר תרי״ד דורך זיין זון ר' יוסף ראָם*).

מ'זאָגט, אַז די מחלוקת האָט אויף ר' אבעלען דעם גרויסן נדיב און רודף שלום זייער שלעכט געווירקט.

ר' אַבלי איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט די חסידים.

מ'דערציילט: אין יאָר תקצ״ה האָט ר' מנחם מנדל, דער בעל „צמח צדק״, באַזוכט ווילנע. געוויינלעך, אַז אַ חסידישער אַדמו״ר זאָל קומען דאַן קיין ווילנע, אין דער רעזידענץ פון ווילנער גאון, דעם גרעסטן מתנגד, איז עס געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. און איינער, ר' שמשון שאַסניקער, אַ חסיד אַ פּאָדראַטשיק, וואָס האָט געהאַט אַן אַריינגאַנג אין די הויכע ספערן, האָט פונדעסטוועגן ניט געקענט אויספּועלן אַן ערלויבעניש פאַר ר' מנחם מענדל צו קומען קיין ווילנע, סיידן, אַז ער

---

*) שפּעטער אין יאָר תרי״ז האָט די מלוכה אויך ערלויבט די סלאַוואוטער מדפיסים ר' חנינא ליפּא און ר' יהושע העשל (ר' משה שאַפּיראָס אייניקלעך) צו עפענען זייער דרוק אויך מיט אַ פּאַטענט פון פינף טויזנט רובל יערלעך, נאָר זיי האָבן געמוזט זייער דרוק אַריבערפירן פון סלאַוואוטע קיין זשיטאָמיר, וואו עס האָט זיך געפונען דער צענזאָר פון די יידישע ספרים. דאָרטן אין זשיטאָמיר האָט זיך זיי ערשט איינגעגעבן אַרויסצוגעבן דעם ש״ס, וואָס זייערע עלטערן ר' שמואל אבא און ר' פנחס האָבן אָנגעהויבן.

די גזרה פון די דרוקן איז ערשט בטל געוואָרן אין יאָר תרכ״א און דאַן האָבן זיך אין ווילנע געגרינדעט די דרוקן פון ראָזענקראַנץ-שריפטזעצער אין יאָר תרכ״ב און שפּעטער מ״ץ אין יאָר תרכ״ט א. אז. וו.

זאָל אײַנלייגן זיין הויף אין ערבות, אַז עס וועט זיין רואיק. אַז ר׳ מענדעלע איז געקומען, האָט ער תיכּף באַזוכט ר׳ אַבעלען. ניט קוקנדיק וואָס ער איז אַ חסידישער אדמו״ר, האָט ר׳ אַבלי אים אויפגענומען מיט זייער גרויס כּבוד. ביי דער אויפנאַמע האָט מען דערלאַנגט צום טיש כּיבוד, געפּרעגלטע פּירות און מענין לענין זיינען ביידע גאונים אַריבער אין זייער אַ שטאַרקן פּלפּול וועגן ברכת הנהנין. ר׳ אַבלי איז געווען זייער נשתּומם פון „צמח צדקס״ גרויסקייט אין תּורה און ער האָט דערנאָך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם „צמח צדק״ ביי אים אין אכסניא און דאָרטן האָבן זיי ווייטער פיל פאַרבראַכט אין תּורה און זיך זייער וואַרים געזעגנט. מ׳דערציילט: ביים געזעגענען זיך האָט אים ר׳ אַבלי געזאָגט אַ דבר הלכה „יחיד ורבים הלכה כּרבים״, אין וואָס עס איז מרומז אַ חסידישע תּורה.

---

## ו.

ר׳ אַבעלען פלעגן באַזוכן ניט בלויז רבנים, לומדים און כּלל־טוער, נאָר אויך פיל אורחים, וואָס, הערנדיק פון ר׳ אַבעלעס גרויסקייט אין תּורה און חכמה, פלעגן זיי קומען אָנקוקן דעם יידישן גרויסן גאון און הערן זיין חכמה.

איינמאָל איז געקומען אַ גרויסער גביר פון גאַנץ ווייט זען ר׳ אַבעלען. אַז ער איז צו אים אין שטוב אַריין און האָט דערזען זיין אָרימע וואוינונג מיט די אַלטע אָפּגעניצטע מעבל, איז ער שטיין געבליבן ביין טיר. עס האָט אים דאָס האַרץ פאַרקלעמט און ער איז אַזוי געשטאַנען פאַרוואונדערט.

ר׳ אַבלי, דער גרויסער חכם, האָט עס גלייך פאַרשטאַנען, — איז ער צוגעגאַנגען צום אורח, געגעבן אים שלום און געזאָגט: ר׳ אורח, וואָס זייט איר פאַרוואונדערט? רופט זיך אָפּ דער אורח: רבי! זו תּורה וזו שכרה? פון וויטן האָב איך געמיינט, אַז איר וואוינט אין פּאַלאַצן מיט משרתים, צום סוף זע איך גאָר אַזאַ אָרעמע וואוינונג. האָט ר׳ אַבלי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט מיט אַ וויץ: צי דען ווייסט איר ניט, ר׳ אורח, אַז „פּנחס״ פון וויטן איז טאַקע זייער טייער, אָבער „פּנחס״ פון נאָענטן איז ניט אַזוי טייער*).

מ׳דערציילט טאַקע, אַז ר׳ אַבלי האָט געלעבט זייער אָרעם צוליב זיינע גרויסע נדיבות, וואָרים ער פלעגט ממש אַוועקגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל. עס פלעגט אים אָפּט אויסקומען צוליב אָרימקייט צו פאַרזעצן זונטאָג זיין שבתדיקע זשופּעצע מיט זיין שטריימל ביז די דאָנערשטאָגדיקע שכירות. דאָס

---

*) ד״ה, בעת מען לייענט פ׳ פּנחס יו״ט צאָלט מען דאַן פאַר די עליות טאַקי זייער גרויסע געלט, אָבער ווען מ׳לייענט די זעלבע פ׳ „פּנחס״ אויף איר אָרט (ד״ה, דעם שבת וואָס נאָך בלק), צאָלט מען פאַר די עליות ניט אַזוי טייער. אַנדערע זאָגן, אַז דעם וויץ האָט עס ביי אַזאַ געלעגנהייט געזאָגט ר׳ פּנחס דער „בעל הפלאה״.

זעלבע איז אים אויך אויסגעקומען צו פאַרזעצן אויף רפואות, בעת ער איז געווען קראַנק. היילן האָט אים געהיילט דער פּראָפעסאָר פאַרצענקאָ אָן געלט, און דער פּראָפעסאָר, באַקענענדיק זיך מיטן גרויסן גאון, איז געווען אַזוי נתפּעל פון זיין גרויסער חכמה און איז מיט אים אַזוי שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן, אַז אַפילו נאָך ר' אַבעלעס פּטירה פלעגט דער פּראָפעסאָר אָפט גיין באַזוכן דעם קבר פון גרויסן יידישן גאון און חכם.

ר' אַבלי האָט געוואוינט אויפן שול-הויף אין רעכילס הויף (איצט נעמזערס) און געדאַווענט אין דער גרויסער שול, וואו ער פלעגט אויך אַלע אין דער פרי נאָכן דאַווענען לערנען זיינע שיעורים צוויי שעה בקביעות. קו־מענדיק אַ היים פלעגט ער שוין געפינען אַ פולע שטוב מיט רבנים, לומדים, כּלל-טוער, בעלי-דינים א. אַנד. און ר' אַבלי האָט קיינעם ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן. אַלעמען קורץ און גיך געענטפערט און קיינמאָל כמעט אין זיין גאַנצן לעבן ניט דורכגעפאַלן מיט זיינע פּסקים.

מ'דערציילט: נאָך אין דער יוגנט, אין דער ערשטער צייט פון ר' אַבע־לעס רבנות, האָט זיך געמאַכט זייער אַ האַרבע שאלה וועגן אַ גט. עס איז געווען זייער אַ גרויסע שקלא וטריא. אַלע רבנים האָבן געפּסקנט, אַז דער גט איז אַ גוטער גט און די מגורשת מעג חתונה האָבן, און איין ר' אַבלי האָט געפּסקנט, אַז דער גט איז ניט קיין גוטער גט און די מגורשת טאָר ניט חתונה האָבן. דער פאָטער פון דער מגורשת, אַ ווילנער נכבד, האָט צונויפגע־רופן אַ גרויסע אסיפה פון אַלע ווילנער רבנים און די גרעסטע לומדים און פּרנסים. נאָך אַ שקלא וטריא האָבן אַלע מסכים געווען מיטן פריערדיקן פּסק. אויך דער ווילנער פּרנס-חודש, דער גרויסער למדן און חכם, דער באַרימטער דאָקטאָר ר' יעקב ליבאָשיץ איז געווען קעגן ר' אַבעלעס פּסק. דאָך איז גע־בליבן, אַז מען זאָל שיקן אַ שליח מיוחד אָנפרעגן ביי איינעם אַ באַוואוסטן גאון אין אויסלאַנד, וואָס איז געווען אַ באַרימטער מומחה אין עניני גיטין. דער שליח האָט זיך אָבער זייער פאַרזאַמט, דעריבער האָבן די רבנים מסכים גע־ווען, די זאָל חתונה האָבן.

בשעת מ'האָט איר שוין געפירט צו דער חופּה, איז פּלוצלינג אָנגעקומען דער שליח מיטן פּסק-דין פון דעם דאָזיקן גאון, אַז דער גט איז קיין גט ניט, אַזוי ווי ר' אַבלי האָט געפּסקנט, און זי טאָר ניט חתונה האָבן. פון דאַן אָן האָבן שוין אַלע אָנערקענט ר' אַבעלעס גרויסקייט און מ'האָט געהאַט פאַר אים גרויס דרך-ארץ. פון אומעטום האָבן אַלע רבנים זיך געווענדעט צו אים וועגן אַלע האַרבסטע שאלות און שווערע ענינים אין הלכה. נאָר צוליב זיינע גרויסע טרדות און די גרויסע גזרות, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט, האט ער ניט געקענט מסדר זיין צום דרוק זיינע חידושים אין תורה און זיינע תשובות, וועלכע דערגרייכן אין די טויזנטער.

בכלל האָט ר' אַבלי איבערגעלעבט אַ צייט פון גרויסע געשעענישן

אין דער וועלט בכלל און גרויסע גזרות און שינויים אין יידישן לעבן בפרט. אין ר׳ אַבעלעס צייטן איז אויך פֿאָרגעקומען די גרויסע מלחמה פון נאַפּאָלעאָ־נען מיט די רוסן אין יאר תקע״ב.

די פראַנצויזן האָבן דאַן חרוב געמאַכט דעם ווילנער אַלטן בית־עולם, זיי האָבן צעבראָכן פיל טייערע מצבות און צעגראָבן פיל הייליקע קברים פון אונזערע גרויסע גאונים. דאָרטן האָבן זיי געמאַכט זייערע פּאָזיציעס, אוועק־געשטעלט די האַרמאַטן און באַשאָסן די שטאָט. נאַפּאָלעאָן האָט דערקלערט דעם אָרט פאַר א סטראַטעגישן פונקט, ווייל עד פאַראייניקט שניפּישאָק מיט אַנטאָקאָליע. און דאָס האָט ר׳ אַבעלען אָנגעמאַכט גרויסע טרדות און עגמת נפש.

אין יאָר תקע״ה איז פֿאָרגעקומען אין ווילנע מיט ר׳ אַבעלעס מיטוויר־קונג א גרויסע אסיפה פון די רבנים פון אַלע קהלות אויף אויסצוקלייבן דריי דעפּוטאַטן, וועלכע זאָלן פאָרן קיין פּעטערבורג צו ענטפערן אויף אַלע שאלות וועגן יידן אין דעם „יידישן קאָמיטעט״, וואָס אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט דאַן געגרינדעט (די 2־טע אסיפה איז פֿאָרגעקומען אין מינסק אין יאָר תקע״ח). אין יענע צייטן איז אויך אַרויס א באַפעל פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַז דער הויפּט־רב זאָל פאַרשרייבן אַלע נולדים, נשואים און נפטרים, און מ׳האָט אויף דעם אויפגענומען ר׳ אַבלי פּאָסוואָלער, וואָס האָט פאַרנומען די שטעלע אַלס אָפיציעלער רב ביז זיין פּטירה*).

נאָך מער צרות און עגמת־נפש האָט ר׳ אַבלי איבערגעלעבט אין יאָר תקפ״ו, בעת דער גרויזאַמער הערשער ניקאָלאַי דער ערשטער איז אַרויף אויפן טראָן. ס׳האָט זיך דאַן אויף די יידן אָנגעהויבן א מבול פון שרעקלעכע גזרות, ווי אַרויסטרייבן פון די דערפער, נעמען פאַר סאָלדאַטן אויף דינסט פון 25 יאָר. מ׳האָט גענומען קליינע קינדער, וועלכע מ׳האָט געגויט דורך פאַרשיידענע אינקוויזיציעס און יסורים צו שמדן זיך. ר׳ אַבלי און די איבע־ריקע גרויסע גאונים פון יענער צייט האָבן גוזר תענית געווען און מ׳האָט מתפלל געווען מיט גרויס געוויין. מ׳האָט זיך אויך משתדל געווען אין די הויכע ספערן. ס׳האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפן: דער גרויסער אינקוויזיטאָר ניקאָלאַי, דער צווייטער טאָרקוועמאַדאַ, האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערן.

אויך האָט ר׳ אַבלי איבערגעלעבט א ביטערע צייט אין יאָר תקצ״א, בעת מ׳האָט פאַרמאַכט אינגאַנצן דעם ווילנער בית־עולם, וועלכער האָט עק־סיסטירט 344 יאָר. מ׳דערציילט, אַז דאָס איז געווען צוליב דער גזרה פון די

---

*) דער צווייטער רב נאָך ר׳ אבעלעס פּטירה איז געווען זיין שוואָגער ר׳ ישראל גאָר־דאָן (א שוואָגער פון ר׳ אבעלעס פרוי לאה). דער ר׳ ישראל גאָרדאָן איז געווען איינער פון די גדולים אין תורה און צדקות, געווען אויך א גרויסער חכם. ער האָט שפּעטער דערלאַנגט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן א דאָקלאַד וועגן פאַרמאַכן די ווילנער ראַבינער־שול.

סאָלדאַטן, ווייל אין יאָר תקצ״א, בעת דעם 1-טן פּוילישן אויפשטאַנד, האָבן דאָרטן די רוסן אויסגעבויט קאַזאַרמעס. דאָרטן האָט זיך אויך באַזעצט דער קאָמענדאַנט, ווייל דער פּונקט איז א סטראַטעגישער. ביים נאַבאָר פון די סאָלדאַטן פלעגן קומען פיל אומגליקלעכע עלטערן וויינען און קלאָגן אויף די קברים פון די גרויסע גאונים און צדיקים,—האָט עס דער קאָמענדאַנט ניט געוואָלט ליידן און באַפוילן דעריבער אינגאַנצן צו פאַרמאַכן דעם בית-עלמין. דער גרויסער צדיק ר׳ שלום מ״ץ איז געווען דער לעצטער אויף דעם דאָזיקן בית-עלמין. מ׳האָט אים שוין דאַן אריינגעגנבעט דורכן פּאַרקן י״ט חשון תקצ״א.

אין א האַלב יאָר אַרום האָט מען צוגענומען נאָך א שטיק פון אַלטן בית-עלמין אויף קאַזאַרמעס. מ׳האָט דאָרט צעבראָכן פיל הייליקע קברים אויף צו שטעלן האַרמאַטן. דאַן האט ר׳ אַבלי גוזר תענית געווען און מ׳האָט אַרויסגעגעבן א כרוז, אז אַלע, וועלכע וועלן גיין צונויפקלייבן די ביינער פון די הייליקע צדיקים און זיי מקבר זיין אויפן נייעם בית-עולם, מוזן פריער גיין טבילה. ס׳איז דאַן געווען אין שטאָט א שרעקלעכער טאָג פון געוויינען און געשרייען אין אַלע קלויזן און אויף די הייליקע ערטער.

ר׳ אַבלי האָט אויך גענומען א גרויסן אָנטייל אין אַלע שטאָטישע ענינים. אין יאָר תקפ״ז, צוליב דער גזרה פון נעמען סאָלדאַטן, האָט ער מיט-געווירקט אין דער גרינדונג פון די „פערציקטלעך״. מ׳האָט דאַן אין ווילנע אויסגעקליבן די ווילנער גרעסטע עילויים, וועלכע זיינען געווען אין צאָל פון פערציק (דעריבער רופן זיי זיך פערציקטלעך), און מ׳האָט פאַר זיי געגרינדעט א ישיבה אויף שניפּישאָק, כדי מען זאָל זיי באַשיצן פון נעמען אין סאָלדאַטן. צווישן די פערציקטלעך זיינען געווען דערנאָך די מפורסמדיקע גאונים ר׳ שמואל שטראַשון, ר׳ מרדכי מעלצער, ר׳ יעקב פיעסקין, ר׳ הירשל שמחה, ר׳ מאיר קאַרעליצער א. אנד.

---

## ז.

ר׳ אַבלי פּאָסוואָלער האָט מיטגעהאָלפן אין דער גרינדונג פון נאָך פיל מוסדות און חברות, ווי אין דער גרינדונג פון ר׳ חיים וואָלאָזשינערס ישיבה אין יאָר תקס״ד און ר׳ מיילא״ס ישיבה אין יאָר תקצ״א. אין דער לעצטער ישיבה האָט ר׳ אַבלי צוזאַמען מיט ר׳ זלמן ר׳ אורי״ס אַכטונג גע-געבן אויף די תלמידים פון דער דאָזיקער ישיבה און באַזאָרגט זיי הן אין גשמיות און הן אין רוחניות. אין יאָר תקצ״ב האָט ר׳ אַבלי צוזאַמען מיטן שטאָט-מגיד ר׳ יחזקאל פייוויל און ר׳ זלמן ר׳ אורי״ס געגרינדעט אין ווילנע די חברה „מעמדות״ און אָפּגעדרוקט אין א באַזונדערן ספר די תפילות פון

מעמדות. ר׳ אבלי האָט זיך עוסק געווען אויך אין נאָך חברות און מוסדות אָן אַ שיעור.

אין יאָר תקצ״ו ב׳ מנחם אב איז געשטאָרבן דער גרויסער צדיק ר׳ זלמן ר׳ אוריי׳ס, וואָס איז געווען אַ צייט פּרנס חודש צוזאַמען מיט ר׳ לייבעלע ר׳ בערס און ר׳ שמואל יהודה׳ס, אויף וועלכע מ׳האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען די דריי ווילנער עמודים. ר׳ זלמן ר׳ אוריי׳ס איז געווען איינער פון די גרע־סטע ווילנער נדיבים און גדולים און האָט זיך עוסק געווען צוזאַמען מיט ר׳ אַבעלען אין פיל חברות און מוסדות. ר׳ אבלי האָט זיך זייער מצטער געווען אויף דער פּטירה פון דעם דאָזיקן גרויסן צדיק, זיין פּערזענלעכן פריינד, און בעת ער האָט אים מספּיד געווען אויפן בית־עלמין, האָט ער זיך צוגעקילט און איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. אַז מ׳האָט זיך דערוואוסט פון דער קראַנק־הייט פון גרויסן גאון ר׳ אבלי, וועלכער איז געווען ביי אַלעמען זייער באַליבט, איז אין שטאָט געוואָרן אַ גרויסער טרויער. ר׳ שמואל יוסף פין שרייבט אין „קריה נאמנה״: „איך געדענק נאָך דעם קול קורא אין די גאַסן, וואָס האָט גערופן: „גייט און בעט רחמים פאַרן געזונט פון גאון ר׳ אבלי״. — און תּיכּף זיינען אַלע שולן און בתּי־מדרשים אין ווילנע פול געוואָרן מיט יידן, וועלכע האָבן מתפּלל געווען מיט שרעקלעכע געשרייען און געוויינען. דריי טעג נאָכ־אַנאַנד האָבן ניט אויפגעהערט די תּפלות פאַרן געזונט פון ר׳ אַבעלען. די קראַנקהייט פון ר׳ אַבעלען האָט זיך אָבער אַלץ פאַרשטאַרקט און דער גרוי־סער גאון איז נפטר געוואָרן י״ג מנחם אב תקצ״ו.

דער טרויער אין שטאָט איז געוואָרן גרויס. עס זיינען צונויפגעקומען צו דער לויה אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד ר׳ אַבעלען גאַנץ ווילנע מיט אַלע וויל־נער רבנים און פּרנסים בראש. אויך פון אַנדערע שטעט זיינען געקומען פיל גרויסע רבנים אָפּגעבן כבוד דעם גרעסטן יידישן גאון. מספּיד געווען האָט אים דאַן דער גרויסער גאון און חכם ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער און האָט גע־זאָגט, אַז ר׳ אבלי האָט פאַרמאָגט ניט נאָר דעם שאַרפסטן מוח ביי יידן, נאָר אויך דאָס בעסטע האַרץ. ר׳ אבלי איז געווען בבחינת „חסד שבחסד״.

ר׳ אַבעלעס אוהל געפינט זיך אויף דעם ווילנער נייעם בית־עלמין, וואו אַלע ביטערע הערצער גייען מתפּלל זיין עד היום. זיין מצבה האָט אָנגעשריבן איינער פון די ווילנער דאַמאָלסדיקע גדולים אין תּורה און חכמה, דער פּרנס חודש און מליץ ר׳ אברהם שטראַשון מיט אַ זעלטענעם נוסח. יעדער שורה הויבט זיך אָן מיט אַן אות פון ר׳ אַבעלעס נאָמען.

דאָס איז דער נוסח פון דער מצבה:

אלוף וגאון היכול נוכל הללך
בתורה בחכמה עלית על כל בני דורך
רועה נאמן היית, מטובך לכל השפעת
הן מרוח תבונתך על כי לא אצלת

מי נכנס למשכן קדשך ולא יצא שבע
אם בתורה כל דבר הקשה שכלך הכריע
בהונך כושלים תמכת ותהי להם למושיע
למרחוק מקצות הארץ תורה בקשו מפיך
וספת על חכמתך ענוה ותרומות מדותיך
הה! ליום מאתנו עלית על מי נטשתנו
מאנה להנחם ווילנא בניה יקוננו
איה שר וגדול מי כמוהו מורה לעדתנו
תורתך רבנו נצח מפינו לא נכלא
גם לדור אחרון זכרך לא ימוש סלה.

ה״ה אדמו״ר הגאון ארוך בדורו בחריפותו ובקיאותו, ענותו וצדקתו מר נא אברהם אבלי בהרב הגדול מוהר״ר אברהם שלמה מפאָסוואָהל אבד״ק ומ״ץ דקהלתנו נאסף אל עמיו י״ג מנחם אב תקצ״ו זי״ע.

אויף ר׳ אַבעלען האָט געמאַכט זייער אַ וואַרימען און אַ גרויסן הספד דער נאָוואַראָדקער רב ר׳ דוד אין זיין ספר „גליא מסכת״. ער שרייבט דאָרט „אחד היה אברהם יחיד בדורו״. אויך אַ הספד אויף ר׳ אַבעלען, אין אַ באַזונדערן חבור „עמק הבכא״, האָט אָפּגעדרוקט דאַן דער דרשן פון קברנישער שול ר׳ שלמה זלמן. ער דערמאָנט דאָרט אין זיין הספד, אַז ר׳ אַבלי האָט קיין איין רגע ניט מבטל געווען פון לערנען. וואו ער פלעגט גיין און שטיין, האָט ער אַלץ תמיד געטראַכט אין לערנען און אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך ביינאַכט גאָרניט אויסגעטאָן און געזעסן גאַנצענע נעכט און געלערנט.

ר׳ אַבלי האָט קיין זין ניט געלאָזן, נאָר טעכטער, וועלכע האָבן זיך משדך געווען מיט בעלי־בתים לומדים.

קיין געדרוקטע חבורים, ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט ר׳ אַבלי צוליב זיינע גרויסע טרדות ניט געדרוקט, נאָר עס זיינען פאַרבליבן פון אים זיי פיל כתבי־יד. ר׳ הלל נח מגיד ברענגט אין זיין ספר „עיר ווילנא״, אַז ב זיינע שטיפזין ר׳ אברהם דוד גאָרדאָן שקלאָווער און ר׳ שמעון אַבאַלניקער, זיינען פאַרבליבן דריי זעק מיט טויזנטער „שאלות און תשובות״, פון וועלכע די צוויי ברידער האָבן זעכציק שאלות און תשובות מסדר געווען צום דרוק אונטערן נאָמען „באר אברהם״. די דאָזיקע שאלות ותשובות זיינען נאָך פאַר־שיידענע גלגולים אַריבער צו דעם גאון און אדמו״ר ר׳ מנחם מענדל לובאַוויטשער.

ביים פאַרטשעווער רב ר׳ אַבלי זיינען געווען אויך אייניקע תשובות, וועלכע ער האָט גערעכנט צו דרוקן, אָבער ער האָט זיי ניט געדרוקט.

אויך ר׳ נתן קורוניל פון ירושלים דערמאָנט אין זיין רשימה פון די כתבי יד צווישן אַנדערע, אַז עס געפינט זיך אַ כתב־יד פון ר׳ אַבעלען — אַ פירוש אויף מס׳ ברכות. עס זיינען געווען נאָך כ״ל ספרים מיט ר׳ אַבעלעס הגהות כת״י ביי ר׳ משה זלמן דאָבקין פון פּאָנעוויעזש, נאָר זיי זיינען ליידער פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויסער שרפה אין יאָר תרמ״א.

פאַר זיין לעבן זיינען געדרוקט געוואָרן ר׳ אַבעלעס חידושי תורה אין פאָלגנדיקע ספרים: אין „מים חיים״ פון ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט, אין „מנחה בלולה״ פון ר׳ שמעון מסלאָנים, אין „בגדי ישע״ פון ר׳ שמואל סו״ד (ספרא ודיינא) פון ביאַליסטאָק, אין „יהגה חכמה״ פון ר׳ בער נעסוויזשער, אין „נתיבות עולם״ פון ר׳ צבי הירש קאַצענעלנבויגן, און קונטרס אחרון פון „שו״ת שאגת אריה״, אין קונטרס אחרון פון „טורי אבן״ א. אַנד.

מ׳דערציילט, אַז נאָך ר׳ אַבעלעס פטירה האָבן די ווילנער פרנסים אַריינגעשיקט דורך אַ שליח מיוחד אַ כתב רבנות דעם גרויסער גאון ר׳ עקיבא אייגר. אין כתב רבנות האָבן זיי אויך מרמז געווען, אַז זיין זון ר׳ שלמה אייגר וועט זיין נאָך אים זיין ממלא מקומו. נאָר דער גרויסער צדיק און עניו ר׳ עקיבא אייגר האָט געענטפערט: פאַר מיר איז גענוג צו פאַרנעמען אַ קליינע משרה אין דער ווילנער קהלה און ניט צו זעצן זיך אויפן כסא הרבנות פון גרויסן גאון, חכם און צדיק ר׳ אַבלי זצ״ל.

# דער סלאָנימער רב ר׳ יהושע אַייזיק שאַפּיראָ זצ״ל

## באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ אַייזעלע חריף.

### 1

די שטאָט סלאָנים איז זייער אַן אַלטע שטאָט. אַ צייט איז זי אויך געווען אַ גובערניע. אין יאָר שי״א (1551) ווערט שוין דערמאָנט אין דער געשיכטע וועגן דער יידישער קהילה פון סלאָנים.

אין יאָר ת״ב (1642) איז שוין דאָרט געווען אויסגעבויט אַ שיינע געמויערטע שול. לויט די תקנות פון ועד פון מדינת ליטאָ פון יאָר שפ״ג (1623), איז סלאָנים געווען אונטערן רשות פון דעם ועד פון בריסק, דערנאָך איז זי געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע גליל־שטאָט.

אין סלאָנים געפינען זיך דריי בית־עלמינס: איינער גאָר אַן אַלטער, אויף דער פאָרשטאָט זאַמאָסטשע, וואָס וועגן אים איז דאָ אַ קבלה, אַז דאָרט אונטער אַ בוים געפינט זיך דער קבר פון רשי״ס (ר׳ שלמה יצחקיס) אַן אור־אייניקל, וואָס וועגן אים ווערן דערציילט זייער פיל לעגענדעס; נאָך אַ בית־עולם געפינט זיך אין שטאָט גופא, אויך שוין איבער דריי הונדערט יאָר אַלט, וואו עס ליגן פיל גאונים און צדיקים; דער דריטער, דער נייער בית־עולם, ליגט אונטערן שטאָט און איז שוין אַלט קרוב הונדערט פופציק יאָר. דאָרט געפינט זיך דער אוהל פון גרויסן גאון און צדיק ר׳ אַייזעלע חריף, וואָס אַלע גייען אַהין עד־היום מתפלל זיין אין אַן עת צרה. דאָרט געפינט זיך אויך דער אוהל פון באַוואוסטן רבי און צדיק ר׳ אברהם, דעם מחבר פון ספר „חסד לאברהם״ און דעם ערשטן רבי פון די סלאָנימער חסידים, ווי אויך די אוהלס פון די איבעריקע סלאָנימער רבנים ר׳ יוסף רייזען, ר׳ יוסף שלופער, ר׳ מרדכי ווייצעל און פון די גרויסע בעלי־בתים לומדים, ווי דעם ווילנער גאונס אייניקל, ר׳ יעקב משה, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן דעם גאונס ספרים; ר׳ שמעון, דער מחבר פון שו״ת „מנחה בלולה״; ר׳ אברהם שיק, דער מחבר פון „אשד הנחלים״ אויף מדרש און אַנדערע ספרים; ר׳ אליעזר גרייעווער, דער מחבר פון „משנת דר׳ אליעזר״ א. אַ.

אין סלאָנים געפינט זיך אַן אַלטע ישיבה, געגרינדעט אין יאָר תקצ״א, וואָס צווישן אירע ראשי־ישיבות זיינען געווען גרויסע גאונים, ווי ר׳ יהודה, דער מחבר פון „פני יהודה״ א. אַנד.

די דאָזיקע שטאָט איז נאָך עד־היום אַ שטאָט פון לומדים און עיר שרובה ישראל מיט פיל וויכטיקע מוסדות פון צדקה.

די שטאָט סלאָנים איז אויך שוין פון גאַנץ לאַנג מפורסם אויף דער גאַנצער וועלט מיט אירע גרויסע רבנים. אין יאָר שצ״ו בערך איז אין סלאָנים געזעסן על כסא הרבנות דער גרויסער גאון ר׳ משה, דער מחבר פון „חלקת מחוקק״ אויף „שו״ע אה״ע״, וואָס דעם ש״ך׳ס פאָטער ר׳ מאיר האָט אויף אים געשריבן: „ממשה ועד משה לא קם כמשה״. נאָכדעם איז דער „חלקת מחוקק״ געוואָרן רב אין ווילנע און די גרויסע גאונים, דער ש״ך, דער בעל „שער אפרים״, דער בעל „ברכת הזבח״ און דער בעל „בית הלל״ זיינען געווען פון זיין בית־דין.

שפּעטער, אין יאָר תקל״ח, געפינען מיר אין סלאָנים אַלס רב דעם גרויסן גאון, מהנדס און בעל מקובל ר׳ שמשון, וועלכער האָט געגעבן זיין הסכמה אויף דער העתקה פון „אוקלידוס״ פון ר׳ ברוך שקלאָווער.

שפּעטער געפינען מיר אַלס רב ר׳ זעליג ר׳ יעסעלעס, אַן אייניקל פון ר׳ אליהו בעל שם, חעלמער רב, און אַלס שטאָט־מגיד פון סלאָנים דעם גרויסן גאון און דרשן ר׳ יהודה־ליב עדיל, מחבר פון „אפיקי יהודה״ און „מי נפתוח״, וועלכן דער ווילנער גאון האָט געבעטן אין יאָר תקנ״א, בעת ער איז געווען קראַנק, ער זאָל קומען צו אים משמח זיין אים מיט זיינע דרשות; ווי אויך אַלס ראב״ד ר׳ אשר ענזיל, מחבר פון „אותות למועדים״ און „ברוך מבנים אשר״. אין יאָר תקצ״ה בערך געפינען מיר אַלס רב ר׳ שלמה מינץ, דערנאָך דער גרויסער גאון ר׳ בערוש אשכנזי, דער מחבר פון שו״ת „נודע בשערים״, און אַז ר׳ בערוש אשכנזי איז געוואָרן רב אין לובלין, האָט מען אין יאָר תרי״ג בערך אויפגענומען פאַר אַ רב אין סלאָנים ר׳ אייזעלע חריף.

ר׳ אייזעלע סלאָנימער איז געבאָרן געוואָרן אין גלובאָקע לערך אין יאָר תקס״ה. זיין פאָטער ר׳ יחיאל איז געווען אַ חסיד פון ר׳ שניאור זלמן דעם בעל „התניא״. ער איז געווען אַ גרויסער צדיק. די חסידים פלעגן אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ בעל „רוח הקודש״. ער איז אויך געווען אַ גרויסער מופלג און אַ גרויסער יחסן. ר׳ יחיאלס פאָטער איז געווען דער מפורסמדיקער גאון און צדיק, ר׳ מרדכי, גלובאָקער רב, און פון דער מוטערס צד האָט ער געשטאַמט פון באַרימטן מינסקער רב ר׳ יחיאל היילפּערין, דעם מחבר פון „סדר הדורות״, נאָך וועלכן ער איז געווען אַ נאָמען. ר׳ יחיאלס שלשלת היוחסין ציט זיך ווייטער ביז צום מהרש״ל, רש״י, ר׳ יוחנן הסנדלר, רבן גמליאל, — ביז דוד המלך ע״ה.

ר׳ אייזעלע האָט נאָך כּמעט אַלס קינד, צו 7 יאָר, שוין אַרויסגעוויזן גרויס התמדה און חריפות און האָט באַקומען דעם נאָמען „אייזערנע קאָפּ״.

צו 12 יאָר ווערט ער אַן איידעם פון אַ מינסקער גביר ר׳ יצחק פיין, וואָס איז גראָד געווען אַ מתנגד. גלייך נאָך דער חתונה שיקט אים אָוועק זיין פאָטער ר׳ יחיאל צום גרויסן רבי ר׳ אהרן שטאַרשעלער, ביי וועמען ער ווערט אַ „חוזר" (ד״ה פלעגט איבערזאָגן און דערקלערן דעם רבינס חסידישע תורה פאַרן עולם). מען דערציילט, אַז דאָרטן איז ער קיין לאַנגע צייט ניט געווען.

דערנאָך איז ער פון נויט און אָרעמקייט געווען אויך אַ קורצע צייט אַ מלמד אויף די ישובים, וואו ער פלעגט בייטאָג לערנען מיט די תלמידים און גאַנצענע נעכט אַליין מיט גרויס התמדה.

אין יאָר תקצ״ב געפינען מיר שוין ר׳ אַייזעלען ווידער אין מינסק, — אין דער שטאָט, וואו זיין עלטער זיידע ר׳ יחיאל איז געווען רב, — בתור ראש־ישיבה און מגיד אין דער „חברה־קדישא״־קלויז, וואָרעם אויסער זיין גאונות איז ר׳ אייזעלע געווען אויך אַ גוואַלטיקער דרשן. מיט זיינע זעלטענע דרשות, זיסן מויל און שאַרפן וויץ פלעגט ער מרעיש עולם זיין.

אין מינסק האָט ר׳ אַייזעלע געלערנט מיט נאָך אַ גרעסערער התמדה טאָג און נאַכט, אַזוי, אַז ער האָט באַוויזן מיט זיין גרויסער השגה נאָך אין די יונגע יאָרן דורכצולערנען 69 מאָל ש״ס, ירושלמי און בבלי מיטן ראַ״ש און זיין בקיאות איז געווען מבהילדיק (אין זיין גאַנצן לעבן האָט ר׳ אַייזעלע דורכגעלערנט 360 מאָל ש״ס, אַלע חודש פלעגט ער ענדיקן ש״ס, וויסנדיק אַפילו דעם לשון פון רש״י אויסווייניק. ווען ר׳ אַייזעלע איז שוין געווען אַלט און קראַנק אויף די אויגן, פלעגט אים איינער פאָרזאָגן די גמרא און ר׳ אַיי־זעלע פלעגט שוין זאָגן אויסווייניק די גאַנצע רש״י מיטן לשון ריכטיק).

אין מינסק איז ר׳ אַייזעלע אַזוי מפורסם געוואָרן, אַז דער גרויסער גאון ר׳ זכריהו יאָלעס שרייבט צו אים פון לעמבערג אין יאָר תקצ״ג מיט גרויס כבוד און פאַרשיידענע טיטולים, ווי „ארי שבחבורה", „תני ומתני דלית ליה שיעורא", „חריף ושנון בפלפול וסברא הלא בשמו הקדוש יקרא מוהר״ר יהושע אַייזיק מ״מ דח״ק בק״ק מינסק"; ער באַדאַנקט אים דאָרט זייער, פאַרוואָס ער האָט איבערגעקוקט זיין קונטרס אין תורה (אין ספר „זכר ישעיהו סימן כ״א, כ״ב, כ״ג געפינען זיך די תשובות פון יאָלעש צו ר׳ אַיי־זעלען.

אין מינסק האָט ר׳ אַייזעלע געהאַט אויך גרויס התקרבות פון די גרויסע לומדים בעלי־בתים ר׳ זיסעלע ראַפּאָפּאָרט און ר׳ מיכל ישורון און געפינענ־דיק זיך אין זייער סביבה פון מתנגדים, איז ר׳ אַייזעלע אויך געוואָרן אַ מתנגד, אַ געגנער פון חסידים.

## 2

# ר׳ אײזעלע אַלס רב און מחבר.

מען דערצײלט, אַז אין יענער צײט האָט ר׳ מיכל ישורון געראָטן ר׳ אײזעלען, ער זאָל פאָרן צו ר׳ אבלי פּאָסוואָלער, דעם גרעסטן גאון פון יענער צײט, און אַרויסנעמען בײ אים אַ סמיכה. אַז ר׳ אבלי האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיט ר׳ אײזעלען אין לערנען, איז ר׳ אבלי נשתומם גע־וואָרן פון ר׳ אײזעלעס גרויס בקיאות אין בבלי און ירושלמי און פון גרויס התפעלות האָט ער אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּלײצע און געזאָגט צו די אַלע לומדים, וואָס זײנען דאָן געווען פול בײ אים אין שטוב, בזה הלשון: „דער קלײנינקער איז דאָך גאָר אַ גרויסער למדן״ (ר׳ אײזעלע איז געווען אַ נידע־ריקער).

און ר׳ אײזעלע האָט אַזוי אויסגענומען בײ ר׳ אבעלען, אַז ר׳ אבלי האָט אים געמאַכט פאַר אַ דײן אין קאַלוואַריע.

מען דערצײלט, אַז ווען ר׳ אײזעלע איז אָנגעקומען קײן קאַלוואַריע, האָט ער נאָך קײן פּוסקים ניט געוואוסט. מען האָט אים נאָר גענומען פאַר זײן גאונות. שפּעטער האָבן אָבער די שטאָטלײט אָנגעהויבן מתרעם זײן. אַז דאָס איז דערגאַנגען צו ר׳ אײזעלען, האָט ער זיך גענומען מיט גרויס התמדה און אויסגעלערנט די ד׳ חלקי שו״ע אין אַ משך פון דרײ פערטל יאָר אויף אויסווײניק.

אײניקע יאָר איז ר׳ אײזעלע געווען אין קאַלוואַריע צוזאַמען מיטן אַלטן רב ר׳ לײב ברוידאָ. דערנאָך, אַז ר׳ ליב איז נפטר געוואָרן (אין יאָר תקצ״ט), האָט ר׳ אײזעלע פאַרנומען זײן כסא־הרבנות, אָבער ניט אַלס רב (ווײל ער איז געווען זײער יונג), נאָר אַלס ראב״ד.

אין יענער צײט האָט זיך ר׳ אײזעלע גענומען מיט גרויס התמדה צו פאַרענדיקן זײן חיבור „עמק יהושע״, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן צו שרײבן, ווי מען דערצײלט, נאָך יונגערהײט און וואָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט אַלס גרויסער חריף אין בקי אין בבלי און ירושלמי.

דער „עמק יהושע״ באַשטײט פון צוויי חלקים: דער ערשטער טײל—פון פיר און צוואַנציק תשובות, חקירות און דינים פון שולחן־ערוך אין דער פאָרם פון שאלות און תשובות, און דער צווײטער טײל—פון דרושים. די הקדמה צום „עמק יהושע״ שרײבט ער מיט גרויס ענוות און מיט אַ זעלטענעם לשון. ער בעט ראשית, אַז דער, וואָס וועט מעיין זײן אין די תשובות, זאָל זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן למעשה, און ברענגט דערצו דעם ירושלמי פ״ג דמוע״ק „לא ילפינן עובדא מן בר נש זעיר״. והשנית בעט ער, אויב עמיצער וועט געפי־

נען אַ שגיאה, זאָל ער אים אָנזאָגן, וועט ער דערפאַר זייער דאַנקבאַר זיין. ער דערמאָנט, אַז דעריבער האָט ער גערופן דעם ספר „עמק יהושע", כדי ניט צו האַלטן זיך גרויס. צום סוף שרייבט ער, אַז דעם חיבור האָט ער געדרוקט בפקודת אָביו. דער חיבור איז געדרוקט אין וואַרשע, תר"ב, און מיט דעם דאָזיקן ספר האָט ר׳ אייזעלע זייער שטאַרק אויסגענומען אין דער גאַנצער לומדישער וועלט.

מען דערציילט, אַז ווען ר׳ אייזעלע איז געקומען מיט זיין חיבור צו ר׳ יצחק-מאיר, דעם בעל „חדושי הרי"ם", און מיט אים גערעדט אין לערנען, האָט זיך דער בעל חי׳ הרי"ם פונאַנדערגעוויינט פאַר גרויס התפעלות פון ר׳ אייזע-לעס חריפות און בקיאות.

אויך ווען ר׳ אייזעלע איז געקומען מיט זיין חבור קיין קאָוונע, זיינען די נכבדים און לומדים פון שטאָט, אויך דער גרויסער גאון און צדיק ר׳ ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, געגאַנגען פריער צו ר׳ אייזעלען אין אַכסניה אים מקבל פנים זיין און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

אויך אין וואַרשע, אַז ר׳ אייזעלע איז געקומען צו פאַרשפּרייטן זיין חבור „עמק יהושע", האָט ער געהאַט גרויס כבוד.

מען דערציילט, אַז ער האָט זיך דאַן צונויפגעטראָפן אין איין אכסניה מיטן מפורסמדיקן ווילנער שטאָט-חזן יואל דוד שטראַשונסקי (באַקאַנט אונטערן נאָמען דער „ווילנער בעל-הבית׳ל"). דער בעל הבית׳ל איז דאָרטן געקומען אָפּ-געבן אַ קאָנצערט פאַרן פּוילישן אַדל, לויט דער ביטע פון זיין לערער, דעם באַוואוסטן פּוילישן קאָמפּאָזיטאָר מאָניושקאָ. דאַן האָט מיטן בעל-הבית׳ל, דעם גרעסטן חזן אין יענער צייט, געקאָכט גאַנץ וואַרשע. אַלע גרעסטע לייט פון די יידן האָבן אים באַזוכט אין זיין אַכסניא, מ׳האָט אים געבראַכט די שענסטע מתנות, געפּראַוועט ביי אים טאָג און נאַכט סעודות און געטרונקען די בעסטע וויינען. און ר׳ אייזעלע איז געזעסן אין זיין צימער איינער אַליין און לא די וואָס קיינער האָט אים ניט באזוכט, האָט ער נאָך גאַנצענע טעג און נעכט קיין רו ניט געהאַט פון די באַזוכער פון חזן, וועלכע פלעגן אַלע ווילע קלאַפּן על פי טעות ביי אים אין צימער, און ר׳ אייזעלע האָט זיך נאָך געמוזט מטריח זיין גיין אַלעמען וויזן דעם צימער פון חזן. אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע טעג, ביז וואַנען דער בעל-הבית׳ל האָט אָפּגעגעבן דעם קאָנצערט. אויפן קאָנצערט האָט זיך דער בעל-הבית׳ל שטאַרק פאַרקילט און איז ערנסט קראַנק געוואָרן, אַזוי אַז מ׳האָט שוין צו אים קיינעם ניט צוגעלאָזן (ווי באַוואוסט, איז דער בעל-הבית׳ל פון דאַן אָן געוואָרן מרה-שחורהדיק און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן).

דערווייל האָט ר׳ אייזעלע דורך זיין משרת פאַרשפּרייט די ספרים אי-בערן שטאָט. וואַרשע איז דאַן געווען אַ שטאָט פון לומדים, אַז זיי האָבן מעיין געווען אין דעם „עמק יהושע" און דערזען זיין חריפות און בקיאות, האָבן אַלע גרויסע נכבדים פון וואַרשע באַזוכט ר׳ אייזעלען אין זיין אַכסניה,

מ׳האָט אים געבראַכט מתנות, פאַרבראַכט מיט אים אין לערנען און געפּראַוועט סעודות. דאַן פלעגט ר׳ אייזעלע זאָגן מיט אַ טרויעריקער שטים, אַז אַלע סעודות מיט די וויינען האָבן זיך איבערגעקליבן פון בעל-הבית׳ל צו אים.

אַז ער איז צוריקגעקומען קיין קאַלוואַריע׳ האָט זיך געמאַכט, אַז דער שטאָטישער בעל-קריאה איז זייער אַלט און שוואַך געוואָרן און עס האָט זיך ניט געהערט זיין קריאה. איז מען געקומען צו ר׳ אייזעלען. האָט ר׳ אייזעלע געזאָגט, מען זאָל נעמען אַן אַנדער בעל-קריאה, אַ יינגערן מיט אַ שטאַרקער שטים, אַז מען זאָל די קריאה הערן. איז געקומען דעם בעל-קריאה׳ס צד צו ר׳ אייזעלען טענה׳ן, אַז דער בעל-קריאה האָט דאָך אַ חזקה, ער איז דאָך שוין מער פון פערציק יאָר אַ בעל-קריאה. רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע מיט אַ וויץ: איר זייט דאָך לומדים, ווייסט איר דאָך, אַז צו חזקה מוז מען דאָך האָבן אַ „קול״; אַז ניט, איז די חזקה קיין חזקה ניט[1].

אין קאַלוואַריע איז ר׳ אייזעלע נאָכדעם שוין קיין לאַנגע צייט ניט פאַרבליבן. מען דערציילט, אַז דעריבער איז ר׳ אייזעלע אַוועק פון קאַלוואַריע, ווייל קאַלוואַריער קהלס-לייט האָבן אים אַלס אַ יונגן מאַן ניט געוואָלט געבן דעם טיטל רב, נאָר ראב״ד, דעריבער, אַז מען האָט אים אַריינגעשיקט אַ כתב-רבנות פון קוטנאָ, איז ער אַריבער אַהינצו.

---

[1]) ווי באַוואוסט, איז ר׳ אייזעלע געווען איינער פון די גדולים, וואָס זייערע שיחת-חולין האָבן אַ שם ביים עולם, ניט קוקנדיק, וואָס פון זייער פּטירה איז שוין אַוועק אַ סך יאָרן, ווי, למשל, ר׳ העשל, ר׳ יהונתן פּרענער, ר׳ ברוך מרדכי עטינגער, ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק א. אַנד. פאַרשפּרייטנדיק זיין חבור, איז ר׳ אייזעלען אויסגעקומען צו פאָרן זייער פיל מיט דער פור, ווייל קיין באַנען זיינען נאָך דעמאָלסט ניט געווען, און עס ווערט דערציילט זייער פיל וויצן פון ר׳ אייזעלען וועגן זיינע נסיעות. אייניקע פון זיי וועל איך דאָ ברענגען.

איינמאָל איז ר׳ אייזעלע געפאָרן צוזאַמען מיט אַ גביר ביינאַכט. האָט זיך די פור אויסגעקערט און זיי זיינען ביידע צוזאַמען אַריינגעפאַלן אין אַ גראָבן. רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע: „איצט געפינען מיר „תורה וגדולה במקום אחד״.

איינמאָל האָט דער פורמאַן ר׳ אייזעלען זייער דערקוטשעט. רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע צו אים: „איר ווייסט, פאַר וואָס רופט מען אָן פורמאַנעס בעלי-עגלות? ווייל מ׳איז ביי זיי אין גלות. וויל מען פאָרן, ווילן זיי דווקא רוען; וויל מען רוען, ווילן זיי דווקא פאָרן״.

איינמאָל אין וועג איז דער פורמאַן צוגעשטאַנען צו ר׳ אייזעלען: אַזוי ווי ער האָט געהערט אין קלויז, ווי דער מגיד האָט געזאָגט, אַז עס וועלן זיין צוויי משיחים, משיח בן יוסף און משיח בן דוד, זאָל ער אים זאָגן, צו וואָס דאַרף מען צוויי? רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע: איינער אויסצולייזן פון גלות און דער צווייטער אויסצולייזן פון די בעלי-עגלות.

ר׳ אַייזעלע איז אָבער אין קוטנע קיין צייט ניט געזעסן על כסא הרבנות, ווייל ער איז דאָרט אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות פון די חסידים. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ר׳ אַייזעלע האָט אַליין געשטאַמט פון חסידים, פונדעסטוועגן האָט ער אַלס גרויסער מתמיד, וואָס לא פסק פומא מגירסא און אַפילו אויף דער עלטער פלעגט ער, ווי מ׳דערציילט, האַלטן די פיס אין קאַלט וואַסער און לערנען גאַנצע נעכט און זיך זייער פיל געמאַטערט אויפן בבלי און ירושלמי[1], ניט פאַרטראָגן די הנהגה פון די חסידים מיטן פראַוון שטענדיק טישן מיט סעודות און געזאַנג, וואָס ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן ביטול צום לימוד התורה. ר׳ אַייזעלע אַלס אָפענער מענטש, וואָס האָט קיינעם ניט נושא פנים געווען, האָט צוליב דעם זייער פיל געליטן. מ׳דערציילט אויך, אַז ביי זיין אָנקומען אין קוטנע נעמען די רבנות, זיינען געווען דאַן צוויי קאַנדידאַטן אויפן כסא־הרבנות: ר׳ אַייזעלע דער מתנגד און ר׳ יצחק מאיר דער בעל חי׳ הרי״ם דער חסיד. האָבן זיך געבילדעט צוויי צדדים, און ר׳ אַייזעלע איז אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות פון ר׳ יצחק־מאירס צד; איינמאָל סוכות האָט מען געוואָרפן שטיינער אין זיין סוכה און ער איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן. דעריבער אַז דער גרויסער גאון און מקובל ר׳ יצחק־אַייזיק חבר, טיקטינער רב, איז געוואָרן רב אין סובאַלק און מען האָט ר׳ אַייזעלען אַריינגעשיקט אַ כתב־רבנות פון טיקטין, איז ר׳ אַייזעלע אַוועק פון קוטנע קיין טיקטין[2], דאָס איז געווען בערך אין יאָר תר״ט.

---

[1]) מ׳דערציילט: איינמאָל פאָרנדיק מיט זיינע חיבורים איז ער דורכגעפאָרן אַ קליינשטעטעלע. דאָרט איז געגאַנגען איינע זייער שווער צו קינד און קיין דאָקטאָר האָט איר ניט געקענט העלפן. איז מען צוגעפאַלן צו ר׳ אַייזעלען, ער זאָל מתפלל זיין, רופט ער זיך אָפּ: וואָס ווילט איר פון מיר? מען איז אָבער צו אים זייער שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער אויפגעהייבן די הענט צום הימל און געזאָגט: רבונו של עולם, זאָל דער זכות פון מיין מאַטערניש אויף דעם בבלי און דעם ירושלמי ביישטיין דער יולדת און אַראָפּנעמען איר מאַטערניש. ווי ער האָט נאָר אַרויסגערעדט די פאָר ווערטער, האָט זי תיכף געבאָרן אַ יינגל.

[2]) איינמאָל האָט מען ר׳ אַייזעלען פאַרבעטן אין קוטנע אויף אַ ברית. אַז מען האָט געדאַרפט געבן דעם קינד אַ נאָמען, האָט דער פאָטער געוואָלט אַ נאָמען געבן נאָך זיין זיידן. אַז מען האָט אים אָבער געפרעגט, ווי מ׳האָט גערופן דעם זיידן, האָט ער ניט געוואוסט. רופט זיך אָפּ ר׳ אַייזעלע: „גיט אים אַ נאָמען אברהם". דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז טאַקע אַזוי. אַז מען האָט געפרעגט ר׳ אַייזעלען, ווי אַזוי האָט ער געטראָפן, האָט ער געענט־

אין טיקטין איז שוין ר׳ אײזעלע געזעסן רואיק און דאָן האָט ער זיך גענומען צו זײַן צװײטן חיבור „נחלת יהושע״, װעלכער באַשטײט פון צװײ טײל: דער ערשטער טײל פון תשובות, און דער צװײטער פון דרושים, צום סוף קומט אַ הספד אויף זײַנע עלטערן, װעלכע זײַנען נפטר געװאָרן אין דער מגפה ט״ו באָב תר״ח. דעם ספר האָט ער געדרוקט אין װאַרשע תרי״א. מיט

פערט: „דאָס איז ניט קײן מופת, נאָר אַז דער פאָטער איז אַ תרח, דאַרף מען דעם זון רופן אַברהם״.

אײנמאָל האָט דער קוטנער בעדער געמאַכט אַ גרויסע סעודה און פאַרבעטן ר׳ אײזעלען, ער זאָל פאַרהערן זײַנע קינדער. נאָכן פאַרהער פרעגט דער בעדער ר׳ אײזעלען: „נו, װאָס זאָגט איר, רבי?״ רופט זיך אָפּ ר׳ אײזעלע: „זאָל מען דאָס זאָגן אויף מײַנע קינדער!״ אַז מ׳האָט ר׳ אײזעלען געפרעגט, װאָס מײנט ער מיט דעם, האָט ער געענטפערט: „פאַר זײער פאָטער דעם בעדער קענען זײ דאָך געװיס בעסער לערנען; הלװאי זאָל מען דאָס זאָגן אויף מײַנע קינדער, אַז זײ קענען לערנען בעסער פאַר זײער פאָטער.״

אין קוטנע איז אײנמאָל פאָרגעקומען בײַ אים אַ דין־תורה, װאו דעם חתנ׳ס פאָטער האָט געטענה׳ט, אַז דער כלה׳ס פאָטער דאַרף געבן קעסט, װײל ער האָט דאָך גענומען אַן אײדעם אַ למדן, װאָס דאַרף זיצן און לערנען. דער כלה׳ס פאָטער האָט אָבער געטענה׳ט, אַז אַזױ װי אויף דעם חתן ליגט דאָך דער חוב פון געבן מזונות, דעריבער דאַרף זײַן פאָטער געבן קעסט. ר׳ אײזעלע האָט, אויסהערנדיק די טענות, זיך אָפּגערופן מיט אַ װיץ. „מאן דיהיב חיה יהיב מזונה״. די כלה האָט מען גערופן חיה.

מ׳דערצײלט, אַז קוטנער קהל האָט דערנאָך זײער שטאַרק חרטה געהאַט, װאָס זײ האָבן אַרויסגעלאָזן אַזאַ גרויסן גאון, האָבן זײ געשיקט צו אים אַ שליח מיוחד מיט אַ נײַעם כתב רבנות. נאָר ר׳ אײזעלע האָט זײ געענטפערט מיט אַ װיץ: די גמרא זאָגט „קרי לה נערה וקרי לה קטנה אר״פ קטנה דמן נעורן״, באַװאָרנט תוס׳, הלמאי זאָגט מען ניט פאַרקערט, נערה דמן קוטנא, נאָר נעורן געפינען מיר אַ שטאָט, אָבער קוטנאָ איז קײן שטאָט ניט.

פון טיקטין װערן אויך דערצײלט אײניקע װיצן פון ר׳ אײזעלען.

דעם ערשטן יו״ט נאָך זײַן אָנקומען קײן טיקטין זײַנען געקומען די נכבדים אים מקבל פנים זײַן, האָט ר׳ אײזעלע געזאָגט פאַר זײ זײער שאַרפע תורה און אַזױ זאָגנדיק האָט ער זײ אַרײַנגעװאָרפן אַ װיץ אויפן מאמר „חיב אדם לקבל את פני רבו״,—װאָס עפּעס את פני רבו, האָט דאָך געקענט שטײן חייב אדם לקבל את רבו? נאָר דער תרוץ איז: מען דאַרף זען, אַז דער רבי זאָל האָבן אַ פנים. אויפן צװײטן יו״ט האָבן שוין די שטאָטלײַט אַרײַנגעשיקט אים אויף יו״ט זײער פיל מתנות. אַז זײ זײַנען נאָך יו״ט געקומען צו אים, האָט ער זײ געזאָגט, איצט קענט איר שוין קומען מקבל זײַן „פני״ רבו.

דעם דאָזיקן ספר האָט ר׳ אײַזעלע װײַטער זײַער גוט אויסגענומען אין דער לומדישער װעלט און דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ גרויסן נאָמען, אַז װען דער גרויסער גאון ר׳ בערוש אַשכּנזי איז אַװעק פון סלאָנים קיין לובלין, האָט מען אויף זײַן אָרט אין דער אַלטער שטאָט סלאָנים, װעלכע איז מפורסם מיט אירע גרויסע רבנים, אויפגענומען ר׳ אײַזעלען פאַר אַ רב בערך אין יאָר תרי״ג, און ער איז דאָרטן אָפּגעװען רב 20 יאָר ביז זײַן פּטירה ד׳ טבת תרל״ג.

## 4

אין סלאָנים האָט ער זיך גענומען נאָך מיט מער פלײַס צו זײַנע חבורים. דער ערשטער חבור, װאָס ער האָט מחבר געװען אין סלאָנים, הייסט „אבי הנחל״ („אבי״ איז אַ ר״ת אײַזיק בן יחיאל). דער ספר באַשטייט פון 31 דרשות, געבויט אויף הלכות פון ש״ס און פוסקים און איז געדרוקט אין קעניגסבערג אין יאָר תרט״ו[1]. אין דריי יאָר אַרום דרוקט ער זײַן ספר „שפת הנחל״, 28 דרשות אויף שבתות און מועדים, אויך געדרוקט אין קעניגס- בערג אין תרי״ט.

די ספרים האָט ער געדרוקט אין קעניגסבערג צוליב צענזור.

אויף די צװיי דרוש-ספרים האָבן זײַער אויסגענומען אין דער לומדישער װעלט. אָבער מערער פון אַלץ האָט ר׳ אײַזעלע אויפגערעשט מיט זײַן ספר „נועם ירושלמי״, אַ באור אויף ירושלמי זרעים (געדרוקט אין װילנע, אין יאָר תרכ״ג). ר׳ אײַזעלע מיט זײַן גװאַלטיקער חריפות און בקיאות אין בבלי און ירושלמי האָט אויסגעפונען די ריכטיקע גירסאות, װאָס עס האָט ממש אַלעמען די אויגן געעפנט. דער ספר „נועם ירושלמי״ איז עד-היום פון די בעסטע ספרים אויף ירושלמי. צוליב דעם דאָזיקן ספר איז ר׳ אײַזעלע געװאָרן זייער מפורסם אויף דער גאַנצער װעלט װי אײנער פון די גרעסטע גאונים און כמעט דאָס רוב מחברים פון יענער צײַט פלעגן קומען צו ר׳ אײַזעלען נאָך סמיכה און הסכמות[2] אויף זייערע ספרים, װיסנדיק, אַז ר׳ אײַזעלעס הסכמה אָדער סמיכה װעט זיי זייער צוניץ קומען.

---

[1]) מ׳דערציילט, אַז ר׳ אײַזעלע פלעגט זאָגן, אַז דרוקנדיק אין קעניגס- בערג זײַן ספר „אבי הנחל״, איז ער פאַרשװאַרצט געװאָרן. אַז מען האָט אים געפרעגט פאַרװאָס, האָט ער געענטפערט מיט אַ װיץ: „אין קעניגסבערג האָב איך געטרונקען שװאַרצע קאַװע אָן מילך״ (אויף זייערע מילך איז עפּעס געװען אַ חשש איסור).

[2]) װעגן זײַנע הסכמות דערציילט מען זייער פיל װיצן. אײניקע פון זיי װעל איך דאָ ברענגען:

אַ מחבר אַ מוסמך פון שטעטל דאַלני איז געקומען מיט זײַן חבור

זיצנדיק אין סלאָנים רואיק, פלעגט שוין ר׳ אַייזעלע מחבר זיין אַלע דריי־יאָר אַ חבור: אַזוי האָט ער אין יאָר תרכ״ו געדרוקט זיין צווייטן טייל „נועם ירושלמי״ אויף מועד און אין יאָר תרכ״ח דעם דריטן טייל — אויף נשים. אין

---

צו ר׳ אַייזעלען נאָך אַ הסכמה, ר׳ אַייזעלע האָט אַ ביסל מעיין געווען אין ספר און געזאָגט צום מחבר: „איר זייט טאַקע אַ „סמוך״, אָבער „אינו נראה״ (די גמרא אין מגילה זאָגט: „נראה ואינו סמוך, זה היושב בהר; סמוך ואינו נראה, זה היושב בעמק״).

אַ צווייטן מחבר, פון וועלכן ער האָט ניט געקענט פטור ווערן, האָט ער אָנגעשריבן זיין הסכמה, דערנאָך אַ שטיק אָפּגערוקט זיך געחתמעט. אַז מען האָט אים נעפרעגט: רבי, פאַרוואָס האָט איר דערווייטערט אַייער חתימה? האָט ער געענטפערט: ווייל עס שטייט דאָך אין דער תורה מפורש „מדבר שקר תרחק״.

אַ דריטער מחבר איז געקומען נאָך אַ הסכמה אויף זיינעם אַ פירוש אויף דער תורה, געשריבן אַרום פנים. האָט ר׳ אַייזעלע מעיין געווען און געשריבן אין זיין הסכמה, אַז דער פירוש איז „קרוב לאמת״ (ד״ה נאָענט צום פנים).

נאָך אַ מחבר איז געקומען צו ר׳ אַייזעלען אין אָוונט, ווען ר׳ אַייזעלע איז געווען זייער פאַרנומען. אַז ר׳ אַייזעלע איז געוואָרן פריי, האָט ער מעיין געווען אין ספר, דערווייל איז געוואָרן זייער שפּעט, רופט זיך אָפּ דער מחבר צו ר׳ אַייזעלען: „וואָס טוט מען, עס איז דאָך שוין זייער שפּעט, און דער דין איז דאָך — תלמיד־חכם אל יצא יחידי בלילה״? רופט זיך אָפּ ר׳ אַייזעלע צו אים: „בישקשה, נעמט אַייער ספר מיט זיך, וועלן שוין די מזיקים אייך ניט אָנרירן (זיי וועלן זען, אַז איר זייט קיין ת״ח ניט).

נאָך אַ מחבר איז געקומען נאָך אַ הסכמה, האָט ר׳ אַייזעלע אַ ביסל מעיין געווען און אָנגעשריבן בזה הלשון: „החזרת את העטרה ליושנה״. איז דער מחבר אַוועק מלא שמחה. אַז מ׳האָט געפרעגט ר׳ אַייזעלען וואָס דאָס באַטייט, האָט ער געענטפערט: „דאָס הייסט, ער האָט דאָס פּאַפּיר אומגעקערט ליושנה — בכן שבאַטעס איז דאָס פּאַפּיר געמאַכט געוואָרן און צו שמאַטעס האָט ער דאָס פּאַפּיר צוריק אומגעקערט״.

נאָך אַ מחבר איז געקומען מיט זיין חבור צו ר׳ אַייזעלען נאָך אַ הסכמה, אַז ר׳ אַייזעלע האָט מעיין געווען אין ספר, רופט ער זיך אָפּ צום מחבר מיט אַ וויץ: „סימן לעברה הדרוקין, ווייל ניט אַלץ וואָס מען טראַכט דאַרף מען ריידן און ניט אַלץ וואָס מען רעדט דאַרף מען שרייבן און ניט אַלץ וואָס מען שרייבט דאַרף מען דרוקן״.

נאָך אַ מחבר און אַן עם־הארץ איז געקומען צו ר׳ אַייזעלען מיט זיין חבור און אויפן שער איז געשטאַנען פאַרפאַסט: פון רד״ק (ד״ה ר׳ דוד קלמנס). אַז דער מחבר איז אַוועק, רופט זיך אָפּ ר׳ אַייזעלע: „ער האָט בעסער געדאַרפט שטעלן „דור״ק״, וואָלט עס הייסן דוד ר׳ קלמנס״.

דעם זעלבן יאָר האָט ער אויך געדרוקט דעם „עצת יהושע“ אויף „סבי דבי אתונא“. אין דער הקדמה איז ער מתפלל, ער זאָל ניט האָבן קיין „מיחוש עינים“, כדי ער זאָל קענען פאַרענדיקן דעם „נועם ירושלמי“, און אין אַ יאָר אַרום, תרכט, דרוקט ער דעם פערטן טייל „נועם ירושלמי“ אויף נזיקין.

ר׳ אייזעלע האָט זיך פאַרנומען ניט נאָר מיט זיינע חבורים, נאָר אויך זייער פיל מיט כלל־אַרבעט. אַזוי האָט ר׳ אייזעלע פאַרגרעסערט די אַלטע ישיבה פון סלאָנים און געבויט פאַר איר נייע גרויסע בנינים. ער האָט זיך אויך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט יעדן פּרט און, ווי מען דערציילט, האָט ער קיינעם ניט אָנטזאָגט אין שטיצע און שטענדיק געגאַנגען קלייבן נדבות[1].

5

אויסער זיינע טרדות אין דברים שבצדקה האָט מען נאָך זיך צו ר׳ אייזעלען אַלס מפורסם אין דער גאַנצער וועלט פאַר אַ גרויסן חכם געווענדט מיט אַלע האַרבסטע דין־תורות און ברירות, און ר׳ אייזעלע מיט זיין שאַרפן

---

[1]) וועגן זיין גיין קלייבן נדבות ביי די גבירים ווערן אויך דערציילט זייער פיל וויצן, למשל:

ער איז אַמאָל געקומען צו אַ קאַרגן גביר נאָך אַ נדבה. רופט זיך אָפּ צו אים דער גביר: „צי דען ווייסט איר ניט, אַז איך בין אַ בן־נח?“ רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע: „נח האָט דאָך אָבער געהאַט דריי זין, הייגט ווער זאָל דאָס וויס, אַז איר זייט עס „חם“?

צו אַ גביר איז ער געקומען נאָך מעות־חטים. האָט דער גביר גאָר ניט געגעבן. רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע צו אים: „איר מוזט מסתמא האַלטן, אַז „עץ הדעת תאנה היתה“, דעריבער גיט איר אַ פייג“.

אַמאָל איז ער אַריין צו אַ גביר אַפילו אַ פרומען, נאָר זייער אַ קאַרגן. ווי דער גביר האָט דערזען ר׳ אייזעלען, האָט ער זיך באַהאַלטן אונטערן גזייון און אויפן טיש איז ביי אים געלעגן אָפן אַ מוסר־ספר אויפגעמישט „שער הענוה“. רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע: „ער האָט בעסער געדאַרפט לערנען „שער הגאוה“, וואָלט ער זיך ניט געמאַכט אַזוי נידעריק“.

ר׳ אייזעלע פלעגט זאָגן: „וואָס איז די מעשה, וואָס אַ קאַליקן גיבן די גבירים אַ נדבה און אַ למדן ניט?“ — ווייל אַ קאַליקע, האָבן זיי מורא, קענען זיי אפשר אַמאָל ווערן, אָבער אַ למדן — קיינמאָל ניט“.

איינמאָל איז ר׳ אייזעלע געקומען צו אַ קאַרגן גביר נאָך מעות־חטים, האָט דער גביר זיך אַנטזאָגט צו געבן; דערביי האָט ער אים געפונען רייניקנדיק די קעשענעס פון חמץ, גיט ר׳ אייזעלע אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט: „איר דאַרפט ניט רייניקן די קעשענע, ווייל איר זייט דאָך אַ ייד ביזן קעשענע“.

מוח און קלוגן וויץ האָט אַלץ צורעכט געמאַכט אויפן בעסטן אופן, אַז די בעלי־דינים פלעגן זיין העכסט צופרידן. מען פלעגט זיך צו ר׳ אייזעלען אויך ווענדן אין כּלל־זאַכן, למשל, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער סכסוך אין דער וואָלאָזשינער ישיבה צווישן די גרויסע גאונים ר׳ יוסף בער און ר׳ הירש לייב, האָט מען ר׳ אייזעלען און די איבעריקע גרויסע רבנים געבעטן אויסצוגלייכן דעם סכסוך. דאָסזעלבע איז אויך געווען אין דעם סכסוך פון דער מירער ישיבה צווישן ר׳ חיים־לייב און דעם מירער רב.

צוליב זיין גרויס טרדות בייטאָג פלעגט ר׳ אייזעלען אויסקומען צו שרייבן זיינע חיבורים ביינאַכט.

ר׳ אייזעלע האָט געפירט זיין רבנות אין סלאָנים ביד רמה; אַלע האָבן געהאַט פאַר אים גרויס יראת־הכּבוד, ווער רעדט — די גבירים — זיי האָט ער אין זיינע דרשות גאָר ניט געשאַנעוועט, ווייל ער האָט קיינעם ניט נושא־פּנים געווען, און אַפילו די גרעסטע גדולים האָבן געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ, ער איז געווען הן מיט זיין תּורה הן מיט זיין חכמה אַ חד־בדרא. ווי אַלטע רבנים דערציילן, פלעגט ר׳ אייזעלע מיט זיין גרויסער השגה דורכ־לויפן אין אַ האַלבע שעה אַלע סוגיות פון ש״ס.

מ׳דערציילט, אַז איינמאָל אויף אַ שמחה, בשעת חדווה, האָט ר׳ איי־זעלע געזאָגט דעם תּלמוד ירושלמי אויף אויסווייניק אומעטום, וואו מ׳האָט אים נאָר געפרעגט. רופט זיך אָפּ איינער מיט אַ וויץ: „רבי! זאָגט אונז אויך אַזוי דעם תּלמוד בבלי אויף אויסווייניק!״ נעמט ר׳ אייזעלע און זאָגט ניט נאָר די גמרא אומעטום, וואו מ׳האָט אים נאָר אָנגעכאַפּט, נאָר אויך כּסדר די תּוספות, אַז אַלע זיינען פון גרויס התפּעלות בשתּומם געוואָרן.

פאַר ר׳ אייזעלען האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ אַפילו שרים פון די אומות העולם, און אַז זיי פלעגן דערזען ר׳ אייזעלען, פלעגן זיי זיך אָפּשטעל און באַגריסן אים מיט גרויס כּבוד, ווייל זיין פּנים האָט געשיינט ווי פון אַ מלאך אלקים.

ר׳ אייזעלע אַלס געבוירענער חסיד איז שטענדיק געווען פריילעך, מ׳האָט אים גאָר קיינמאָל ניט געזען עצבותדיק, פונדעסטוועגן איז זיין סדור נאָך יעדער תּפילה געווען דורכגעווייקט פון זיינע טרערן. און נאָך אַלעמען האָט ער דאָך קיינמאָל ניט מאַריך געווען אין זיין תּפילה¹), און כּסדר נאָר געלערנט און זיך עוסק געווען אין צדקה און פרומקייט און אַליין אַכטונג געגעבן אויף יעדער זאַך.

אַז מ׳האָט אים איינמאָל אָנגעזאָגט, אַז אין די באָד־שטיבלעך איז עפּעס

1) מ׳דערציילט: ר׳ אייזעלע פלעגט אויסגיין גיך שמונה עשרה, אַז מ׳האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס אַלע רבנים זיינען מאַריך? האָט ער געענטפערט מיט אַ וויץ: „אַלע רבנים גייען אויס נאָך קהל, אָבער אין סלאָנים גייט אויס קהל נאָך מיר״.

ניט אין אָרדענונג און עס קען נאָך קומען צו פריצות, האָט ער זיך גלייך געזעצט אויף אַ דראָשקע מיט זיין משרת, געקומען אַהין און ניט אַוועק פון דאָרטן, ביז מ׳האָט אַלץ אין אָרדענונג געמאַכט. ער האָט אויך זייער פיל אַכטונג געגעבן אויף די מלמדים, מען זאָל לערנען מיט די קינדער ווי עס באַדאַרף צו זיין. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז אַן אַלטער שוחט איז געקומען צו אים מיט אַ בקשה: אַזוי ווי ער איז אַלט און שוואַך, האָט ער מורא, טאָמער איז ער אפשר ניט אַזוי גוט מרגיש, וואָלט ער וועלן ווערן בעסער אַ מלמד. האָט ר׳ אייזעלע אַ טוף געטאָן מיטן פוס און געזאָגט: „וואָס? איר ווילט אַריבערגיין פון אַ איסור קל אויף אַ איסור חמור? ביי אַ בהמה איז דאָך מער ניט אַ חשש, טאָמער וועט איר אפשר ניט גוט דערקווילענען, אָבער די יונגע קינדערלעך — איז דאָך דאָ אַ חשש, אַז איר וועט זיי געוויס איינגאַנצן דערקוילען״.

אויך אין ישיבה פלעגט ר׳ אייזעלע אָפט קומען און אַכטונג געבן אויף די מלמדים מיט די ישיבה־לייט, און אַז ער פלעגט דערזען עפּעס אַ בעל־כשרון, פלעגט ער אים זייער מקרב זיין. איבערהויפּט האָט ער געלייגט אַכט אויף די יתומים און עלנטע.

מ׳דערציילט, אַז איינמאָל איז געקומען אַן אַלמנה מיט איר ייִנגעלע פון אַ קליין שטעטל קלאָגן פאַר ר׳ אויזעלען, אַז די גבאים פון דער ישיבה ווילן אים ניט צונעמען מיט אַ טענה, ווייל די גבירים פון שטעטל ווילן ניט צאָלן אויף דער ישיבה. האָט ר׳ אייזעלע פאַרהערט דעם ייִנגעלע און איז תיכף אַוועק אין דער ישיבה און גענומען מיט זיין גראָבן שטעקן קלאַפּן און שרייען אויף די גבאים: צי דען ווייל די גבירים ווילן ניט געבן קיין געלט, דאַרף מען דעריבער פייניקן די אַלמנה מיט איר יתום? און געהייסן תיכף אים צונעמען און באַשטימען פאַר אים אַ גרויסע תמיכה. אַ דאַנק ר׳ אייזעלען איז די סלאָנימער ישיבה געוואָרן איינע פון די גרעסטע ישיבות. זי איז באַשטאַנען פון 7 מחלקות און אין יעדער מחלקה האָבן זיך געפונען קרוב 90 קינדער מיט די בעסטע ראשי־ישיבות. פון די לעצטע ראשי־ישיבות איז געווען דער מפורסמדיקער סלאָנימער צדיק און גאון ר׳ אַברהם וויינבערג ז״ל, וועלכער פלעגט אָפט זאָגן אַ בלאַט גמרא צוויי וואָכן. דערנאָך ר׳ יהודה ווערניקאָווער ז״ל, דער מחבר פון ספר „פני יהודה״ א״אַ.

ר׳ אייזעלע האָט געהאַט גרויס כבוד ניט נאָר אין סלאָנים; אומעטום, וואו ער פלעגט קומען פאַרשפרייטן זיינע חבורים, פלעגט זיין אַ גאַנצער יום־טוב.

מ׳דערציילט, אַז פאַרנדיק פון סלאָנים קיין ווילנע דרוקן זייגע חבורים, פלעגט ר׳ אייזעלע דורכפאָרן זשעטל. און ווי מ׳פלעגט זיך נאָר דערוויסן, אַז ר׳ אייזעלע איז געקומען, פלעגט שוין ווערן אין שטעטל שמחה וששון. אַלע בעלי־בתים פלעגן צומאַכן די קראָמען, די בעלי־מלאכות פלעגן אַוועקוואַרפן זייערע וואַרשטאַטן און מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען ביים גרעסטן גביר פון

שטעטל. דאָרט פלעגט מען מאַכן אַ גרויסע סעודה און דער מרא־דאתרא און ר׳ אײזעלע פלעגן זאָגן שאַרפע תורה און מ׳פלעגט טאַנצן און זינגען אַזוי ווי שמחת־תורה.

אַז ר׳ אײזעלע האָט זיך אַרויסגערעדט פאַר די פני העיר, אַז ער איז פון דעם ניט צופרידן מחמת בטול מלאכה און מסחר, האָבן זיי אים געענט־פערט: „רבי, מיר ווילן, אַז אונזערע קינדער זאָלן זען דעם כבוד התורה, כדי ביי זיי זאָל זיך אויך דערוועקן אַ גרויסער חשק צום למוד התורה".

נאָך זיין גרויסער און וויכטיקער אַרבעט פון די פיר חלקים „נועם ירו־שלמי" אויף תלמוד ירושלמי האָט ר׳ אײזעלע אַרויסגעגעבן אַ קלענערן חבור „מרבה עצה" אויף די מאמרים פון רבה בר בר חנה[1]). אין זיין ספר „מרבה עצה" ברענגט ער וויפיל מאָל דעם „תקוני זוהר" און דעם „מורה נבוכים", וואָס ווייזט, אַז אויסער וואָס ר׳ אײזעלע איז געווען אַ גרויסער בקי אין אַלע מדרשים, איז ער אויך געווען אַ בקי אין קבלה און חקירה־ספרים. דעם „מרבה עצה" (אַזוי ווי זיינע פריערדיקע ספרים) האָט ר׳ אײזעלע געדרוקט אין ווילנע (תר"ל). מ׳דערציילט, אַז תיכף נאָך שבועות פלעגט שוין ר׳ אײזעלע קומען אין ווילנע מיט זיין משרת און פאַרפאָרן אויף ווילנער גאַס אין זעלבן הויף, וואו ס׳איז געווען דוואָזשעצעס דרוק, אין וועלכן ער האָט געדרוקט זיינע ספרים. דאָרט האָט ער שוין געהאַט זיין סטאַנציע און זיין אייגענעם מנין און דאָרט איז שוין געוואָרן אַ בית־ועד פון אַלע גדולי ווילנע, וועלכע פלעגן קו־מען הערן זיין תורה און חכמה. בכלל האָט מען ר׳ אײזעלען אין ווילנע זייער גרויס כבוד אָפּגעגעבן[2]). ער איז דאָרט געווען זייער באַפריינדעט מיטן

---

1) אַז מ׳האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס מאַכט ער עפּעס קליינע חבורים, האָט ער געענטפערט: ספרים זיינען דאָך ביי די בעלי־בתים אַ עקזעקוציע, איז בעסער אַ קליינע עקזעקוציע.

מ׳דערציילט טאַקי, אַז איינער אַ זקן פון זיינע מקורבים האָט אים געפרעגט מיט אַ וויץ: רבי! די גמרא זאָגט דאָך — תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם — טאָ ווי קומט עס, אַז אייערע ספרים זיינען איצטער שוואַכער און קלענער? האָט אים ר׳ אײזעלע מניה וביה צוריק געענטפערט: עס שטייט דאָך אָבער אויך, אַז „זקני עם הארץ כל זמן שמזקינין טפשות נתוספת בהם", און איר זייט דאָך עלטער געוואָרן — פאַרשטייט איר ניט.

2) פון ר׳ אײזעלעס זיין אין ווילנע דערציילט מען זייער פיל וויצן. איי־ניקע פון זיי וויל איך דאָ ברענגען:

עס זיינען צו אים געקומען אַ פּאָר בחורים ישיבה־לייט נאָך סמיכה, איינער אַ בקי, דער אַנדערער אַ חריף. האָט ער דעם בקי געגעבן סמיכה און דעם חריף ניט. אַז מ׳האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס, האָט ר׳ אײזעלע געענט־פערט באָר פשוט: „סיני ועוקר הרים סיני עדיף, ווייל ווען דער חריף זאָל

גרויסן מורה־הוראה ר׳ אליהו אליעזר, אויך מיט די ברידער גאונים ר׳ בצלאל און ר׳ שלמה און איבערהויפּט מיט ר׳ שלמה׳לען, וועלכען ער פלעגט איבערגעבן מגיה זיין זיינע ספרים. בעת ר׳ אַייזעלע פלעגט אָוועקפאָרן קיין ווילנע צו דרוקן זיינע חבורים, אָדער פאַרשפּרייטן זיי אין דער וועלט, פלעגט אים אויסקומען אַ גאַנץ זומער צו ז״ן אַונטערוועגס¹) און ערשט אין אלול

---

אַפילו וועלן עוקר זיין דעם הר סיני, וועט ער צוליב זיינע חריפות ניט וויסן וואו דער „הר״ איז.

נאָך אַ בחור איז געקומען מיט זיין פאָטער נאָך סמיכה, האָט ער אים ניט בעגעבן און געזאָגט דעם פאָטער, אַז זיין זון איז אַ „מלאך אלקים״. איז דער פאָטער אַוועק מלא שמחה. אַז מ׳האָט ר׳ אַייזעלען דערנאָך געפרעגט: סטייטש, ער איז דאָך אַ בור דאורייתא, פאַר וואָס האָט ער אים גערופן „מלאך״. רופט זיך אָפּ ר׳ אַייזעלע: דאָס מיין איך דאָך, ווייל „לא נתנה תורה למלאכי השרת״...

אַ ווילנער מורה הוראה איז געקומען צו ר׳ אַייזעלען מיט אַ זון און אַ איידעם, און געבעטן זיי פאַרהערן און געבן סמיכה. האָט ער דעם זון געגעבן און דעם איידעם ניט. אַז מ׳האָט אים געפרעגט: סטייטש, דער איידעם איז דאָך דער זעלבער למדן, וואָס דער זון? האָט ר׳ אַייזעלע געענטפערט: קיין בעסערן זון האָט ער דאָך ניט געקענט נעמען, אָבער אַן איידעם האָט ער דאָך געקאָנט נעמען אַ גרעסערן למדן.

¹) אַ ווילנער משכיל אַ מגולח איז געקומען צו ר׳ אַייזעלען און זאָגט: רבי! איר זייט דאָך עפּעס אַ חכם, וועל איך עפּעס פרעגן. מ׳זאָגט, אַז מ׳זעט אַ רב, שטעלט מען זיך, און אַז מ׳זעט אַ הונט, זעצט מען זיך; ווי טוט מען, אַז מ׳זעט אַ רב מיט אַ הונט צוזאַמען? רופט זיך אָפּ ר׳ אַייזעלע: לאָמיר ביידע אַרויסגיין אין גאַס, וועלן מיר שוין זען...

נאָך אַ ווילנער משכיל אַ מגולח איז געקומען צו ר׳ אַייזעלען און זאָגט צו אים: רבי: קוקט ניט, וואָס איך בין אַ משכיל, איך בין „אי פליישיק אי מילכיק״. ענטפערט אים ר׳ אַייזעלע: „אויב מילכיק און פליישיק, זייט איר דאָך גאָר אַ טרפה״.

איינמאָל האָט מען ר׳ אַייזעלען, בעת ער איז געווען אין ווילנע, איינגעלאַדן אויף אַ ברית אין אַנטאָקאָליע, זיינען געקומען ביידע רבנים פון אַנטאָקאָליע. רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע מיט אַ וויץ: אַזאַ אָרים טויט קליינשטעטעלע און צוויי רבנים — „וגם את המת יחצון״.

אומעטום, וואוהין ר׳ אַייזעלע פלעגט נאָר קומען, פלעגט דער רב מיט די בעלי־בתים קומען אים מקבל פנים זיין, נאָר איינמאָל איז ר׳ אַייזעלע געקומען אין אַ גרויסע שטאָט, וואו דער רב איז געווען עפּעס ניט געזונט; איז שוין ר׳ אַייזעלע געגאַנגען צו אים מבקר חולה זיין; די רבצין, ניט וויסענדיק ווער ער איז, האָט אים ניט אַריינגעלאָזן, האָט ר׳ אַייזעלע אָנגעשריבן אַ צע־

פלעגט ער זיך אומקערן צוריק אין סלאָנים. פלעגט ר׳ אײזעלע שוין אויף זיך אַליין זיך ווײצלען און זאָגן: „אַ נס וואָס סלאָנים וויל מיר ניט אַנטזאָגן, וואָרום אויב זײ וואָלטן יאָ ווען, וואָלטן זײ מיך קײנמאָל אין דער היים ניט געפונען[1]).

אין צוויי יאָר אַרום, אין יאָר תרל״ב, דרוקט ער אין ווילנע זײן עלפטן און לעצטן ספר „מרבה תבונה״, דרשות און מוסר.

ר׳ אײזעלע האָט געלעבט אין אַ צײט פון גרויסע גאונים, ווי ר׳ ישראל סאַלאַנטער, דער מלבים, ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ יוסף בער, ר׳ לײבעלע קאָוונער און אַנדערע גרויסע גאונים, אָבער אויך דאַן האָט ער מיט זײנע גרויסע בקיאות און חריפות זיך גערעכנט פאַר אײנעם פון די גדולי הדור. ר׳ אײזעלע איז געווען, ווי געזאָגט, אַ מענטש אַ פרײלעכער, האָט קײנמאָל ניט געוואוסט, וואָס עצבות איז, און דערצו נאָך אַ האַסטיקער, האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַ ווערטל אויף אַ גדול[2]). אָבער דאָס איז אַלץ ביי אים געווען מער ניט צוליב מילי

---

טעלע, אַז חזקיהו טאַקי האָט געדאַרפט זײן קראַנק און זיך געהתחמעט „אײזל הריף״. אַז די רבצין האָט איבערגעגעבן דעם רב דאָס צעטעלע און דער רב האָט דערזען ר׳ אײזלס חתימה, האָט ער גלײך געשיקט שלוחים נאָך שלוחים צו ר׳ אײזעלען איבערבעטן. אַז ר׳ אײזעלע איז געקומען, פרעגט אים דער רב: „זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר מיט דעם געמײנט?״ מאַכט ר׳ אײזעלע: „גאָר פשוט, עס איז דאָך געווען אַ קלער, ווער זאָל גײן צו וועמען, מלך חזקיהו צו ישעיה הנביא, אָדער ישעיה הנביא צו חזקיהו המלך, האָט דעריבער דער רבש״ע געמאַכט חזקיהון קראַנק, האָט שוין ישעיה געמוזט גײן צו אים מבקר חולה זײן. איז דאָך אַ קשיא: פאַרוואָס האָט ניט געמאַכט דער רבש״ע פאַרקערט, ישעיה הנביא קראַנק, וואָלט דאָך חזקיהו געגאַנגען אים מבקר חולה זײן? נאָר דער תירוץ איז—חזקיהו איז געווען אַ בחור, האָט ער טאַקי געדאַרפט זײן קראַנק, וואָרום ווען ישעיה וואָלט געווען קראַנק, וואָלט זײן פרוי די רבצין צו אים ניט אַרײנגעלאָזן.

1) אײנמאָל האָט ר׳ אײזעלע באַגעגנט דעם דאָקטאָר פון סלאָנים. רופט ער זיך אָפּ צו אים: מילא, מיר וואוינען אין סלאָנים, ווייל מיר ווייסן, אַז עס איז דאָ דאָ אַ דאָקטאָר, אָבער איר, וואָס איר ווייסט, אַז אין סלאָנים איז ניטאָ קײן דאָקטאָר, ווי אַזוי וואוינט איר דאָ? עס שטײט דאָך „כל עיר שאין בה רופא, אסור לדור בה״?...

אײנמאָל האָט ער אָנגעגעגנט די חברה-קדישא, גײענדיק פון בית-עולם בגלופנדיק. רופט זיך אָפּ ר׳ אײזעלע: מערקווירדיג, זײ גײען פון עולם האמת מיט פיס פון שקר. ער האָט אויך געזאָגט: עפרן איז אַלע מאָל חסר, נאָר בײ דער קבורה איז ער מלא.

2) עס איז למשל באַקאַנט זײן מסורה אויף די ספרים, וועלכע זײנען געדרוקט געוואָרן אין זײן צײט: „משרת משה״, אילנא דחיי״, „באר יצחק״, „בית

דבדיחותא וועגן. אין דער אמתן אָבער האָט ער געהאַט גרויס דרך-ארץ פאַר די גדולים פון זיין צייט. מ׳דערציילט, אַז ער פלעגט זאָגן, אַז צווישן מינסק און ווילנע ליגט אַ לייב. אַז מ׳האָט אים געפרעגט, ווער איז דער לייב, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז ר׳ לייבעלע סמאָרגאָנער: „אַז וועלכע שארפע תורה איך האָב אים געזאָגט, האָט ער מיר באַוויזן, אַז דאָס געפינט זיך אַלץ אין רש״י״. מען ווייס אויך, אַז ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון מלבים און פון די איבעריקע גדולים פון זיין צ״ט.

דאָס גלייכן, ניט קוקנדיק וואָס ער האָט אָפטמאָל געזאָגט אַ וויץ אויף די חסידים, האָט ער אָבער אינדעראמתן פון זיי זייער שטאַרק געהאַלטן. מ׳דערציילט, אַז איינמאָל האָט איינער פאַר אים זיך עפּעס שלעכט אָפּגערופן וועגן די חסידים, איז ר׳ אייזעלע אויפגעשפרונגען און געזאָגט, אַז די הייסע יידן זיינען פאָרט די חסידים. ביי זיי איז שטאַרק די אמונה, בטחון און יראת-שמים. זיי טראָגן גאַנצע יידישע בערד[1]) און יידישע מלבושים, דען דאָס חיצוניות איז אַ שמירה אויפן פנימיות: די נשמה מוז האָבן אַ גוף און אַז מען וויל אָפּהיטן דעם גוטן וויין, מוז מען האָבן אַ חבית, אַז ניט — איז עס בבחינת שבור את החבית ושמור את יינה.

צוליב זיינע גרויסע חריפות און צדקות פלעגט ר׳ אייזעלע אַליין קיין שאלות ניט פסקענען, נאָר אַלע שאלות אָפּשיקן צום גרעסטן מורה-הוראה פון סלאָנים, ר׳ שרגא פייטל פיינשטיין ז״ל[2]). מען דערציילט, אַז איינמאָל איז אַ

---

הלוי״ און זיין „עמק יהושע״, אויף וועלכע ער האָט געזאָגט מיט אַ וויץ: זאָל קומען דער משרת משה, מאַכן אַ בעזים פון אילנא דחיי, איינטונקען אין באר יצחק און אויסקערן דעם בית הלוי און אַריינקערן אין עמק יהושע.

1) מ׳דערציילט, אַז איינמאָל זיינען געקומען צו ר׳ עקיבא אייגער בעלי-בתים פון אַ שטאָט פאָרלייגן אים אַ כתב רבנות. איז אַריין צוזאַמען מיט די בעלי-בתים אויך דער בעל-עגלה. ווי ר׳ עקיבא אייגער, דער גרויסער גאון און צדיק, וואָס האָט געהיט זיין באָרד אין אַ זילבערנער שייד און האָט געלעבט אין דייטשלאַנד, ווו אַ יידישע באָרד איז שוין געווען אַ זעלטענהייט, און דאָ האָט ער דערזען עטלעכע יידן מיט גרויסע לאַנגע שיינע בערד, האָט ער זיך דערפרייט און גענומען טאַנצן פאַר שמחה, און פון גרויס התפעלות געקושט זייערע בערד, און אַזוי האָט ער דעם בעל-עגלה׳ס באָרד אויך אַ קוש געטאָן. דער בעל-עגלה איז געווען אַ כאַפּער פון סאָלדאַטן און קומענדיק צוריק אַהיים האָט ער געזאָגט: „וויבאַלד דער גרויסער גאון און צדיק ר׳ עקיבא אייגער האָט אַ קוש געטאָן מיין באָרד, וועל איך שוין פאַר קיין געלט אויף דער וועלט מער קיין כאַפּער ניט זיין״, און ער פלעגט שוין אין זיין לייזיקע צייט זיצן שטענדיק אין שול און זאָגן תהילים מיט גרויס בכיות.

2) ר׳ שרגא פייטל איז געווען מער ווי פופציק יאָר מו״ץ אין סלאָנים. ער

יידענע געקומען צו אים מיט א שאלה, ר׳ אייזעלען האָט די שאלה זייער פאַר־
אינטערעסירט און ער האָט געהייסן דער יידענע א ביסעלע צוואַרטן. ר׳ אייזעלע
האָט זיך דערווייל זייער פאַרטיפט אין דעם ענין, אַנגעוואָרפן בערג מיט ספרים
און וואָס ווייטער זיך אַלץ מערער און מערער פאַרטיפט, ביז וואַנעט עס איז
שוין געוואָרן זייער שפעט. אז ר׳ אייזעלע האָט זיך א ביסל אַרומגעטאָן מיט
דעם ענין, האָט ער זיך אַזוי אָפּגעקערט און א קוק געטאָן אָן א זייט, ערשט
ער זעט — אַ יידענע זיצט ביי אים אין צימער. רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע צו
דער יידענע: „וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפעט?" ענטפערט זי זיך אָפּ: „רבי,
איך וואַרט דאָך אויפן פסק פון דער שאלה". ר׳ אייזעלע האָט עפּעס אַזוי ווי
א ציטער געטאָן, איר איבערגעבעטן און געזאָגט, אז נאָכן פסק אויף דער שאלה
זאָל זי זיך מטריח זיין צו ר׳ פייטלען. פון דעמאָלט אָן פלעגט שוין ר׳ אייזע־
לע שיקן אַלע שאלות צו ר׳ פייטלען.

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז דער עלפטער ספר „מרבה תבונה"
שוין געווען דער לעצטער חבור זיינער. ער האָט אפילו געשריבן דערנאָך
אויך חידושי־תורה און מ׳דערציילט, אַז איינמאָל ביינאַכט, אַזוי ווי אַלע מאָל, איז
ער געזעסן און געשריבן זיינע תורה (דאָס איז געווען ד׳ טבת תרל״ג, אויפן
זיבעציקסטן יאָר פון זיין לעבן). מיטאַמאָל איז אים געוואָרן ניט גוט און ער האָט
געבעטן ברענגען א דאָקטאָר. עס איז געוואָרן א גרויסער רעש, מ׳האָט באַלד
געבראַכט א סך דאָקטוירים, וועלכע האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו ראַ־
טעווען דעם גרויסן גאון, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן און אין א
קורצער צייט אַרום איז ער נפטר געוואָרן און זיין נשמה איז אַרויף בנשיקה
אין הימל אַריין.

אַז מ׳האָט אין שטאָט זיך דערוואוסט פון דער פּלוצלונגער פּטירה פון
גרויסן גאון און צדיק, איז אין שטאָט געוואָרן חשך אפלה, ווייל ר׳ אייזעלע
איז געווען מיט זיין גוטסקייט און חכמה ביי אַלעמען זייער באַליבט, און פון
קליין ביז גרויס איז מען געגאַנגען צו דער לוויה. מ׳האָט זיין ארון אַריינגע־
טראָגן אין סלאָנימער גרויסער שול און אַוועקגעשטעלט לעבן ארון־קדש, וואו
ער פלעגט זאָגן זיינע פייערדיקע דרשות. דער קעלמער מגיד, ר׳ משה דרשן
ז״ל[1]), וועלכער איז דאַן געווען מ״מ אין סלאָנים, האָט אים מספּיד געווען, די
בכיות זיינען געווען שרעקלעך און דער גאַנצער עולם האָט געריסן צווי קרי־
עות, ווי דער דין פון א ספר־תורה, וואָס ווערט פאַרברענט ח״ו און אויפן

---

איז געווען פון די מפורסמדיקע מורה הוראות אין זיין צייט און איז נפטר גע־
וואָרן כ״ה טבת תרל״ט

1) ר׳ משה דרשן איז נפטר געוואָרן אין לידע אין יאָר תר״ס און פון
אים איז פאַרבליבן א ספר „תוכחת חיים" אויף דרוש, געדרוקט אין ווילנע
תרנ״ז.

בית־עולם האָט אויף אים געזאָגט אַ הספד דער באַוואוסטער סלאָנימער גביר און גרויסער למדן ר׳ הירש אַרקין ז״ל[1].

מ׳דערציילט, אַז צו זיין מיטה האָט מען קיינעם ניט צוגעלאָזן, סיידן דעם, וועמ'ער עס איז געגאַנגען פריער טבילה, און פאַר אַלע כבודים אויפן בית־עולם, ווי טהרה, הלבשה און אַריינלייגן אין קבר, האָט מען געגעבן גרויסע נדבות פאַר דער ישיבה און עס האָט זיך פון דעם צונויפגעזאַמלט עטלעכע טויזנט רובל. מ׳האָט אויף ר׳ אַייזעלען אויך געמאַכט אומעטום גרויסע הספדים. אין דעם הספד, וואָס ר׳ יוסף בער האָט געמאַכט אויף אים אין בריסק, האָט ער אים אָנגערופן ״החרש והמסגר״; אויך אין ספר ״אבל כבד״ פון ר׳ בנימין פון באָוואַרעדאָק (געדרוקט אין ירושלים תרל״ה) געפינט זיך אַ הספד אויף ר׳ אַייזעלען ז״ל.

דאָס איז דער נוסח פון זיין מצבה: ״פה מנוחת כבוד אדמו״ר הגאון הגדול האמיתי מאור הגולה גאון ישראל וקדושו רשכבה״ה נר ישראל עמוד הימיני פטיש החזק וכו׳״.

פון ר׳ אַייזעלען זיינען געבליבן צוויי זין, ר׳ בער און ר׳ משה. ר׳ בער איז געווען אַ גאון אין תורה, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות און האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר אין אָסטראָווע. ער איז געווען אַ פה קדוש און זיינע חידושי תורה אויף גמרא געפינען זיך צום סוף פון ״עמק יהושע״ הוצ׳ ב׳ מיטן פירוש ״שפת העמק״, וואָס זיין ברודער ר׳ משה ריגער רב האָט אָפגעדרוקט.

ר׳ אַייזעלעס צווייטער זון, ר׳ משה, איז געבאָרן געוואָרן אין קוטנע אין יאָר תקצ״ה. אין דער יוגנט האָט ער געלערנט ביי זיין פאָטער און איז אויך געוואָרן מפורסם פאַר אַ גרויסן גאון און חריף.

חתונה געהאַט האָט ר׳ משה שאַפּירא אין וועקשנע און פאַרנומען זיך מיט מסחר, נאָר ווען ער האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצן פאַרמעגן אין מסחר, האָט ער אָנגענומען וועקשנער רבנות, אַלט זייענדיק דאַן אינגאַנצן דרייסיק יאָר. זייענדיק רב אין וועקשנע האָט ער אין יאָר תרל״ב אַרויסגעגעבן זיין ספר ״פני משה״. אין יאָר תרל״ג איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין ווילקאָמיר. און אין יאָר תרמ״ב — פאַר אַ רב אין ריגע.

ר׳ משה שאַפּיראָ האָט זיך ניט מצמצם געווען אין די ד׳ אמות של הלכה און אויך אַ סך צייט אָפּגעגעבן פאַר כלל־ענינים. אַזוי, בעת אין יאָר תרמ״ד איז אַרויס די גזרה, אַז אידן מוזן פאַרלאָזן דעם באַלטישן קאַנט, האָט ר׳ משה ניט גערוט און אָפּגעהאַלטן אסיפות מיט די באַוואוסטע כלל־טוער באַראָן נפתלי הערץ גינזבורג און שמואל פּאָליאַקאָוו, און נאָך אַ סך מסירת נפשדיקע אַרבעט האָט זיך דעם גאון איינגעגעבן, מבטל צו מאַכן די גזרה. אָבער אין אַ יאָר

1) זיין קונטרס חידושי תורה אונטערן נאָמען ״הצב״א״ (ר״ת צבי בן אהרן) געפינט זיך צום סוף פון ספר ״דרכי מרדכי״ פון ר׳ מרדכי אב״ד לונא.

אַרום איז די גזרה ווידער באַנייט געוואָרן. האָט ר׳ משה ווייטער ניט גערוט און די גזרה אַראָפּגענומען.

דער דעמאָלטיקער גובערנאַטאָר זינאָוויעוו האָט זיך דורך אַ מסירה דערוואוסט, אַז ר׳ משה מאַכט חוזק פון אים און איז מבטל זיינע גזרות. האָט ער דערלאַנגט אַ מסירה אין פעטערבורג, אַז ר׳ משה פאַרט אָפּט פון ריגע קיין פעטערבורג אַגיטירן קעגן מלכות... און מ׳האָט ר׳ משהן אונטער אַ וואך פון זשאַנדאַרמען אָפּגעפירט אין תפיסה. אַז מ׳האָט זיך אין פעטערבורג דערוואוסט, האָבן די כלל־טוער תיכף אויסגעפועלט, און מ׳האָט ר׳ משהן באַפרייט.

טאָג און נאַכט איז ר׳ משה׳ס שטוב אין ריגע געווען אַ זאַמל־פונקט פון די פאַרשיידנסטע יידישע גדולים. מ׳האָט געקענט ביי ר׳ משה אין שטוב טרעפן ביי איין טיש זיצן די גאונים ר׳ שמואל מאָהליווער און ר׳ חיים בריסקער און צווישן זיי ד״ר קאַצענעלסאָן, פּראָפ׳ כוואָלסאָן, אדוואָקאַט שלאָס־בערג א. א.

ר׳ משה איז געווען אַ גרויסער בעל הדרת פנים און אַ גרויסער חכם. אין פאָלק גייען אַרום זיינע פיל שאַרפזיניקע ווערטלעך. פון ר׳ משה זיינען פאַרבליבן דידאָזיקע חבורים: „פני משה״ אויף פסחים, „פני משה״ אויף הגדה ש״פ, „שפת העמק״—אַ פירוש אויפן „עמק יהושע״ פון זיין פאָטער ר׳ אייזעלע, „ברכת משה״—באורים אויף תנך און „דרשות מהר״ם״.

ר׳ משה איז געשטאָרבן אין ריגע אין עלטער פון 76 יאָר ג׳ טבת תרע״א תנצב״ה.

פון זיינע קינדער איז איינער, ר׳ שבתי, אַ רב אין גאָרסט, זיין איידעם ר׳ מענדל אַווין, אַ רב אין ריגע, און די איבעריקע זיינען סוחרים.

---

ר׳ אייזעלעס איידעם איז געווען דער גרויסער מפורסמדיקער גאון ר׳ יוסף שלופער ז״ל.

ר׳ יוסף שלופער איז געבאָרן געוואָרן ביי רייכע עלטערן אין דענעבאָרג כ״ב שבט תר״א.

זיין פאָטער, ר׳ הירש, איז געווען אַ ליבאַוויטשער חסיד און אַ גרויסער בעל־צדקה. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם „גמילות־חסד״ און „הכנסת כלה״ און מ׳האָט אים גערופן אין דענעבאָרג „ר׳ הירשעלע נגיד״.

צו דריי יאָר האָט מען ר׳ יאָסעלען אָפּגעגעבן אין חדר, און מיט זיין שאַרפן שכל און מערקווירדיקן זכרון האָט ער איבערגעיאָגט אין איין חודש אַפילו די גרעסערע תלמידים. ביז 12 יאָר האָט ער געלערנט אין דענעבאָרג ביי די בעסטע מלמדים. דערנאָך, אַז מ׳האָט אין דענעבאָרג פאַר אים קיין רבין ניט געפונען, איז ער ערשט אַוועק צו זיין פעטער, דעם פריילער רב ר׳ הערץ.

ביי אים האָט ער געלערנט מס׳ חולין. צווישן זיין פעטערס ספרים האָט ער געפונען ר׳ יהונתן פרעגערס ספר „כרתי ופלתי״ און אים אויסגעלערנט קלאָר אויף אויסווייניק, און ערשט דאַן הויבט ער אָן אַרויסצווייזן זיין חריפות און באַקומט דעם נאָמען „דענעבאָרגער עילוי״.

אין אייניקע יאָר אַרום קומט ער אָן אין וואָלאָזשינער ישיבה, וואו ער רעכנט זיך צווישן די בעסטע תלמידים. מ׳דערציילט טאַקע, אַז פאַר אַן איידעם האָט אים ר׳ אַייזעלע גענ־מען בעת ער איז נאָך געווען זייער יונג. דאָס איז געווען אין יאָר תרי״ח, בעת עס איז אויסגעבראָכן דער סכסוך צווישן די ראשי־ישיבה ר׳ יוסף בער און ר׳ נפתלי צבי בערלין זצ״ל. דאַן האָט מען צונויפגערופן די גרעסטע רבנים, זיי זאָלן אויסגלייכן דעם סכסוך. צווישן די גרויסע רבנים איז אויך געווען ר׳ אַייזעלע, און צווישן די תלמידים, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר ר׳ הירש ליב דעם גרויסן בקי, איז געווען ר׳ יעקב יוסף, וואָס איז פריער געווען ווילנער שטאָט־מגיד, דערנאָך רב־הכולל אין אַמעריקע; ר׳ בצלאל, סייניער רב, וואָס איז געווען מפורסם מיט זיינע פיל פירושים אויף ש״ס, און ר׳ יאָסעלע, דענעבאָרגער עילוי. זיי אַלע האָבן גע־סענהט: „חריפים זיינען מיר אַליין, מיר דאַרפן האָבן אַ ראש־ישיבה אַ בקי״.

ר׳ יאָסעלע איז נאָך דאַן אַלט געווען אינגאַנצן פופצן יאָר: אַז ר׳ איי־זעלע האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט אין לערנען, איז ער נשתומם גע־וואָרן פון זיין חריפות און אים גענומען פאַר אַן איידעם. אין יאָר תרכ״ז, צו 24 יאָר, איז ר׳ יוסף שלופער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין דרעטשין, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון סלאָנים.

דאָרטן שרייבט ער זיין ספר „פורת יוסף״, וואָס אין אים ווייזט ער אַרויס געוואַלדיקע חריפות און גרויסע גאונות, און מ׳האָט אים אָנגעהויבן רופן אויפן נאָמען פון ספר „פורת יוסף״.

ר׳ יאָסעלע איז געווען אויך אַ געוואַלדיקער דרשן. מיט זיין אַרט ריידן און פלאַם־פייערדיקער שפּראַך פלעגט ער אַלעמען באַגייסטערן.

אין דרעטשין איז ר׳ יאָסעלע געווען רב זיבן יאָר, נאָכדעם איז ער געוואָרן רב אין וועקשנע, וואו ער האָט ווייטער געשריבן פיל חידושי תורה; נאָר די אַלע חידושי תורה זיינען אין וועקשנע פאַרברענט געוואָרן.

אין יאָר תרמ״ה, אַז דער סלאָנימער רב ר׳ יוסף רייזין, דער מחבר פון „עדות ביהוסף״ און „פורת יוסף״, איז נפטר געוואָרן, האָט מען אין יאָר אַרום אַריינגעשיקט ר׳ יאָסעלען אַ כתב־רבנות אויף זיין שווער ר׳ אַייזעלעס אָרט.

ר׳ יאָסעלע איז געווען אין סלאָנים צוואַנציק יאָר רב און איז געווען ביי אַלעמען זייער באַליבט מיט זיין נדיבותדיקן האַרץ. ער פלעגט כמעט זיין גאַנצע שכירות צעטיילן אויף צדקה. מיט זיין הויכן וואוקס און אויסערגעוויינ־לעכער שיינקייט האָט ער געמאַכט אַ רושם אויף אַלעמען, אַפילו אויף מענטשן

פון די אומות־העולם. אַלע פלעגן באַוואונדערן זיין שיינקייט.

ר׳ יאָסעלע איז אויך געווען אַ גרויסער חכם. מען דערציילט, אַז מ׳האָט איינמאָל ביי אים געפרעגט: ווי קומט עס, אַז גרויסע רבנים קריגן קליינע שכירות, האָט ער געענטפערט: „לאָנדאָן איז דאָך, כּידוע, די גרעסטע שטאָט אויף דער וועלט, — אין לאָנדאָן זיינען אָבער שלעכטע וועטערן; לאָדז איז די גרעסטע פאַבריק־שטאָט, — האָט זי ניט קיין וואַסער, און פּעטערבורג, די הויפּט־שטאָט פון מלכות רוסיא, וואָס זי איז די גרעסטע יבשה־מלוכה אין דער וועלט, — שטייט זי אויף טייכן און ימים און האָט גאָר קיין יבשה ניט. אַזוי איז אויך מיט די גרעסטע רבנים.

ר׳ יאָסעלע איז געווען אויך אַ געוואַלדיקער ספדן. מ׳דערציילט: אויף דער לויה פון ר׳ שמואל מאָהליווער זיינען געקומען עטלעכע צענדליק רבנים, וואָס האָבן זיך געגרייט צו זאָגן אַ הספד, און מספּיד געווען האָט אים מער ניט ר׳ יאָסעלע אַליין, ווייל פאַר אים האָט קיינער ניט געוואָלט זאָגן און נאָך אים האָט שוין קיינער ניט געקענט זאָגן.

אין סלאָנים האָט ר׳ יאָסעלע געשריבן זיין צווייטן ספר „מרכבת יוסף", מיט וועלכן ער ווערט שוין באַרימט אין דער גאַנצער לומדישער וועלט.

די לעצטע טעג פאַרן טויט האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אַ ספר אונטערן נאָמען „בושם", נאָר צום דריי״ און דרייסיקטן בלאַט איז ער נפטר געוואָרן.

אין סלאָנים איז ר׳ יאָסעלע געווען רב צוואַנציק יאָר און איז נפטר געוואָרן כ״ה ניסן תרס״ה.

פון ר׳ אייזעלעס דינאַסטיע ציט זיך נאָך עד־היום די גאָלדענע קייט פון רבנית און בעלי־בתים לומדים.

זיינע אייניקלעך געפינען זיך אין ריגע, סלאָנים, ווילנע, אויך אין אַמע־ריקע. זיי האָבן איצט איבערגעדרוקט זייער זיידנס ספר „עמק יהושע" אין אַ דריטער אויפלאַגע.

# הגאון ר׳ אברהם צבי ב״ר יעקב אַייזנשטאַט

## בעהמ״ח ספר „פתחי־תשובה״ זצ״ל.

### 1. זיין יוגנט.

דער גרויסער גאון און צדיק ר׳ אברהם צבי אַייזנשטאַט זצ״ל, וואָס איז מפורסם אין דער גאַנצער וועלט מיט זיינע ספרים „פתחי־תשובה״ און „נחלת צבי״ אויף יורה־דעה, חשן משפט, אבן העזר און „סדר גטין וחליצה״, — האָט געשטאַמט פון די גרעסטע גאונים און צדיקים, וואָס האָבן באַלויכטן די וועלט מיט זייער תורה און חכמה.

דער עלטער־זיידע פון זיין פאָטערס צד איז געווען דער גרויסער גאון און מקובל ר׳ מאיר אַייזנשטאַט זצ״ל, דער מחבר פון די שאלות ותשובות „פנים מאירות״, וועלכער איז געווען רב אין דער שטאָט אַייזנשטאַט אין אונ־גאַרן, און נאָכן נאָמען פון דער שטאָט „אַייזנשטאַט״ איז פאַרבליבן דער פאַ־מיליען־נאָמען פון דעם גאון ר׳ מאיר, ווי אויך פון זיין גאַנצער פאַמיליע נאָכן ראש פון דער משפחה.

דער בעל „פנים מאירות״ איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקי״ד און איז איבערגעלאָזן 11 זין, וואָס זיינען אַלע געווען גרויסע רבנים און גאונים, און צוויי טעכטער; אויך זיין אייניקל (אַ זון פון זיינער אַ טאָכטער) איז געווען דער מפורסמדיקער גאון, קעלנער רב, ר׳ אליעזר, דער מחבר פון ספר „אור חדש״ אויף פסחים און קדושין.

דער זיידע פון „פנים מאירות״ איז געווען דער גרויסער גאון ר׳ מאיר כ״ץ אַמסטיבאָווער רבי[1], דער פאָטער פון גרויסן גאון ר׳ שבתי הכהן (ש״ך). ביי איינעם פון דער משפחה אַייזנשטאַט געפינט זיך נאָך עד היום אַ יחוס־בריוו, וואו עס איז אויסגעשריבן זייער שלשלת־היחס ביז רש״י.

פון זיין מוטערס צד איז ר׳ אברהם־צבי געווען אַן אייניקל פון גרויסן גאון ר׳ נפתלי הערץ, זאַלקאָווער רב.

דער פ״ת איז געבאָרן געוואָרן אין ביאַליסטאָק אין יאָר תקע״ג אָדער

---

[1]) אַ שטעטעלע ביי סלאָנים.

תקע"ד. זיין פאָטער האָט געהייסן ר' יעקב אַייזנשטאַט און זיין מוטער האָט מען גערופן רחל. זי איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ"ו, ווען עס האָט זיך געדרוקט דער פּ"ת אויף יורה-דעה, און אין דער הקדמה פון ספר דערמאָנט ער איר.

זיין פאָטער ר' יעקב איז געווען כל ימיו אַ סוחר און אַ גרויסער למדן. ער פלעגט זאָגן יעדן טאָג פאַרן עולם אַ שיעור שלחן-ערוך (אָן געלט), אָנווייזנדיק דעם מקור פון יעדן דין אין דער גמרא און אין אַלע פּוסקים ראשונים ואחרונים מיט אַזויפיל חריפות ובקיאות, אַז די גרעסטע לומדים פלעגן נשתומם ווערן.

צו 15 יאָר האָט דער פּ"ת חתונה געהאַט און איז אָנגעקומען פאַר אַן איידעם אין גראָדנע; זיין שווער האָט געהייסן ר' יהודה לייב הכהן, וואָס האָט געשמט אַלס גרויסער גביר און בעל-צדקה. זיין פרוי האָט מען גערופן יענטע-רייזל. צו דער חתונה איז זי אַלט געווען 14 יאָר. זי איז געווען אַן אשת-חיל און אַ גרויסע צדקנית. זי איז נפטר געוואָרן ה' טבת תר"ן אין עלטער פון 77 יאָר.

דער פּ"ת איז אין דער יוגנט געווען אַ סוחר, ער האָט געהאַט אַ פּאַפּיר-געשעפט אין ביאַליסטאָק און געפירט גרויסע עסקים מיט די מלוכה-קאַנצעלאַריעס. ער פלעגט זיי צושטעלן אַלע נויטיקע שרייב-מאַטעריאַלן. נאָכדעם, אַז די קאַנצעלאַריעס זיינען אַריבער קיין גראָדנע, האָט ער אויך אַהין אַריבערגעפירט זיינע געשעפטן און איז אַריבער דאָרט וואוינען. די געשעפטן האָט געפירט זיין פרוי און ער אַליין פלעגט זיצן טאָג און נאַכט און לערנען. מערניט ווי איין שעה אין טאָג פלעגט דער פּ"ת אַריינגיין אַכטונג געבן אויף דער הנהגה פון געשעפט. אין גראָדנע אָבער זיינען אים די געשעפטן אַוועק זייער שלעכט, און על פּי נויט האָט ער געמוזט אָננעמען די התמנות אַלס מו"ץ אין גראָדנע.

## 2. זיינע חבורים.

נאָך זייענדיק זייער יונג, האָט שוין דער פּ"ת אָנגעהויבן שרייבן חבורים. דאָס זיינען געווען פאַרשיידענע פּלפּולים, וואָס ער האָט דערנאָך אויפגעהערט זיך עוסק צו זיין דערמיט, און צו 18 האָט ער זיך גענומען מיט אַן אומנאַטירלעכער התמדה צו שרייבן זיין וויכטיקן חבור, דעם פּ"ת אויף יורה-דעה. 4 יאָר האָט ער געשריבן דעם גרויסן חבור טאָג און נאַכט, און צו 22 יאָר האָט ער אים פאַרענדיקט. אַזוי שרייבט ער אין דער הקדמה פון זיין חבור. דעם ספר האָט ער געדרוקט אין ווילנע אין יאָר „אמת קנה" (תקצ"ו), מיט פינף הסכמות פון די גרעסטע גאוני הזמן: ווי ר' אבא'לי פּאָס-וואָלער, ווילנער ראב"ד; ר' אריה קאַצענעלנבויגן, בריסקער רב; ר' בערוש

אשכנזי, סלאָנימער רב; ר׳ בנימין ברוידאָ, גראָדנער רב, און ר׳ אליהו סלאָבאָדקער רב.

אין די הסכמות רופן זיך אַלע אָפּ וועגן דעם חבור מיט גרויס התפּעלות. אויך אין דער גאַנצער וועלט האָט דער חבור געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. מען דערציילט, אַז דער גרויסער גאון, סלוצקער רב, וואָס איז געווען איינער פון די פינף גרעסטע תּלמידים פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, האָט געזאָגט, אַז מן השמים האָט מען דעם פּ״ת מזכה געווען צו מאַכן אַזאַ וויכטיקן חבור.

דער פּ״ת און „נחלת־צבי״ אויף יורה־דעה איז אַ גוואַלדיקער אויפטו. ער האָט פון די הונדערטער שאלות ותשובות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיין גרויסער ביבליאָטעק¹), אַרויסגענומען דעם תּמצית און מיט זיין שאַרפן קאָפּ און לאָגישן שכל האָט ער מכריע געווען להלכה פיל נייע דינים. אויך אַליין מחדש געווען אַ סך נייע דינים און אַלס גרויסער מליץ און ספרא רבא האָט ער די אַלע דינים אויפגעשריבן זייער קורץ און קלאָר.

אין דער הקדמה פון פּ״ת אויף יו״ד ווייזט ער אויך אַרויס זיין גרויס ענוות און צדקות. ער שרייבט בזו הלשון: „איך ווייס אַליין מיין ווערט, אַז איך האָב אפילו ניט דערגרייכט צו אַ פאַסטוך פון שאָף, אָבער וואָס פאַר אַ יתרון האָט דער מענטש, אויב ער זאָל פאַר זיין גאַנצן לעבן ניט אויפטאָן עפּעס אַ גוטע זאַך. האָב איך, בריה קלה, גענומען און אָנגעשריבן דעם דאָזיקן חבור. דעם ספר האָב איך געמאַכט אויף דעם זעלבן אופן, ווי דער ספר „שערי תּשובה״ אויף אורח־חיים, וואָס עס האָט מחבר געווען מיין קרוב ר׳ מרדכי, דובנער רב, אַ זאַמלונג פון נייע דינים פון ראשונים ואחרונים, און וואָס זיין ברודער דער גאון ר׳ זלמן מרגלית האָט עס פאַרענדיקט, נאָר ווייל ער האָט מער ניט מחבר געווען אויף „אורח־חיים״. דעריבער האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן אויף די איבעריקע טיילן פון שו״ע. ער שרייבט אויך, אַז לכתּחילה האָט ער גערעכנט אָפּלייגן מיטן דרוקן דעם ספר ביז אויף דער עלטער, נאָר אַזוי ווי ער איז אינמיטן געפערליך קראַנק געוואָרן און מ׳האָט זיך פון אים שוין מיאש געווען, האָט ער דעריבער, ווי נאָר ער איז געזונט געוואָרן, ניט געוואָלט שוין מער אָפּלייגן. ער בעט אויך אַלעמען, ווער עס וועט געפינען אין זיין ספר אַ טעות, זאָל מען אים אָנווייזן, וועט ער זייער דאַנקבאַר זיין. צום סוף דאַנקט ער זיין קרוב המאור הגדול ר׳ העשל אשכנזי, וואָס האָט אים אונטערשטיצט מיט געלט אויף צום דרוקן דעם ספר.

---

1) דער פּ״ת איז געווען אַ גרויסער אוהב ספרים. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט פיל יקרי המציאות פאַר וועלכע ער פלעגט צאָלן די גרעסטע פּרייזן. ער פלעגט זיך אויך באַנוצן מיט די ספרים פון פרעמדע ביבליאָטעקן צו זיינע חבורים, אַזוי ווי ער שרייבט אין זיין הקדמה פון פּ״ת אויף אה״ע, אַז ער איז אָפּגעזעסן ביים זאַבלודאָווער רב וויפיל צייטן צוליבן חבור.

מען דערציילט, אַז דער פ"ת איז צוליב זיין ספר געוואָרן ביי ר' אבא'לען פּאָפּולער אַ גרויסער חשוב, און דאַן בעת ער האָט געגומען אַ הסכמה ביי ר' אבא'לען איז גראָד חיים זעליג סלאָנימסקי געקומען צו ר' אבא'לען אויך בעטן אַ הסכמה אויף זיין ספר „מוסדי חכמה" אויף חכמת אַלגעברע. אַז חז"ס האָט דערזען ביי ר' אבא'לען זיין אַמאָליקן חבר און בן־עיר, דעם פ"ת, וואָס האָט מיט אים אין דער יוגנט געלערנט צוזאַמען אין ביאַליסטאָק אין ר' יחיאל נעכעס קלויז, האָט ער זיך זייער דערפרייט און געזאָגט צו אים:

— אַזוי ווי איך ווייס, אַז איר זייט אַ גרויסער חשוב ביי ר' אבא'לען, בעט איך אייך מיך פאָרשטעלן פאַר אים און ממליץ זיין, ער זאָל מיר געבן אַ הסכמה אויף מיין ספר „מוסדי חכמה".

דער פ"ת האָט ממליץ געווען אויף חז"ס'ן, און ר' אבא'לע האָט אים טאַקע געגעבן אַ הסכמה אויף זיין ספר, נאָר דערנאָך האָט זיך אָפּגערופן ר' אבא'לע צום פ"ת מיט אַ וויץ.

— אָט דעם יונגנמאַן (חז"ס) בין איך זייער מקנא, דען, ווי עס איז באַוואוסט, לערנט מען פריער בבלי, ירושלמי, פוסקים ראשונים ואחרונים און ערשט דערנאָך איז מען זיך עוסק אין מעשה מרכבה, תכונה וכדומה. אָבער דער יונגערמאַן אַז ער איז זיך שוין עוסק אין מעשה מרכבה ותכונה, מסתמא איז ער דאָך שוין געוויס אַ בקי אין ש"ס און פוסקים, דעריבער בין איך אים טאַקע זייער מקנא[1].

אייניקע יאָר איז דער פ"ת געווען מו"ץ אין גראָדנע. נאָכדעם איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין ברעסטאָוויץ, אַ קליין שטעטל ביי ביאַליסטאָק. דאָרטן אין ברעסטאָוויץ האָט דער פ"ת ווייטער אָנגעהויבן שרייבן זיין צווייטן חבור פ"ת אויף אבן־העזר—מיט אַ גוואַלדיקער התמדה טאָג און נאַכט, און פון איבערמידונג איז ער ווידער קראַנק געוואָרן.

מען דערציילט, אַז איינמאָל, ליגנדיק קראַנקערהייט אין בעט, האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגערופן צו זיין פרוי, מ'זאָל דערלאַנגען אַ שטול לעבן בעט, ווייל אַ גרויסער יידישער חכם איז געקומען אים מבקר חולה זיין. די פרוי האָט גלייך דערלאַנגט אַ שטול און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעלע זען, ווער עס איז געקומען. צו איר שרעק זעט זי, עס איז קיינער ניטאָ, נאָר דער פ"ת האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַ ביסל גערעדט, נאָכדעם זיך ווייטער געלייגט און רופט זיך אָפּ צו זיין פרוי:

— שרעק זיך ניט, רביצין, דער תנא ר' עקיבא איז געקומען מיך מבקר חולה זיין און מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה־טובה, אַז איך וועל אינגיכן געזונט

---

1) מ'דערציילט, אַז דער פ"ת האָט אויך אַמאָל געזאָגט: ווי מיר ווייסן, איז חז"ס געווען דער קלענסטער למדן און דאָך אין חכמה איז ער געווען דער גרעסטער. דערפון קען מען זען ווי ווייט תורה איז גרעסער און טיפער פון חכמה.

ווערן און זוכה זיין צו פאַרענדיקן מיינע חבורים אויף אבן־העזר און חשן־משפט.

ער איז טאַקע גלייך געזונט געוואָרן און זיך גענומען מיט נאָך מער התמדה ווידער צו זיינע חבורים. אין ברעסטאָוויץ האָט ער זיך אויך מפלפל געווען מיטן גאון ר׳ יחיאל העלער. ער דערמאָנט אים אין זיין ספר שו״ת „עמודי אור״ סימן נ״ט, צ״ב. זיינע תשובות געפינען זיך אויך אין ספר „מנחה חדשה״ לר׳ גרשון חן טוב און אין שו״ת „ציוני״ פון זיין מחותן ר׳ זעליג לוצינער רב א. א. אין יאָר תרט״ז האָבן די פרנסים פון אוטיאַן אים אַריינגעשיקט אַ כתב־רבנות און ער איז געוואָרן דאָרט מרא דאתרא. אוטיאַן איז אַ קליין שטעטעלע מיט פרומע יידן, און זיצנדיק דאָרט רואיק האָט ער פאַרענדיקט זיין חבור פ״ת אויף אה״ע. דעם פ״ת האָט ער געדרוקט אין יאָהאַניסבורג אין יאָר תרי״ט, מיט דער הסכמה פון ר׳ שאול נאַטאַנזאָן, וועלכער שרייבט אויף אים: „גאון, מפורסם, חריף ובקי, אתמחי גברא ואתמחי קמיע וספרו פ״ת על יו״ד נתקבל ברצון לפני גדולי הדור ונדפס כמה פעמים״[1], אויך מיט אַ הסכמה פון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג בעל „הכתב והקבלה״, קעניגסבערגער רב. ער דערמאָנט אויך, אַז ער האָט נאָך 20 הסכמות פון גרויסע גאונים, נאָר צוליב הוצאות הדפוס דרוקט ער זיי ניט. אין אוטיאַן האָט ער אויך אָנגעהויבן שרייבן זיין חבור פ״ת און „נחלת צבי״ אויף שו״ע חו״מ, וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אַ פאָר יאָר פאַר זיין טויט. זיינע חבורים האָבן זיך פאַרשפרייט אין דער גאַנצער וועלט און אים געמאַכט אַזאַ גרויסן נאָמען, אַז מ׳האָט פאַרגעסן זיין אייגענעם נאָמען און אים אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין חבור בעל „פתחי־תשובה״.

ניט קוקנדיק, וואָס דער פ״ת איז געווען אַ גרויסער גאון, פונדעסטוועגן האָט ער באַקומען קליינע שכירות, ס״ה 3 רובל אַוואָך, און געלעבט אין דחקות—דאָך ווען מ׳האָט זיך געווענדעט צו אים, ער זאָל ווערן רב אין אַ גרעסערער שטאָט, האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען. מען דערציילט, אַז אין יענער צייט איז נפטר געוואָרן דער פאָנעוועזשער רב, איז אין שטאָט דאַן פאָרגעקומען אַן אַסיפה רבה און נאָך אַ גרויסער שקלא וטריא, וועמען צו נעמען פאַר אַ רב אין אַזאַ שטאָט פון גרויסע לומדים, איז געבליבן ביי אַלעמען פה־אחד, מ׳זאָל שיקן אַ כתב־רבנות צום גרויסן גאון פ״ת. האָט מען אויסגעקליבן אייניקע בעלי בתים פון די גרעסטע נכבדים, גבירים און לומדים, און זיי האָבן דעם פ״ת געבראַכט דעם כתב־רבנות. האָט ער זיי זייער פיין אויפגענומען, נאָר געענטפערט, אַז ער נעמט ניט אָן דעם כתב־רבנות. האָבן זיי געמיינט, ווייל עס איז ווייניק שכירות, זאָגן זיי:

— רבי! מיר האָבן אייך דאָך באַשטימט 25 רובל אַ וואָך אויסער פאַרשיידענע הכנסות.

---

[1]) ווילנא תקצ״ו, זיטאָמיר ת״ר. לבוב תרי״ח, ווילנא תרל״ג צ. א. ה.

ענטפערט ער ווייטער, אַז ער נעמט ניט אָן. האָבן זיי געמיינט, אפשר טראַכט ער, אַז ער איז ניט אויסגעווײלט געוואָרן פה אחד און עס וועט זיין מחלוקת, זאָגן זיי:

— רבי, איר זייט ביי אונז אויסגעקליבן געוואָרן פה אחד און עס וועט ניט זיין ביי אונז קיין שום מחלוקת. זאָגט דער פ"ת צולעצט:

— איך נעם ניט אָן דעם כתב־רבנות, ניט צוליב ווייניק געלט, נאָר צוליב אַן אַנדער זאַך. איר מיינט דאָך בודאי, אַז איך בין אַ גרויסער למדן, און דאָס איז אַלץ מיינע אייגענע תורה. איר האָט אָבער אין מיר אַ טעות. אין דער אמת׳ן איז עס דאָך פרעמדע תורה. פאַר מיין קליין שטעטעלע קען איך לערנען, אָבער פאָניעוועזש איז דאָך אַ באַרימטע שטאָט פון לומדים.

אינדעראמתן האָט דער פ"ת ניט געוואָלט אָננעמען די רבנות פון אַ גרויסער שטאָט צוליב זיין ענוות און גרויס התמדה, ווייל אין אַ גרויסער שטאָט זיינען פאַראַן פיל טרדות פון צרכי צבור, וואָס מוזן ברענגען צו בטול־תורה.

## 3. זיין חכמה און צדקות.

אויסער זיינע גרויסע גאונות אין לערנען, איז ער אויך געווען אַ גרויסער חכם און צדיק. מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז זיין צדקות פאַרטונקלען זיין גאונות, און פון דער גאַנצער וועלט פלעגט מען קומען צו אים פרעגן עצות און בעטן ברכות, ניט נאָר מתנגדים, נאָר אויך זייער פיל חסידים פלעגן פאָרן צו אים נאָך עצות, און אַז מען פלעגט זיי פרעגן: „סטייטש, איר קענט דאָך בעסער פאָרן צו אייער רבין דעם גרויסן גאון און צדיק ר׳ מנחם מענדעלע פון ליובאַוויטש", פלעגן זיי ענטפערן, אַז דאָס האָט זיי טאַקע זייער גרויסער רבי געהייסן פאָרן צום פ"ת, זאָגנדיק, אַז זיי דאַרפן זיך ניט מטריח זיין און מרבה בהוצאה זיין צו פאָרן אַזש צו אים נאָך עצות אין ליובאַוויטש, ווען זיי האָבן נאָענט לעבן זיך אין אוטיאַן אַזאַ גרויסן גאון, חכם און צדיק דעם פ"ת. ר׳ מענדעלע האָט זייער געהאַלטן פון פ"ת. ער דערמאָנט אים פיל מאָל אין זיין ספר שאלות ותשובות „צמח צדק".

עס ווערן דערציילט טאַקע פיל מעשיות פון זיינע צדקות און חכמה. אויף אים איז מקוים געוואָרן דער מאמר חז"ל „חכם עדיף מנביא", און אייניקע פון זיי וועל איך דאָ ברענגען.

מען דערציילט אויך, אַז צוערשט האָט ער זיין פרסום אויף דער וועלט אַלס חכם און צדיק באַקומען צוליב פאָלגנדיקע מעשה:

איינמאָל איז געקומען צום פ"ת אַ פרוי מיט אַ ביטער געוויין און געזאָגט:

— רבי! מיין זון איז שוין אַ לאַנגע צייט פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין

וואַסער אַריין, און מ׳האָט אויסגעטראַכט, אַז ער האָט זיך געשמד׳ט. אַנדערע זאָגן, אַז ער איז געשטאָרבן. בעט איך אײַך, רבי, זאָגט מיר, וואָס איז מיט אים, צי ער לעבט, צי ער איז געשמדט?

ענטפערט דער פ״ת:

— טייערע יידענע, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? איך בין ניט קיין נביא.

איז אָבער די יידענע צוגעשטאַנען מיט געוויין:

— רבי, איך וועל פון אײַך ניט אָפּטרעטן! איר מוזט מיר זאָגן, וואָס איז מיט מיין זון, צי ער לעבט?

ענטפערט איר דער פ״ת:

— ער לעבט.

פרעגט זי ווייטער:

— איז ער ניט געשמדט?

זאָגט ער:

— ער איז ניט געשמד׳ט.

דערנאָך זאָגט זי:

— רבי! איר מוזט מיר שוין אויך זאָגן, צי וועט ער קומען?

ענטפערט איר צולעצט דער פ״ת:

— ער וועט געוויס קומען.

און אַזוי איז טאַקע געוועזן. עס איז נאָך ניט אַוועק קיין יאָר און איר זון איז געקומען. האָבן דאָס אַלע אָנגענומען פאַר אַ גרויסן מופת און מען האָט אָנגעהויבן פאָרן צו אים מארבע כנפות הארץ. אַז מ׳האָט אָבער דערנאָך געפרעגט דעם פ״ת:

— רבי! פונוואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?

האָט ער געענטפערט:

— דאָס איז גאָר פשוט און גאָרניט קיין מופת! דאָס אַלץ איז אַ מפורשע גמרא. איך האָב איר געזאָגט, אַז ער לעבט, ווייל אַלע שטייען דאָך „בחזקת חיים״. איך האָב איר געזאָגט, אַז ער איז ניט געשמדט, ווייל אַלע יידן זיי־נען דאָך „בחזקת כשרות״. איך האָב איר געזאָגט, אַז ער וועט געוויס קומען, ווייל אויב ער לעבט און איז ניט געשמדט, וועט ער דאָך געוויס קומען.

נאָך אַ מעשה ווערט דערציילט: איינמאָל איז צום פ״ת געקומען אַ פרוי מיט אַ געוויין. איר האָט זיך געחלומט, אַז איר מאַן עסט ערד און שטיינער. רופט זיך אָפּ דער פ״ת:

— וויינט ניט, יידענע. זאָגט נאָר, צי האָט איר אַן אייגענע שטוב.

זאָגט זי:

— יע, מיר האָבן אַן אייגענע שטוב, וואָס מיר אַליין האָבן אויסגע־בויט מיט אייניקע יאָר צוריק.

פרעגט ווייטער דער פ״ת:

— נו, און בשעת איר האָט געבויט די שטוב, האָבן די שכנים ניט געהאַט אַמאָל תרעומות אויף אײַך?

ענטפערט זי:

— איין שכן האָט טאַקע געשריען, אַז מען האָט בײַ אים פאַרנומען אַ שטיקל פון זיין פּלאַץ. נאָר מיין מאַן האָט אים ניט געהערט.

דאַן רופט זיך אָפּ דער פ"ת צו איר:

— אויב דו ווילסט, אַז דיין מאַן זאָל לעבן און דיין חלום זאָל אויסגיין צום גוטן, זאָלסטו גלייך גיין צו דיין מאַן און אים זאָגן אין מיין נאָמען, ער זאָל תיכף ומיד רופן דעם שכן צו מיר אויף אַ דין-תורה.

אַזוי איז געווען. דער בעל-הבית מיטן שכן זיינען געקומען צום פ"ת אויף אַ דין-תורה. דער שכן האָט געבראַכט עדות וועגן זיין פּלאַץ, וואָס יענער האָט בײַ אים פאַרנומען, און דער פ"ת האָט געפסקנט, אַז דער בעה"ב זאָל אים טאַקע באַצאָלן דעם ווערט פון זיין קרקע (כדין תקנת השבים). אַז מ'האָט זיך דערנאָך דערוואוסט פון דער מעשה, זיינען אַלע דערשטוינט געוואָרן פון דער חכמה פון גאון פ"ת.

מען דערציילט אויך: איינמאָל איז געקומען צום פ"ת אַ פרוי פון אַ ווייטער שטאָט בעטן אַ ברכה, ווייל בײַ איר פירט זיך ניט קיין קינדער. רופט זיך אָפּ דער פ"ת צו איר:

— דערצייל מיר, טאָכטער, איידער דו האָסט געטאָן דעם שידוך, האָסטו ניט אָפּגעלאָזן אַ פריערדיקן שידוך?

ענטפער זי:

— יע, רבי! איך דערמאָן זיך טאַקע, אַז איך האָב פריער געשריבן תנאים מיט אַן אַנדער בחור, נאָר נאָכדעם האָט זיך מיר געמאַכט אַ בעסערער שידוך, האָט דער פאָטער מבטל געמאַכט די תנאים פון דעם ערשטן און געשריבן אַנדערע תנאים.

רופט זיך אָפּ דער פ"ת:

— אָט דאָס איז טאַקע די סבה, ווייל מען האָט מבטל געמאַכט אַ קנין און מבזה געווען דעם ערשטן חתן. איצט איז מיין עצה, טאָכטער, דו זאָלסט אויפזוכן דעם ערשטן חתן און אים בעטן, ער זאָל דיר מוחל זיין. דאַן וועלן זיך פירן בײַ דיר קינדער.

רופט זיך אָפּ די פרוי זייער פאַרדאגה'ט:

— רבי, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך ווייס גאָרניט, וואו דער חתן געפינט זיך אַפילו, ווייל עס זיינען שוין אַוועק פיל יאָרן.

ענטפערט דער פ"ת: פאָר, און דער אויבערשטער וועט דיר באַגליקן אים צו געפינען.

ווי די פרוי איז אַרויס פון פ"ת, האָט זיך איר געמאַכט אַ פור, וואָס איז געפאָרן קיין ווילקאָמיר. האָט זי לויט דעם פ"ת עצה גלייך זיך געזעצט און געפאָרן, און ווי זי איז נאָר אַראָפּ פון וואָגן און אַריין אין שטאָט,

ערשט זי זעט: איר ערשטער חתן גייט איר אַנטקעגן. איז זי גלייך צו איס צוגעפאַלן בעטן מחילה, ער האָט איר מוחל געווען, און פון דאַן אָן זיינען שוין ביי איר קיין קינדער מער ניט געשטאָרבן.

נאָך אַ מעשה ווערט דערציילט. איינמאָל איז צום פּ״ת געקומען אַ פרוי מיט אַ שטומען קינד, וועלכער האָט אַלץ געהערט, נאָר ניט געקענט ריידן. זי איז אויסגעווען מיט אים ביי אַ סך דאָקטוירים און קיינער האָט אים ניט געקענט העלפן. האָט מען איר געגעבן אַן עצה, זי זאָל פאָרן צום פּ״ת. ווען זי איז צו אים אַריין, האָט די רביצין גראָד דערלאַנגט צום טיש אַ טאַץ מיט טיי. דער פּ״ת גיט אַ קוק דער יינגעלע טרייסלט זיך פון קעלט, ווייל עס איז טאַקע געווען אין דרויסן אַ שטאַרקער פראָסט. נעמט ער אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל צוקער, רופט צו דעם יינגעלע און דערלאַנגט אים צום טרינקען. ווי נאָר דער יינגעלע האָט גענומען די צוקער צום מויל, רופט זיך אָפּ דער פּ״ת:

— יינגעלע! מאַך אַ ברכה!...

גיט זיך אַ כאַפּ די מוטער:

— רבי! מיין קינד איז, נעבעך, אַ שטומער...

וויל שוין דער יינגעלע טרינקען, נעמט אָבער דער פּ״ת ווייטער שרייען אויף אים:

— סטייטש, איך האָב דאָך דיר געהייסן מאַכן אַ ברכה!

דאַן האָט דער יינגעלע געמאַכט אַ ברכה „שהכל" בקול רם. אַלע זיינען פאַרוואונדערט געוואָרן פון גרויסן נס, און די מוטער איז אַוועקגעפאָרן מיט גרויס שמחה.

נאָך אַ מעשה דערציילט מען: עס איז געקומען צום פּ״ת אַ פרוי מיט אַ יינגעלע און מיט געוויין דערציילט זי, אַז איר מאַן האָט איר אַוועקגעוואָרפן שוין אַ לאַנגע צייט און זי ווייסט ניט, וואו ער געפינט זיך. זי איז שוין אַרומגעפאָרן אין כמה שטעט און אים ניט געפונען — דעריבער בעט זי, דער רבי זאָל איר זאָגן, צי איר מאַן לעבט און צי ער וועט קומען אַהיים.

זאָגט דער פּ״ת:

— איך בין ניט קיין נביא.

די פרוי האָט אָבער זייער ביטער געוויינט, איז דער פּ״ת צוגעגאַנגען צום יינגעלע און אים געזאָגט:

— זאָל דיין מוטער ניט וויינען — צו דיין בר־מצוה וועט דיין פאָטער קומען!

ווי די פרוי האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך זייער דערפרייט. זי איז אַוועקגעפאָרן אַהיים און דערציילט די שטאָט־לייט, וואָס דער פּ״ת האָט געזאָגט. ווען עס איז געקומען דעם יינגלס בר־מצוה, האָבן זיך אַלע שטאָט־לייט פאַרזאַמלט ביי דער עגונה אויף דער שמחה און אגב צו זען דעם מופת פון פּ״ת. ווי דערשטוינט זיינען אַלע געוואָרן, ווען דער פאַרלאָרענער מאַן איז

טאַקע געקומען פונקט צו בר־מצוה און נאָך געבראַכט פיל געלט, די גאַנצע שטאָט האָט זיך זייער געפרייט אויף דער גרויסער שמחה.

דער פ"ת האָט זיך אויך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט תּלמידי־חכמים. ער פלעגט זיי זייער מקרב זיין, געבן זיי סמיכה, ווי אויך זוכן אַליין פאַר זיי שטעט אויף רבנות. פון אַרבע פנות העולם פלעגן קומען צו אים וואויללערנער נאָך סמיכה. איינמאָל איז געקומען צו אים אַ יונגערמאַן פון אַ ווייטער שטאָט און זיך געזעצט לערנען אין זיין בית־מדרש מיט גרויס התמדה. דער פ"ת, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט דעם יונגנמאַן זייער מקרב געווען, תּמיד פאַרבעטן אים צו זיך אויף טיי, געשמועסט מיט אים פיל אין לערנען. דער פ"ת האָט געזען, אַז דער יונגערמאַן איז אַ מלא וגדוש אין לערנען. אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע חדשים. איינמאָל רופט זיך אָפּ דער יונגערמאַן:

— רבי, איר האָט דאָך מיט מיר שוין געשמועסט פיל אין לערנען, וויל איך איצט ביי אייך בעטן, איר זאָלט מיר געבן סמיכה.

האָט דער פ"ת אים אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטן טאָג. אַז דער יונגערמאַן איז געקומען צום צווייטן מאָל, האָט אים דער פ"ת ווידער מדחה געווען אויף אַן אַנדער טאָג. אַז דער יונגערמאַן איז געקומען צום פ"ת דעם דריטן מאָל, האָט ער אים נאָך אַלץ קיין סמיכה ניט געגעבן. רופט זיך אָפּ דער יונגערמאַן:

— רבי, אַלעמען גיט איר דאָך סמיכה תּיכף, פאַרוואָס ווילט איר מיר ניט געבן און איר לייגט מיר אַלץ אָפּ? ממה נפשך, פּרובט מיך אויס נאָכאַמאָל.

דער פ"ת האָט אָבער דערקענט אין אים, אַז ער איז ניט קיין פרומער, דערִבער האָט ער אים ווייטער געוואָלט אָפּלייגן. נאָר דער יונגערמאַן איז זייער צוגעשטאַנען, האָט דער פ"ת אים אָנגעשריבן זייער אַ שיינע סמיכה, נאָר, ווי זיין שטייגער איז געווען, פלעגט ער שרייבן אַלעמאָל אַ „פרט", האָט ער דאָסמאָל אויך צוגעשריבן דעם פרט מיט די ווערטער „וידועים לשבטיכם".

דער יונגערמאַן האָט צוגענומען די סמיכה און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים.

דורכפאָרנדיק אַ שטאָט, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער דאָרטיקער רב איז נפטר געוואָרן. האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, געדרשנט און זייער שטאַרק אויסגענומען. ער האָט זיי דערציילט, אַז ער האָט סמיכה פון גאון דעם בעל פ"ת. האָט מען געמאַכט אין שטאָט אַן אסיפה פון די נכבדי־העיר, און אַז מ'האָט דורכגעלייענט די סמיכה, זיינען אַלע נתפּעל געוואָרן פון די גרויסע שבחים, וואָס דער פ"ת שרייבט אויף אים, נאָר צום סוף לייענען זיי איבער דעם פרט „וידועים לשבטיכם". פאַרשטייען זיי ניט, — פון דער וואָך איז דאָס ניט, רעכענען זיי, אפשר פון יאָר? — ערשט פון יאָר אויך ניט. ווערט זיי דאָס שטאַרק קשה, רופט זיך אָפּ איינער פון זיי, אַ בעל־הבית אַ גרויסער למדן:

— אויף דעם דאָזיקן פסוק איז פאַראַן אַ רש"י, אין חומש, אַז מען זאָל גוט חוקר ודורש זיין, און דאָס האָט געוויס מרמז געווען דער גרויסער גאון און חכם.

בקיצור, מ׳האָט טאַקע צוגעשיקט אַ שליח־מיוחד אין דעם יוגנמאַנס געבורטס־שטאָט נאָכפרעגן זיך אויף אים, איז מען דערגאַנגען, אַז ער איז ניט קיין פרומער און פאַסט זיך גאָרניט פאַר אַ מרא־דאתרא. די שטאָט־לייט האָבן דערנאָך אַריינגעשיקט אַ בריוו צום פ״ת בזו הלשון „סוד ה׳ ליראיו״.

צוליב דער גרויסער חכמה פון פ״ת פלעגט מען אים אַרויסרופן אויך אויף אַלע שווערסטע דין־תורה׳ס, וועלכע ער פלעגט תמיד דורכפירן על צד היותר טוב, אַז ביידע צדדים פלעגן בלייבן שטענדיק זייער צופרידן. איינמאָל איז אין אַ דערבייאיקער שטעטל פון אוטיאַן פאָרגעקומען זייער אַ שווערע דין־תורה, וועלכע דער דאָרטיקער רב האָט בשום אופן ניט געקענט דורכפירן. האָט ער זיך געווענדעט צום פ״ת און געבעטן אים בייהילפיק זיין. דער פ״ת איז תיכף געקומען און דורכגעפירט די דין־תורה אויפן בעסטן אופן. פאָרנדיק צוריק אַהיים, האָט ער אָנגעטראָפן אויפן וועג יידישע אָקסן־הענדלער, וועלכע זיינען געפאָרן פון אַ יריד און געפירט אַ גרויסן אָקס צוגעבונדן צום וואָגן. רופט זיך אָפּ דער פ״ת צו זיי:

— מען טאָר ניט צובינדן אַן אָקס צו אַ וואָגן, אין וועלכן עס איז איינגעשפּאַנט אַ פערד, ווייל דאָס איז כלאים. איינער פון אייך מוז אַראָפּגיין פון וואָגן און פירן דעם אָקס באַזונדער.

ווי די הענדלער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט פון אים און דערביי גענומען שילטן די שטאָט־לייט, וואָס האַלטן אַזאַ רב. זאָגט דער פ״ת צו זיי געלאַסן:

— וואָס האָט איר צו שילטן מיינע שטאָט־לייט? וואָס עס איז באַשערט אויף מיינע שטאָט־לייט, זאָל פאַלן אויף דעם אָקס.

האָבן די הענדלער זיך נאָכמער אויסגעלאַכט און זיינען געפאָרן ווייטער. אָפּשטעלנדיק זיך אין דער נאָענטער קרעטשמע, זיינען זיי אַהין אַריין אויף אַ ווייל. ווען זיי זיינען אַרויס, זעען זיי, דער אָקס איז פלוצלונג געפאַלן און געפגרת. האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן, זעענדיק דייטלעך, ווי דעם רבס „קללה איז גלייך מקוים געוואָרן. האָבן זיי גענומען זיך נאָכפרעגן ביים קרעטשמער, ווער איז דאָס געווען דער רב, וואָס איז דאָ פאַרבייגעפאָרן. האָט ער זיי דערציילט, אַז דאָס איז געווען דער גאון און צדיק דער פ״ת. דערציילן אים די הענדלער די גאַנצע מעשה. רופט זיך אָפּ צו זיי מיט שרעק דער קרעטשמער:

— לויפט גיכער; יאָגט אָן דעם גרויסן צדיק, בעט אים איבער, ער זאָל אייך מוחל זיין, אויב ניט — זייט איר אַליין אויך אין גרויס סכנה, ווייל איר האָט מבזה געווען אַ גרויסן צדיק:

זיי האָבן גלייך איינגעשפּאַנט דעם פערד, מיט אַלע כחות אים געטריבן, און דעם פ״ת אָנגעיאָגט. ווי זיי האָבן אים דערזען, זיינען זיי אים געפאַלן צו די פיס און געבעטן, ער זאָל זיי מוחל זיין. דער צדיק האָט זיי באַרואיקט און געזאָגט:

— איך בין אייך מוחל, נאָר בתנאַי, אַז איר זאָלט ווייטער ניט פירן אַן אָקס צוגעבונדן צום • וואָגן, ווייל דאָס איז כלאים, ווי אויך, איר זאָלט ווייטער ניט אָפּלאַכן פון אַ תּלמיד־חכם.

האָבן זיי אים דאָס פייערלעך צוגעזאָגט, און ער האָט זיי מוחל געווען.

איינמאָל האָט מען דעם פּ"ת אויך אַרויסגערופן אויף פאָלגענדע שווערע דין־תּורה אין אַ שטעדטל ניט ווייט פון אוטיאַן צווישן די דאָרטיקע פּופּצן שענקאַרעס.

אַזוי ווי דאָס שטעדטל האָט געהערט צו אַ פּריץ, פלעגט מען די שענקאַרעס ניט אַרויסגעבן קיין פּאַטענט — סיידן זיי זאָלן צושטעלן אַ הסכם פון פּריץ. געוויינלעך, פלעגט דער פּריץ דערפאַר זיך לאָזן גוט באַצאָלן, וואָס דאָס פלעגט באַטרעפן אַ גרויסע סומע געלט. דער פּריץ פלעגט נעמען ביי די רייכע מערער, ביי די אָרימע ווייניקער; פלעגן די שענקאַרעס כסדר זיך קלאָגן פאַרן פּריץ, האָט זיך דער פּריץ מישב געווען און געזאָגט:

— איך פאַרלאַנג איר זאָלט מיר געבן די זעלבע סומע געלט וואָס פריער, נאָר די חלוקה צווישן אייך זאָל מאַכן אייער ראַבין.

ביים רב איז פאָרגעקומען אַ סך דין־תּורה'ס וועגן דעם ענין, און ער האָט אַלץ ניט געקענט דורכפירן. דער רב האָט זיך דאַן געווענדעט צום פּ"ת.

דער פּ"ת איז געקומען, זיך באַזעצט ניט ביים רב, נאָר אין אַ באַזונדער דירה ביים עק שטאָט און געשיקט רופן צו זיך דעם בית־דין־שמש, אים אָנגעזאָגט, ער זאָל רופן יעדן שענקער באַזונדער בסוד, אַזוי אַז איינער זאָל ניט וויסן פון דעם אַנדערן. דער פּ"ת האָט געבעטן יעדערן באַזונדער מאַכן די חלוקה לויט זיינע ריכטיקע ידיעות, ווייל איינער דעם אַנדערן קען דאָך געוויס גוט; געוויינלעך, פלעגט יעדער שטעלן די איבעריקע שענקאַרעס ווי די ריכטיקייט פאָדערט, נאָר זיך פלעגט ער שטעלן ווייניקער אַביסל. אַזוי אַרום איז דער פּ"ת דערגאַנגען דעם אמת און טאָמער פלעגט איינער פון זיי האָבן טענות, פלעגט דער פּ"ת יעדן פון זיי זאָגן: „שטייטש, 14 עדות זאָגן דאָך אַז אַזוי איז ריכטיק", און אַזוי אַרום האָט דער פּ"ת פעסטגעשטעלט די חלוקה עפּ"י האמת.

מ'דערציילט אויך, ווען עס פלעגט פאָרקומען ביים פּ"ת אַ דין־תּורה צווישן צוויי אָרימעלייט, פלעגט דער פּ"ת דעם אָרימאַן, וועלכער פלעגט פאַרלירן דעם משפּט, אומקערן, דעם היזק כון זיין אייגענער קעשענע און מקיים זיין: משפּט וצדקה—משפּט לזה וצדקה לזה.

דער פּ"ת האָט זיך אויך עוסק געווען אין כלל־אַרבעט. אין דער צייט ווען מען פלעגט קענען מיט געלט זיך אויסקויפן פון מיליטער־דינסט דורך קוויטאַנציעס, פלעגט דער פּ"ת אַליין אַרומפאָרן צונויפקלויבן געלט און אַזוי אַרום האָט ער פיל יונגעלייט אויסגעלייזט פון די פּריזיוון.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט דער פּ"ת געלעבט שטענדיק אין דחקות, נאָר אויף שבת האָט ער אַלעמאָל געזען, עס זאָל זיין בשר ודגים וכל

מטעמים. האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז אין שטאָט איז פּרייטיק אינגאַנצן ניט געווען קיין פיש. אַז ס'איז שוין געוואָרן 12 אַזייגער איז די רביצין אַריינגעלאָפן זייער פאַרדאגה'ט און געזאָגט:

— רבי עס איז שוין אַזוי שפּעט און עס איז נאָך קיין פיש ניטאָ, — וואָס טוט מען?

רופט זיך אָפּ דער פּ"ת צו איר:

— דאגה ניט, רביצין, מ'דאַרף האָבן בטחון, מאַך פייער און שטעל צו די פאַן מיט וואַסער, דער איבערשטער וועט צושיקן פיש אויך.

עס האָט נאָך די וואַסער ניט באַוויזן אויפצוקאָכן, איז אַריין אַ גוי און דערציילט:

— עס איז היינט אין ערגעץ קיין פיש ניטאָ, נאָר ג—ט האָט מיך באַגליקט צו פאַנגען אַ גרויסן פיש, האָב איך דאָס געבראַכט פאַרן ראַבין.

## 4. די לעצטע יאָרן פון פּ"ת.

12 יאָר איז דער פּ"ת זצ"ל געזעסן אויפן כסא-הרבנות אין אוטיאַן, פון יאָר תרט"ז ביזן יאָר תרכ"ח. די גאַנצע צייט געלערנט מיט גרויס התמדה און געשריבן זיינע ספרים. דאָרט האָט ער געענדיקט זיין פּ"ת אויף אה"ע. אַזוי שרייבט ער אין דער הקדמה צום אה"ע. דאָרטן האָט ער אויך געשריבן און געענדיקט זיין פּ"ת און „נחלת צבי" אויף חו"מ [1]), ווי אויך „סדר גטין וחליצה" להגאון ר' מיכל (ר' יוזפש מקראקא) מיט זיין פירוש „פתחי תשובה" געדרוקט אין ווילנא יאָר תרכ"ג. אַלס גרויסער פּוסק האָט מען זיך אויך געווענדעט צו אים פון דער גאַנצער וועלט מיט אַלע שווערע שאלות און תשובות און ער האָט אַלעמען געענטפערט. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיינע דרשות, ער איז געווען אַ דרשן נפלא, אָבער די שו"ת און דרשות זיינען געבליבן ליגן אין כתב-יד.

ווי-טער אין יאָר תרכ"ח איז דער פּ"ת קראַנק געוואָרן אויף זייער אַ שווערער קראַנקהייט און די דאָקטוירים האָבן אים געראָטן צו פאָרן אין קעניגסבערג צו די דאָרטיקע גרויסע פּראָפעסאָרן. לכתחילה האָט ער ניט געוואָלט פאָרן, נאָר די שטאָט-לייט און זיינע גוטע פריינט זיינען צוגעשטאַנען צו אים,—איז ער געפאָרן. אין קעניגסבערג האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, מ'האָט אים אויך פאַרגעלייגט דאָרטן אַ כתב-רבנות. און ער האָט טאַקע דאָרטן מתקן געווען גרויסע תקונים וועגן כשרות אין די יאַטקעס, ווייל די חרדים פלעגן דאָרטן קיין פליישׁ ניט עסן אַפילו שבת צוליב די ניט זיכערע כשרות.

---

[1]) געדרוקט 3 יאָר נאָך זיין פּטירה, ווילנא תרל"א.

דער פ"ת האָט גלייך אױפֿגעשטעלט אַ משגיח, ער האָט אויך פאַרזאָגט די שוחטים זאָלן קומען צו אים וויזן די חלפים, און די וואָס האָבן ניט גע־קענט, האָט ער מעביר געווען. אַזוי איז ער דאָרט אָפּגעווען אַ גאַנצן זומער און געבראַכט אַלע צרכי העיר אין אָרדנונג, און אַלע האָבן אים געפאָלגט, זעענדיק זיין גרויסע צדקות און חכמה. אין אלול תרכ"ח האָט זיך זיין מחלה זייער געשטאַרקט. די דאָקטוירים זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט, זיי האָבן שוין אים אָבער גאָר ניט געקענט העלפן, און דער גרויסער גאון און צדיק איז נסתלק געוואָרן ג' אלול תרכ"ח אַלט זייענדיג 53 יאָר. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער אין דער גאַנצער וועלט און מען האָט אים אומעטום מספיד געווען. עס איז אויך אַרויס אַבאַזונדער ספר „ראש אמיר" אַ הספד אויפן פ"ת.

זיין אוהל געפינט זיך אויפן קעניגסבערגער בית־עולם, צווישן די צוויי גרויסע צדיקים, ר' יעקב מעקלענבורג, דעם מחבר פון ספר „הכתב והקבלה" קעניגסבערגער רב, און דעם גאון בעל „באר היטב" על שו"ע.

אויף דעם גאון און צדיק פ"ת איז מקוים געוואָרן דער פסוק: „תורת אמת היתה בפיהו ועולה לא נמצא בשפתיו, בשלום ובמישור הלך ורבים השיב מעון".

דאָס איז דער נוסח פון פ"ת מצבה:

פ"נ

אבל כבד, בכי תמרורים
רוח דעת, התורה והיראה
מאתנו לקחה, צדקות אהב
בים התלמוד, ידו רבה
ה"ה הרב הגאון הגדול המפורסם חריף ובקי
צלל במים אדירים וחבר חבוריו
כש"ת מו"ה אברהם צבי זצ"ל
אבד"ק אוטיאַן בהמ"ח ספרי „פתחי תשובה"
נאסף אל עמו בשם טוב ביום ו' עש"ק ג' אלול ונקבר ביום א' ה' אלול תרכ"ח לפ"ק תנצב"ה.

## די פאַמיליע פון פ"ת.

דער פ"ת האָט געהאַט דריי זין און צוויי טעכטער. דער בכור איז גע־ווען דער גאון און צדיק ר' בנימין. ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר תר"ו, בעת זיין פאָטער איז געזעסן על כסא הרבנות אין ברעסטאָוויץ. אין יאָר תרט"ז, אַז זיין פאָטער דער פ"ת איז אָנגעקומען פאַר אַ רב אין אוטיאַן, איז ר' בנימין שוין אַלט געווען 11 יאָר און ער האָט זיך שוין דאַן זייער אויס־

געצייכנט מיט זיינע כשרונות און מיט זיין גוואַלדיקער התמדה אין לערנען טאָג און נאַכט, ווי אויך מיט זיין פרומקייט און מדות טובות. מ׳דערציילט, בעת ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד, לערנענדיק אין חדר, פלעגט ער זיך טיילן מיט זיין עסן מיט די אָרימע יינגלעך; טאָמער פלעגט אַ יינגל פאַרזינ־דיקן, פלעגט ער אַרויפנעמען אויף זיך יענעמס חטא, כדי דעם חבר צו באַ־פרייען פון אַ שטראָף א. אַ. וו. און אַזוי איז ער געוואַקסן אין לערנען און מדות טובות. ער האָט קיינמאָל גאָרניט געוואוסט, וואָס הייסט כעס. אויך זיין עניוות און גוטע האַרץ צו אַלע מענטשן איז געווען אָן אַ שיעור.

ר׳ בנימין האָט זייער יונג חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון לוצי־נער רב, הגאון ר׳ אהרן זעליג, דעם מחבר פון וויכטיקן ספר „ציוני"—שאלות און תשובות אין צוויי חלקים. ר׳ אהרן זעליג האָט געירשנט די לוצינער רבנות פון זיין פאָטער הרב הגאון ר׳ נפתלי ז״ל, וועלכער איז געווען דאָרט רב מער ווי 50 יאָר, זיין זיידע (ר׳ נפתלי׳ס פאָטער), הרב הגאון ר׳ דוד ז״ל איז אויך געווען אַ צייט רב אין לוצין[1]).

נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, דער פ״ת, איז ר׳ בנימין אויפגענו־מען געוואָרן פאַר אַ רב אין אוטיאַן אויף זיין פאָטערס אָרט און איז געוואָרן גלייך ביי אַלעמען זייער באַליבט מיט זיין עניוות און צדקות.

מען דערציילט, אַז ער פלעגט תמיד בסתר אין מיטן נאַכט שיקן גע־פאַלענע בעלי־בתים שטיצע, כדי קיינער זאָל זיך דערפון ניט דערוויסן.

מ׳דערציילט אויך אויף ר׳ בנימינען, ווען עס פלעגט צו אים קומען אַן אָרעמע יידענע מיט אַ שאלה, און אויב עס איז געוואָרן טריף, פלעגט ער פרעגן ביי דער יידענע, וויפיל געלט קאָסט די הון, אַרויסנעמען געלט פון קעשענע און איר גלייך באַצאָלן.

איינמאָל איז אַריין צו אים אַ תלמיד־חכם ניט אַזוי מהודר אָנגעטאָן, האָט ער אויסגעטאָן זיין אייגענעם בגד און אָנגעטאָן אים דעם תלמיד־חכם מיט אַ חכמה, כדי יענער זאָל ניט מבויש ווערן.

---

[1]) ר׳ בנימין אייזנשטאַט איז אויך געווען אַ שוואָגער פון הרב הגאון ר׳ אליעזר דון יחייא בן הרב הגאון ר׳ שבתי דון יחייא, וואָס איז געווען רב אין דריסאַ 60 יאָר און שטאַמט פון דער ספרדישער מיוחסדיקער משפחה „דון יחייא". ר׳ אליעזר איז אָנגעקומען פאַר אַן איידעם ביי זיין פעטער (דער מוטערס ברודער) ר׳ אהרן זעליג ציוני. אין יאָר תרכ״ד איז ער געוואָרן רב אין וויזון, און אין יאָר תרל״ו נאָך דער פטירה פון זיין שווער ר׳ אהרן זעליג ז״ל האָט ער געירשנט זיין כסא־הרבנות אין לוצין. אין יאָר תרנ״ג האָט ער געדרוקט זיין וויכטיקן חבור „אבן שתיה" שאלות און תשובות אויף ד״ח שו״ע. ר׳ אליעזר דון יחייא איז געווען רב אין לו־צין 50 יאָר און איז נפטר געוואָרן ד׳ תמוז תרפ״ו. פון אים זיינען פאַרבליבן פיל כת״י. זיין ממלא מקומו איז זיין זון, הרב הגאון ר׳ ב״צ דון יחייא שליט״א.

צוליב זיין גרויסע צדקות האָט מען אים גערופן „ר׳ בנימין הצדיק״[2]. זיין התמדה איז געווען אַ געוואַלדיקע; אפילו אין די עלטערע יאָרן איז ער געזעסן יום ולילה און געלערנט און געשריבן זיינע חבורים. אין אוטיאַן איז ער געזעסן על כסא־הרבנות 52 יאָר. מ׳האָט אים אפילו אַריינגעשיקט כתבי־רבנות פון פיל אַנדערע גרויסע שטעט, נאָר ער האָט עס ניט אָנגענומען. אין מלחמה־צייט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן אוטיאַן און קומענדיק צוריק אין יאָר תרע״ח נאָך דער מלחמה, איז ער געווען זייער צעבראָכן און קראַנק. ער איז נפטר געוואָרן י״ג שבט תר״ף. דער טרויער אומעטום איז געווען זייער גרויס, און אַ סך רבנים האָבן אים מספיד געווען. פון אים זיינען פאַרבליבן פיל כתבי־יד. אייניקע האָבן זיינע קינדער אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט אונטערן נאָמען „משאת בנימין״, געדרוקט אין ווילנע תרפ״ה, חידושי תורה און הדרנים און נאָך פיל כתבי־יד אויפן רמב״ם, שו״ת און דרשות זיינען נאָך ניט גע־דרוקט, זיינע חידושי תורה געפינען זיך אויך אין די ספרים שו״ת „ציוני״ און „אבן שתיה״.

פון ר׳ בנימין זיינען פאַרבליבן דריי זין: דער בכור, ר׳ אברהם צבי, האָט איבערגענומען, לויט זיין צוואה, דעם כסא הרבנות אין אוטיאַן.

דער צווייטער זון פון פ״ת ר׳ משה ז״ל, איז געווען אַ סוחר, און דער דריטער, דער ייִנגסטער, איז הרב הגדול ר׳ נפתלי אייזנשטאַט שליט״א. אַז זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן, איז ער נאָך געווען אַ קליין קינד און ער האָט זיך פון דער יוגנט אָן שוין אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע כשרונות, צדקות און מדות טובות. צו 18 יאָר איז ער אָנגעקומען פאַר אַן איידעם צו אַ גרויסן גביר און אַ גרויסן ערלעכן יידן, ביי וועלכן ער איז געזעסן כל ימיו אויף קעסט און געלערנט. די לעצטע יאָרן זיצט הרב ר׳ נפתלי על התורה והעבודה, לערנט און איז מרביץ תורה ברבים אין בית־המדרש „בית יעקב״ אין ווילנע. נאָך דער פטירה פון זיין ברודער ר׳ בנימין, אוטיאַנער רב, האָבן אים די שטאָט־לייט אַריינגעשיקט אַ כתב־רבנות, נאָר צוליב זיין ענִיוות האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען די רבנות. ר׳ נפתלי מיט זיין גרויסע צדקות, זעלטענעם הדרת־פנים און מיט די אצילות, וואָס רוט אויף אים, איז אין ווילנע ביי אַלעמען זייער באַליבט און געאַכט.

די עלטערע טאָכטער פון פ״ת איז גיוועזן שיינע־מושע ע״ה, די פרוי פון הרב הגאון ר׳ מאיר מיכל כהנא, וואָס איז געווען רב אין אָשמענע און שטאַמט פון אַ סך דורות רבנים. שיינע־מושע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע גרוי־

---

1) ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין גלייכן שכל איבערהויפט אין דין־תורה׳ס, און פון אומעטום פלעגט מען זיך ווענדן צו אים מיט די שווערסטע דין־תורה׳ס אפילו פון די מלוכהשע בתי משפט (סודן) פלעגט מען אָפּשיקן צו אים אַלע שווערע ענינים, וועלכע ער פלעגט דורכפירן על צד היותר טוב.

סע כשרונות. זי האָט געוואוסט גאַנץ תנ"ך, ווי אויך מדרש און עין יעקב. זי האָט אויך געקענט פיל שפּראַכן, ווי לה"ק, דייטש, רוסיש, פראַנצויזיש און פּויליש, זי האָט פיל געהאָלפן איר מאַן אין דער הנהגה פון רבנות, אַזוי אַז ער האָט צוליב איר מיטהילף געקראָגן אַ גאָלדענעם מעדאַל. איר זון פון איר ערשטן מאַן איז דער באַוואוסטער שריפטשטעלער און רעד. פון „המליץ" לעאָן ראַבינאָוויץ („איש יהודי", וואָס איז ביז דער לעצטער צייט געווען ראש הקהלה אין לענינגראָד).

די צווייטע טאָכטער רחל, האָט חתונה געהאַט מיט אַ סוחר פון האָ־ראָדאָק, ר' מרדכי ראַבינאָוויץ נ"י.

דאָס איז אין קורצן די תולדה פון גרויסן גאון און צדיק דעם בעל פּ"ת זצ"ל און זיין פאַמיליע.

